STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00981

YAAKOV SHEYFER

Jacob Schaeffer

Permanent preservation of this book was made possible by
Allen Greenberger
in memory of
Alice & Harold Greenberger

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב שייפער

אילוסטרירטער זאַמלבוך

צו זיין פינף און צוואַנציקסטן יאָרצייט

אַרויסגעגעבן פון אידישן מוזיק פאַרבאַנד
ניו־יאָרק, 1962

JACOB SCHAEFER

a tribute to his memory

Copyright 1962 by
JEWISH MUSIC ALLIANCE
1 Union Sq. W., New York 3, N. Y.

Printed in the U.S.A. by

GRENICH PRINTING CORP.
151 W. 25th Street
New York 1, N. Y.

166

אינהאַלט:

אַ וואָרט צום לייענער — — — — — — — — — — 5
דער לעבנסוועג פון יעקב שייפער — י. ב. ביילין — — — — — 7
פאַר אַלע (ליד) — אברהם רייזען — — — — — — — — 16
טעלעגראַמע — ה. לייוויק — — — — — — — — — 16
יעקב שייפער — מ. ירדני — — — — — — — — — 17
ער האָט אָנגעצונדן נשמות — יוסף רומשינסקי — — — — — 25
מיינע ביידע באַגעגענישן מיט יעקב שייפער — משה ראַוך — — 27
יעקב שייפערס ביטראָג צו אידישער מוזיק — ישראל קאָרענמאַן — 29
דער וועג פון יעקב שייפער — פ. נאָוויק — — — — — — 32
יעקב שייפער — לאה שייפער — — — — — — — — 35
דאָס בילד — ליבע וואָלפסאָן — — — — — — — — 39
אונדזער יעקב שייפער — מ. אָלגין — — — — — — — 40
„אונדזער שייפער"! — ר. יוקלסאָן — — — — — — — 45
יעקב שייפער (ליד) — י. א. ראָנטש — — — — — — — 46
ביים וויגעלע פון „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע" — י. פריד — — — 47
פון אַ געטרייען תלמיד — נעיטן סאַמאַראָוו — — — — — 49
איז געקומען יעקב שייפער — משה נאַדיר — — — — — 51
שייפער ביי דער אַרבעט — נ. בוכוואַלד — — — — — 54
דער ערשטער אידישער פראָלעטאַרישער מוזיקער — קלמן מרמר 59
שייפער בלייבט — משה כץ — — — — — — — — 61
אַ מוזיקאַלישער מאָנומענט — גינא מעדעם — — — — — 63
יעקב שייפער — זאַרי גאָטפריד — — — — — — — 66
יעקב שייפער, דער פיאָנער — א. כאַלאָדענקאָ — — — — 71
עס לעבט זיין ליד — סעם ליפּצין — — — — — — — 73
אַ דערינערונג — מ. צעפּקין — — — — — — — — 75
אַ בריוו צו שייפערן פון כאַרקאָוו — — — — — — — 77
יעקב שייפערס אַ בריוו צו שניייערסאָן — — — — — — 78
אָשר מאָנוסאָוויטש — י. א. ראָנטש — — — — — — — 80
וואָס זאָלן מיר זינגען און שפּילן — יעקב שייפער — — — — 83
מיט שייפערן אין „קינדערלאַנד" — י. דאָראָשקין — — — — 87
מיט 22 יאָר צוריק — ש. סאַראָף — — — — — — — 89
יעקב שייפער, בויער פון די כאָרן — יצחק קעריש — — — — 91
יעקב שייפער (ליד) — י. קעריש — — — — — — — 95
איך זע אים איצט ווי אין 1914 — דזשוליוס פיין — — — — 96
דער מאָנומענט וואָס שייפער האָט געבויט — י. ספּאָקאָיני — — 98
„שאַ, שאַ! מענדעלע שלאָפט" — יאַנקל פרידמאַן — — — — 99
מיט 48 יאָר צוריק — ב. לעווקאָוויטש — — — — — — 100
פון אַ מאַנדאָלין שפּילער — אייב קענזער — — — — — 101
מאיר דאָבראָוו — — — — — — — — — — — 102

איין געשריי: שייפער מוז בלייבן! — בען געווירץ — 103
שייפער דער פאָלקס־מענטש — סעם באַראַק — 106
זינגענדיק מיט שייפערן — אייב סטיין — 108
עס געדענקט זיך — משה שעק — 109
מיין שכן יעקב שייפער — ר. סעמועלסאָן — 112
יעקב שייפער אין פּאַריז — סאָניאַ גיטמאַן — 114
דעריינערונגען וועגן שייפערן — דזשין צעפקין־גאָלדסמיט — 115
מיר 4 האָבן געזונגען מיט שייפערן — שוירלי ראָזענפעלד — 116
אין אָנדענק פון דזשעק זילבערט — 117
משה כאַסיד — יודל טאוב — 120
מענדי שיין — 123
יאָרצייט נאָך שייפער אין פילאַדעלפיע — משה כאַסיד — 125
ניו־יאָרק, — פון 126 ביז 139
פּעטערסאָן און ברידזשפּאָרט — 140
האַרטפאָרד און ספּרינגפילד — 141
לעיקוואוד און ניו דזשורזי — 142, 143
שיקאַגאָ — פון 144 ביז 150
מילוואָקי — 151
דעטראָיט כאָר — ל. גרעי — 153
באָסטאָן — 155
מיאַמי — 157
פּעטאַלומאַ — 159
סאַן־פראַנציסקאָ — 163
עלסינאָר — 166
לאָס אַנדזשעלעס — 169

CONTENTS

Remembrances of Jacob Schaefer – Edith Segal – – Page 190
Jacob Schaefer and Mendy Shain – Malke Shain – – – – 185
Kinder, Zingt – Joseph Walkowitz – – – – – – – – – – – – – 183
About Jacob Schaefer – Elie Ziegmeister – – – – – – – – – – 182
Michael Gold – – – – – – – – – – – 181
Adolf Weidig – – – – – – – – – – – 181
Alfred Frankenstein – – – – – – – 181
Musical Courier – – – – – – – – – – 180
The Music of J. Schaefer – Sidney Finkelstein – – – – – – 177

אַ וואָרט צום לייענער

דעם ערשטן דעצעמבער, 1961, איז געוואָרן 25 יאָר זינט יעקב שייפער איז געשטאָרבן, זיין אומגעריכטער, פּריצייטיקער טויט האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער ניט בלויז ביי די זינגער, מאַנדאָלין שפּילער און טויזנטער פריינט פון אידישן געזונגענעם וואָרט, נאָר נאָך היינט־צו־טאָג פילט זיך דער גרויסער פאַרלוסט. אָבער די רייכע ירושה, וואָס שייפער האָט געלאָזט נאָך זיך, לעבט אין די כאָרן איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד.

נאָך מער: אַ צאָל פון שייפערס אָראַטאָריעס און קלענערע כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס זיינען עד־היום ניט אינגאַנצן פּאָפּולאַריזירט געוואָרן. ס׳איז פאַראַן מאַטעריאַל פאַר יאָרן און יאָרן, וואָס וועט ניט פאַרעלטערט אָדער אָפּגענוצט ווערן. פאַרקערט, דיריגענטן וואָס רירן זיך צו אים, ווערן איבעראַשט פון דער פרישקייט און היינטצייטיקייט.

וואַרטן זיי נאָך אַלץ, אַט די ווערק, אויף דעם מוזיקאַלישן אָפּשאַצער, וואָס זאָל אַנאַליזירן דעם מהות פון שייפערס שאַפן.

די איצטיקע זאַמלונג, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן צום 25־יאָריקן אָנדענק, נעמט אַריין הויפּטזעכלעך עסייען, אַרטיקלען און זכרונות פון מוזיקער, שריפטשטעלער, זינגער, מיטאַרבעטער, פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן צו דער־ציילן אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער רייכער פערזענלעכקייט פון דעם טאַלאַנטפולן קאָמפּאָזיטאָר, ענערגישן דיריגענט און אָרגאַניזאַטאָר יעקב שייפער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין קרעמעניעץ, וואָלין, אין 1888 און וואָס איז געשטאָרבן דעצ. 1, 1936, אין זיין היים, אין דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־קאָלאָניע, בראָנקס, ניו־יאָרק.

אין אָט דער זאַמלונג געפינען זיך אַ סך בילדער פון שייפערס לעבן און טעטיקייטן. שייפער אַליין האָט זיך תמיד געפילט ווי איינער פון דער מאַסע, איינער פון דער משפחה זינגער און שפּילער. דערפאַר גע־פינט זיך אין דעם בוך אויך מאַטעריאַל וועגן פאַרשטאָרבענע זינגער און טוער, וואָס האָבן געהאָלפן בויען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין אידישן מוזיק־פאַרבאַנד. אָן זיי וואָלט שייפערס מי ניט געבראַכט די נויטיקע פּרוכטבאַרע רעזולטאַטן.

היינט־צו־טאָג לעבט דער כאָר אין שיקאַגע, וואָס שייפער איז געווען זיין ערשטער דיריגענט מיט 48 יאָר צוריק. היינט־צו־טאָג זיינען טעטיק אין דער כאָר־באַוועגונג זינגער, וואָס האָבן געהאָלפן שייפערן בויען דעם ערשטן כאָר אין שיקאַגע. זיי זיינען אַקטיוו סיי אין שיקאַגע, סיי אין לאָס־

אַנדזשעלעס, סיי אין פּעטאַלומאַ, ווי אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט און אפילו אַנדערע לענדער. דער שייפער גייסט לעבט און גייט איבער פון דור צו דור.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד פאַרמאָגט אין איר צוזאַמענשטעל אַזעלכע אָפּהיטער פון שייפערס ירושה ווי לאה שייפער, וואָס אָטעמט מיט די ווערק פון איר גרויסן מאַן, דעם פאָרזיצער וואָס האָט סיי אין שיקאַגע און שפּעטער אין ניו־יאָרק מיטגעאַרבעט מיט שייפערן, דעם סעקרעטאַר, וואָס האָט געהאַט די זכיה, אַז צו אַ צאָל פון זיינע לידער האָט שייפער געשאַפן מוזיק וואָס איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער און נאָך אַ צאָל מיטגלידער וואָס אַרבעטן אומדערמידלעך צו ערן דעם אָנדענק פון יעקב שייפער.

אין 1938 האָט דער מוזיק־פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן י. ב. ביילינס מאָנאָ־גראַפיע וועגן דעם לעבן און שאַפן פון יעקב שייפער. דאָרט קאָן דער לייענער געפינען גאָר ווערטפולן מאַטעריאַל. אין יאָר 1952 האָט דער פאַר־באַנד אַרויסגעגעבן דעם אַלבאָם „איך הער אַ קול”, 22 כאָראַלע קאָמפּאָ־זיציעס פון יעקב שייפערן, אויף די טעקסטן פון אידישע דיכטער און אַראַנ־זשירונגען פון פאָלקס־לידער. אין 1956 האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון פאָלקסלידער „לאָמיר אַלע זינגען”, געווידמעט דעם אָנדענק פון פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם דיריגענט פון אונדזערע כאָרן מענדי שיין, וואָס איז געווען שייפערס נאָענטער מיטאַרבעטער פון זיינע יונגע יאָרן אָן.

די איצטיקע זאַמלונג איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע, וואָס וויל דאָ אויסדריקן איר דאַנק און אָנערקענונג צו אַלע כאָרן און טוער און פריינט וואָס האָבן קאָאָפּערירט צו מאַכן מעגלעך דאָס דערשיינען פון בוך.

מיר האָפן אַז דער לייענער וואָס וועט זיך באַקענען מיטן מאַטעריאַל, וועט דערפילן דעם וויכטיקן קולטור־ווערט פון דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד מיט זיינע כאָרן און מאַנדאָלין אָרקעסטערס, וואָס זיין גייסטיקער פאָטער איז געווען יעקב שייפער, וועמעס אָנדענק מיר ווילן פאַראייביקן דורך אָט דער זאַמלונג.

רעדאַקציע־קאָלעגיע:

ר. יוקלסאָן, יעקב לייזעראָוויטש, י. פריד, י. א. ראָנטש

דער לעבנסוועג פון יעקב שייפער

פון י. ב.ביילין

I

. . . אויב מ׳זאָל אויסטיילן וועלכן עס איז איינציקן מענטשן, פון די וואָס האָבן אַריינגעמויערט ציגל אין דער געביידע, וועט עס אַלץ בלייבן דער אומשטערבלעכער יעקב שייפער. ווען דער פרייהייט געזאַנג־פאַראיין האָט געפייערט זיין ערשטן יובילײ זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן, האָט מען שוין אין שיקאַגע צוגעגרייט די פייערונג פון צענטן יובילײ פון דעם דאָרטיקן „פרייהייט״־כאָר.

און דאָס האָט געמיינט שוין צען פולע יאָרן פון שייפער־שאַפונג; פון אַ היפּשן מוזיקאַלישן רעפּערטואַר; פון אַ מוזיקאַלישער אַרבעטער־טראַדיציע; פון פּראָבעס וואו מען לייטערט ניט בלויז די שטימען און די אויערן, נאָר דעם גאַנצן באַוואוסטזיין. דאָס האָט געמיינט שוין צעוואָרפן צווישן דעם ברייטן, פאָלקסטימלעכן עולם אַזעלכע דימענטן ווי „צוויי ברידער״ און „צוועלף״. דאָס האָט געמיינט דער אָנהייב פון דער „גאָלדענער קייט״, וואָס האָט דערפירט צום העכסטן אויפשוואונג פון באַגייסטערונג אין אַזעלכע ווערק ווי „משיח בן יוסף״, ווי „אָקטאָבער״ און „קיין איינציקן שפּאַן״, ווי „געװיטער״, ווי דער „שטורעם־פויגל״ און „ביראָבידזשאַן״.

לאָרד באַיראָן איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן: „ס׳איז דאָ מוזיק אין דעם זיפץ פון אַ גרעזל און מוזיק אין דעם מורמל פון טייכל״. שייפער האָט אָבער נאָך שאַרפער און קלאָרער געהערט די מוזיק פונעם שאַפנדיקן מענטשן, פון זיינע פריידן און ליידן, די מוזיק פון זיין קאַמף, פון זיין העראָאיק. און אין קעגנווירקונג האָט ער געוואוסט ווי דער דיכטער קאָנגרעוו, אַז ניט בלויז האָט מוזיק דעם צויבער „ווייך צו מאַכן פעלזן און בויגן אַ גוזיקן דעמב״, נאָר אויך דעם „צויבער צו רירן דאָס האַרץ אַפילו פון אַ ווילדן״.

פּרעזידענט רוזוועלט האָט מיט עטלעכע טעג צוריק, צו דער געלעגנהייט פון דער צוואַנציקסטער יערלעכער פייערונג פון דער נאַציאָנאַלער מוזיק־וואָך, באַהויפּטעט: „...מוזיק בויט מאָראַל... אין משך פון יאָרהונדערטער האָט מוזיק אויך געדינט ווי אַן אוניווערסאַלע שפּראַך. פּונקט ווי די מאָדערנע וויסנשאַפט באַזיגט צייט און רוים, אַזוי ווערט מוזיק פון טאָג צו טאָג אַלץ וויכטיקער אין אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשטענדעניש״.

די פאָן פון ערשטן כאָר, שיקאַגע, 1914
(אויסגעניייט פון לאה שייבער)

שייפער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן אמת. ער האָט שוין מיט צען יאָר צוריק אויפן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון רעוואָלוציאָנערע מוזיקער אין מאָסקווע אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז מוזיק איז איינער פון די נאַציאָנאַליזירנדיקע און אינטערנאַציאָנאַליזירנדיקע קולטור־פאַקטאָרן און דעריבער אַ געוועער פאַר באַפרייאונג פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן יאָך.

שייפער איז ניט געוואָרן אַ טייל פון דעם „פאַראיין", ערשט ווען ער איז געוואָרן דיריגענט פונעם בראָנזווילער כאָר. ער איז עס נאָך פריער געוועזן, ווען ער איז נאָך געווען אין שיקאַגע. ער איז עס נאָך איצט, זעקס

און אַ האַלב יאָר נאָך זיין טויט — און ער וועט עס נאָך זיין ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער עס זאָל ניט זיין דיריגענט. אַפּילו ווען מען זינגט ניט זיינע ווערק, איז אַלץ דאָ אין דעם געזאַנג פון די ניו־יאָרקער כאָרן פון דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד דער שייפער־נוסח, דער שייפער־סטיל, דער שייפער־גייסט, וואָס אין אים לעבט ער און אָטעמט.

II

דאָס יאָר 1914 קען פאַררעכנט ווערן ווי דער געבורט־יאָר פון דער פּראָגרעסיווער אידישער מוזיק־באַוועגונג אין אַמעריקע און פאַרן אָנהייב פון דעם ערשטן פעריאָד אין שייפערס מוזיקאַליש־שעפערישער געשיכטע. ביידע זיינען אַזוי ענג צוזאַמענגעפלאָכטן, אַז עס איז אוממעגלעך זיי פאַנאַנדערצוטיילן.

שוין אין אָנהייב 1914 איז אין דעם שטאַטישן צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידישע סאָציאַליסטישע ברענטשעס אין שיקאַגע אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע, דורך דעם שרייבער פון דעם בוך, וועגן גרינדן אַ סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין. די פראַגע איז באַגעגנט געוואָרן גאַנץ קאַלט מצד די עלטערע פירנדיקע אַרטיקע אידישע סאָציאַליסטן.

עס איז אויסגעקומען דעם שרייבער צו פירן עטלעכע מאָנאַטן אַ קאַמף. סוף־כל־סוף האָט דער שטאַטישער צענטראַל־קאָמיטעט צוגעשטימט פּרינציפּיעל צו דער אָרגאַניזירונג פון אַ געזאַנג־פאַראיין.

אָן קיין שום מיטלען, בלויז דורך עטלעכע קליינע נאָטיצן אין דער „אידישער אַרבעטער־וועלט", און דורך פערזענלעכע קאָנטאַקטן, איז אויסגעוואַקסן אַ ליסטע פון אַרום 50־60 נעמען, מערסטנס פון מיידלעך און פרויען, וועלכע האָבן צוגעשטימט אָנצושליסן זיך אין אַ געזאַנג־פאַראיין. ווערדליג ווי פאַר זומער־מאָנאַטן איז דאָס געווען אַ גוט שטיקל אַרבעט. די פאָרמעלע אָרגאַניזירונג האָט בלויז געוואַרט אויף אַ פּאַסנדיקן דיריגענט.

דערווייל איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. עס האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז איצט איז ניט די צייט פאַר אַזאַ אַרבעט ווי אָרגאַניזירן נייע אינסטיטוציעס. פּעסימיסטן האָבן זיך געפּרואווט אַריינמישן און שטערן. קעגנער האָבן באַקומען נייע אַרגומענטן. אָבער די איניציאַטאָרס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט: זיי האָבן נאָך מיט מער ענערגיע צעוויקלט די אַרבעט. עס איז בלויז געבליבן די פראַגע וועגן אַ דיריגענט. דער קאָמיטעט האָט געהאַט פאַר זיך אַ צעטל פון קאַנדידאַטן, מערסטנס כאָר־דיריגענטן אין סינאַגאָגעס.

מיט אַ מאָל דערהערט מען אין שטאָט, אַז דער שטאָט־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג האָט אויך באַשלאָסן צו גרינדן אַ כאָר. פאַר צוויי כאָרן, האָט מען פאַרזיכערט, איז געוויס נישטאָ קיין פּלאַץ. מ'האָט דעם קאָמיטעט געגעבן עצות אָפּצוטרעטן דעם פּלאַן פאַרן אַרבעטער־רינג.

אָבער די איניציאַטאָרס פונעם אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין האָבן פאַרשטאַנען, אַז די באַוועגונג אין אַרבעטער־רינג פאַר אַ כאָר איז בלויז געווען אַ מאַנעוורע מצד די „אַלטע" פירער, כדי ניט צו דערלאָזן דעם אויפקום פון דעם נייעם פאַראיין. אויף אַ שטורמישער זיצונג האָט מען באַשלאָסן, אַז מ׳גייט אָן ווייטער מיט דער אַרבעט און אַז שיקאַגע איז גרויס גענוג צו האָבן עטלעכע כאָרן. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז שיקאַגע האָט עטלעכע דייטשע אַרבעטער־כאָרן און זיי זיינען גאָרניט קיין שטער איינער פאַרן אַנדערן.

ערשטע פאַרוואַלטונג, 1914.
צענטער: ביילין,
רעכטס: קאָבאַנסקי, רובינשטיין
לינקס: סילווער, אַשפּיס

זייער פאָרזיכטיק האָט דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט געוואויגן די פראַגע וועגן אַ דיריגענט. מ׳האָט ניט בלויז געוואויגן די מעלות פון אַ מוזיקאַ־לישן שטאַנדפונקט, נאָר אויך פון אַן אידעאָלאָגישן און אָרגאַניזאַטאָרישן. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף יעקב שייפערן. אין יענעם אָוונט, אין אָנהייב סעפטעמבער, 1914, איז פאַקטיש פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער איצטיקער אידישער פראָגרעסיווער מוזיק־באַוועגונג אין אַמעריקע. אין יענעם אָוונט איז אויך באַשטימט געוואָרן שייפערס ווייטערדיקער וועג אין זיין אַנטוויקלונג אַלס פּראָגרעסיווער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר.

דער גרינדונגס־אָוונט איז געווען אַ פייערלעכער און אַן איינדרוקס־פולער. שייפער האָט זיך פאַרשפּעטיקט און דער פאָרזיצער האָט פון די זעכציק פאַרזאַמלטע אויסגעקליבן אַ יונגן בחור, דאָבראָוו, אויסצוהערן די שטימען. דער דאָזיקער דאָבראָוו, אַ מאַשיניסט, איז טאַקע שפּעטער געוואָרן שייפערס געהילף, און איינער פון די איבערגעגעבנסטע בויער פון דער זייער אינסטיטוציע.

ווען שייפער איז ענדלעך אָנגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער און איבערקלאַ־סיפיצירט די שטימען, האָט זיך געפילט ווי אַלע זיינען עדות פון אַ וויכ־טיקער געשעעניש. מ׳האָט געקענט זען בחוש, ווי אונטער שייפערס אָרגאַ־ניזאַטאָרישער האַנט באַהעפט זיך ביין צו ביין, גליד צו גליד און עס ווערט

פון פאַרשיידענע אינדיווידן, מענער און פרויען — איין גאַנצער לעבעדיקער אָרגאַניזם.

אין די וואַלן צום ערשטן פּרעזידיום, אָדער פאַרוואַלטונג, מיט וועלכע שייפּערן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און עטאַבלירן די נייע אָרגאַניזאַציע, זיינען דערוויילט געוואָרן: י. ב.ביילין, פּרעזידענט; אברהם קאָכאַנסקי, סעקרעטאַר, און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער — נחום אספיס, י. זילבער, ל. רובינשטיין.

צווישן דער פאַרוואַלטונג און שייפּערן האָט זיך אייגעשטעלט אַן אויסערגעוויינלעכע האַרמאָניע און מיטאַרבעטערשאַפט. שייפּער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע איבערגעגעבענע ענערגישע מענטשן, וואָס פיבערן מיט אַקטיוויטעט און ענטוזיאַזם פאַר זייער אַרבעט. די פאַרוואַלטונג האָט צעוויקלט אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט מיט פליכטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן באַזונדער. די פראָבן זיינען געהאַלטן געוואָרן אין שטרענגער אָר־דענונג. דאָס ערשטע ליד, וואָס מ׳האָט איינגעשטודירט, איז געווען דער „אינטערנאַציאָנאַל" אין פיר שטימען, וואָס שייפּער האָט קונציק אַראַנ־זשירט. ער האָט געשאַפן פאַר די אַלטאָס אַ באַגלייטונג, וואָס איז פאַר זיך גופא געווען אַן אייגנאַרטיקע מעלאָדיע, און האָט בייגעטראָגן צו דעם אָריגינעלן לייט־מאָטיוו אַ ספּעציעלע פייערלעכקייט און קרעפטיקן שוואונג.

אויף די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג פלעגן פאַרהאַנדלט ווערן ניט בלויז פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע אָדער פינאַנציעלע פראַגן, נאָר אויך פּרינציפּיעלע, אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. מ׳האָט געהאַנדלט וועגן טעקסטן, וועגן פאָלקס־לידער, וועגן באַהעפטן קלאַסישע מוזיק צו נייע פּראָלע־טאַרישע טעקסטן און וועגן אַ נייער רעקרוטיר־קאַמפּאַניע. דער לאָזונג איז געווען צו האָבן צום ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט הונדערט זינגער.

שייפּער האָט זיך אידעאָלאָגיש געלאָזט פירן. ער האָט זיך באַצויגן צו די פירער פון דעם פאַראיין מיט גרויס אַכטונג. ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר זייער אידעאַליזם און פאַר זייער געזונטן פּראַקטישן חוש; פאַר זייער פּרינציפּיעלקייט און פאַר זייער רעאַליזם; פאַר זייער ברויזנדיקער אַק־טיוויטעט און מסירת־נפש פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

די פאַרוואַלטונג אַליין וואַקסט אין פּראָצעס פון איר אַרבעט און שייפּער מאַכט דעם וואוקס טריט ביי טריט. דערפאַר מאַכט די פאַרוואַלטונג מעג־לעך פאַר שייפּערן אַ גלאַטן אַרבעטס־וועג, באַפרייט אים פון אַ סך דעטאַלן און שאַפט פאַר אים אין די געזאַנגס־סעקציעס און אין דעם גאַנצן כאָר יענע אַטמאָספערע, וואָס האַלט אין איין דערמוטיקן און אין איין שטויסן צו העכערע אַנטוויקלונג־שטאַפּלען.

יעדע פּראָבע אָדער פאַרזאַמלונג פון דער מיטגלידערשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פייערלעכן אָוונט. דאָס זינגען קומט פאָר ווי עפּעס אַ הייליקער צערעמאָניאַל: מיט ערנסט, מיט באַטאָנענדיקער כוונה אין יעדן

וואָרט, מיט גליענדיקער קאַמפּס־פרייד אין די הערצער און מיט גרייטקייט אויף אַלץ. אַ חברשאַפט ווערט געשלאָסן אויף לעבן און טויט, אַ בונד פון פריינטלעכע וואַרעמע פעדים בינדט אַלעמען אַרום יוי איין געטרייע, צו־זאַמענגעשלאָסענע פאַמיליע. און שייפער ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסגערוקט אינעם סאַמע פּראָנט פון אָנזען און אויטאָריטעט, פון אמתער ליבשאַפט און טרייהייט, און שייפער רוקט אַרויס דעם פאַראיין צו אַלץ גרע־סערן אָנזען און קוואַליטעט.

ביים וויגעלע: יעקב שייפער און מאיר דאַבראָוו, שיקאַגע, 1914

III

איינער פון די הערלעכסטע און שעפערישסטע פעריאָדן אינעם לעבן און ווירקן פונעם אַמאָליקן פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם איצטיקן אידישן פילהאַרמאָנישן פאָלקס־כאָר, איז געווען דער שייפער־פעריאָד. אַז מ׳וויל, הייבט זיך דער דאָזיקער פעריאָד אָן צוזאַמען מיט דעם אַנטשטיין און געבורט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, נאָך איידער יעקב שייפער איז דאָ געוואָרן זיין פירער און דיריגענט.

יעקב שייפער האָט נאָך דאָ אין ניו־יאָרק פאַרזייט אייניקע קערנדלעך אין 1918־1919, ווען ער האָט דאָ און אין פּעטערסאָן אַ קורצע צייט אָנגעפירט „האַרפע"־כאָרן. אָבער אַפילו אַז ער איז צוריק אָפּגעפאָרן אויף עטלעכע יאָר קיין שיקאַגע, האָט זיך זיין דאָרטיקער שטייגנדיקער דערפאָלג דערטראָגן קיין ניו־יאָרק. ווען דער פרייהייט געזאַנג־פאַראיין האָט זיך דערנאָך, אין 1923, געגרינדעט אין ניו־יאָרק, איז זיין ערשטער דיריגענט, לאַזאַר ווײַנער, געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט שייפערן, געקראָגן פון אים אָנווייזונגען און עצות. און אויף אַזוי פיל האָט זיך שוין דאָ געפילט די שייפער־אַטמאָספער, אַז ווײַנער ברענגט אַראָפּ שייפערן צום ערשטן קאָנצערט אין ניו־יאָרק (25 פעברואַר, 1924) און שייפער קריגט אַ באַגייסטערנדיקע אָוואַציע.

אָבער כאָטש שייפער איז דעמאָלט נאָך צוריקגעפאָרן קיין שיקאַגע, האָט שוין זיין גייסט זיך געפילט דורך זיינע קאָמפּאָזיציעס, אויף אַלע אַרויסטריטן. אין 1925 האָט לאַזאַר ווײַנער איינגעשטודירט מיטן כאָר פונעם געזאַנג־פאַראיין שייפערס „צוויי ברידער" און געשטאַנען אין אָפטן קאָנטאַקט מיטן מחבר וועגן דער אויפפירונג.

שייפערס השפעה האָט זיך שטאַרקער גענומען פילן, ווען ער איז אין זומער 1925 אינגאַנצן אַריבערגעקומען קיין ניו־יאָרק אויף צו באַזעצן זיך. אין די ערשטע 4־5 יאָר טיילט ער דעם דאָזיקן איינפלוס מיט ל. ווײַנערן. שייפער האָט אָנגעפירט מיטן כאָר אין בראָנזוויל און אין פּעטערסאָן, בעת ווײַנער האָט נאָך אָנגעפירט מיטן הויפּט־כאָר אין מאַנהעטן. אָבער ביסלעכווייז ווערט זיין נאָמען און איינפלוס וואָס אַמאָל אַלץ קרעפטיקער.

ווען דער כאָר, מיט ווײַנערן אַלס דיריגענט, טרעט אַרויס דעם 20טן פעברואַר, 1926, אין מעקאַ טעמפּל פאַר אַרום 4,000 צוהערער מיט שייפערס „צוויי ברידער", ווערט עס שוין דעמאָלט אַ געשעעניש אין דער „מוזיק־גאַס". נישט בלויז הערט איר די מעלאָדיעס פון די „צוויי ברידער" וואו איר שטייט און גייט — אַזוי האָבן זיי פאַרכאַפּט דעםברייטן עולם — נאָר איר לייענט אויך און גלויבט זיך נישט אייערע אויגן... דער יונגער כאָר פונעם דעמאָלטיקן „פרייהייט געזאַנג־פאַראיין" ווערט שוין שטאַרק געלויבט אינעם ערנסטן ניו־יאָרקער מוזיק־זשורנאַל „מיוזיקל קוריער".

אַזאַ אָפּרוף פון אַ זייטיקן, רייז־ מוזיקאַלישן ווינקל, איז זעלטן צו גע־פינען בנוגע אַזאַ יונגן כאָר, יונגן דיריגענט און יונגן קאָמפּאָזיטאָר. אין דער „פרייהייט" גופא האָט זיך אין יענעם ווינטער אָפּגעטאָן אויף טיש און אויף בענק. ביידע באַוועגלעכע גייסטער פון דער דאָזיקער צייטונג אין יענער צייט, מ. אָלגין און שכנא עפּשטיין, האָבן גענומען אַ טיפן אינטערעס אין דעם געזאַנג־פאַראיין, ווי דאָס טוט איצט דער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט" פּ. נאָוויק. דורכן גאַנצן ווינטער זיינען פאָר־געקומען לעקציעס און דיסקוסיעס וועגן די „צוויי ברידער" און „משיח בן יוסף", וואָס שייפער אַליין האָט דיריגירט.

און ווען „משיח בן יוסף" איז געשטעלט געוואָרן דעם זעלבן פרילינג (24טן אַפּריל), אין דעם זעלבן מעקאַ טעמפּל, איז דער עולם געווען נישט ווייניקער אין צאָל און אין באַגייסטערונג ווי ביי די „צוויי ברידער", כאָטש דער „איין משיח" איז אַ סך שווערער און פאַרוויקלטער ווי „ביידע ברידער". עס איז געוואָרן קלאָר, אַז אויף דער פּראָגרעסיווער אידישער אַרבעטער־גאַס ווערט געשאַפן נישט בלויז אַ וואונדער־שיינע כאָר־באַוועגונג און פיינע אָרקעסטערס, נאָר עס ווערט דורך זיי דערצויגן אַ ברייטע מוזיק־אוידיטאָריע, אַ באַגייסטערטער און דורשטיקער עולם, וואָס ווערט מיטגעריסן און דער־הויבן ביי יעדן קאָנצערט.

מיט די וויטערדיקע יאָרן, ווען שייפער האָט אַליין איבערגענומען דעם הויפּט־כאָר און איינגעזונגען מיט אים אַזעלכע פון זיינע שאַפונגען ווי „קירכן־גלאָקן" פון אברהם רייזען און די „צוועלף" פון אַלעקסאַנדער בלאָק, איז דער כאָר וויטער געשטיגן פון איין טרעפּל צום צווייטן. אויך די „צוועלף" האָט אָנגעריסן צווישן ברייטן עולם און, מיט קליינע אויסנאַמען, אויך די קלענערע שייפער־קאָמפּאָזיציעס און פאַרשיידענע אַראַנזשירונגען פון פאָלקס־לידער און קאָמפּאָזיציעס פון קלאַסישע און היינטצייטיקע מוזיקער, וואָס שייפער האָט איינשטודירט, ווי פריער לאַזאַר וויינער, מיט אַזויפיל עלעגאַנץ און פּינקטלעכקייט.

און ווען עס איז געשאַפן געוואָרן שייפערס „קיין איינציקער שפּאַן", פון פּרץ מאַרקיש, האָט ווידער דער כאָר געקראָגן נייעם אימפּעט און נייע כוחות. אָבער באַלד האָט זיך אָנגערוקט דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער חורבן. דער כאָר האָט געוואַלדיק געליטן. שייפער האָט אָבער וויטער געטאָן זיינס. ער האָט געשאַפן אַ ניי מוזיקאַליש ווערק צום אַנטאָלאָגישן טעקסט, וואָס נ. בוכוואַלד האָט צוזאַמענגעשטעלט וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און ווידער האָט דער כאָר אויפגעלעבט, און ווידער האָט ער געמאַכט קלינ־גען די שויבן פון די גרעסטע מוזיק־זאַלן אין ניו־יאָרק!

און אַזוי איז דער שייפער־פּעריאָד געווען פול מיט שאַפונג־יאָרן, וואָס האָבן יעדן מאָל געגעבן דעם כאָר, און די גאַנצע אידישע פּראָגרעסיווע מוזיק־באַוועגונג, אַ הייב העכער און העכער.

נאָכן „אָקטאָבער״ איז געקומען דער „געוויטער״, אויך אַ רעוואָלוציאָנערע פּאָפּורי, פון י. גרינשפּאַן. שייפער האָט ווידער זיך געפונען, אַריינגעבלאָזן די הייסע פונקען פון זיין נשמה אינעם כאָר, און דער כאָר האָט עס אַריינגעבלאָזן אין טויזנטער! אַזוי זיינען שפּעטער געשאַפן געוואָרן פון שייפערן די וואונדערבאַרע קאַנטאַטע אויף דער טעמע פון מאַקסים גאָרקיס „שטורעם־פויגל״, אין דער מייסטערהאַפטער איבערזעצונג פון מ. אָלגין, און שפּעטער — „ביראָבידזשאַן״, די לעצטע גרויסע אָראַטאָריע זיינע, וואָס ער האָט נאָך דערלעבט אַליין צו דיריגירן צוויי מאָל, איידער ער האָט אויף אייביק אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט דאָס דיריגיר־שטעקעלע.

דער שייפער־פּעריאָד אין כאָר, וואָס האָט אים געשאַפן אַ רייכן רעפּערטואַר אויך אויפן געביט פון לייכטער פאָלקישער, שפּילעוודיקער מוזיק, ווי למשל, „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״, יאָסל קאָטלערס „נישקאַ״, „מ׳כאַפּט אים און מ׳קלאַפּט אים״, דער „גאָלדפאַדן לידער־קראַנץ״, איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אַפילו מיט זיין פּלוצלונגדיקן טויט. ער ווערט פּאַקטיש פאַרגעזעצט מיט פיל פאַרשטענדעניש און קראַפט פון פיל תלמידים זיינע און מיטצייטלער.

.1948

עקזעקוטיווע פון שיקאַגער כאָר, 1917
יעקב שייפער און דאָבראָוו אין צענטער

פאַר אַלע

(פ ע ר ז ן)

פון אברהם רייזען

י. שיפערן און דעם פרייהייט־געזאַנגס־פאַראיין אַ מתנה.

עס וועט ניט פאַרשווינדן,
פאַרשעמט וועט ניט ווערן
די האָפענונג, וואָס מוטיקט
און טרייסט אונדז אין פיין;
דאָס ליד וועט זיך טראָגן,
דאָס ליד וועט זיך הערן,
פון לאַנד, פון דעם נייעם,
פול וואונדער און שיין.

פאַר אַלע, וואָס וואַרטן
געהיים און פאַרבאָרגן;
פאַר מידע, וואָס מונטערט
דעם אָנזאָגערס טריט;
פאַר אַלע זאָל ווינקען
דער ליכטיקער מאָרגן;
פאַר אַלע זאָל קלינגען
אין כאָר אונדזער ליד.

1928.

אויסצוג פון אַ טעלעגראַמע פון ה. לייוויק, דעצ. 3, 1936

„שייפער איז געווען דער שענסטער אויסדרוק פון די רעוואָלוציאָנערע, שעפערישע כוחות, וואָס ליגן אין די טיפענישן פון די אידישע אַרבעטער־און פאָלקס־מענטשן. זיין קורץ לעבן איז געוואָרן אַ גרויס, הערלעך ווערק. מיין טיף מיט געפיל הברטע שייפער”.

יעקב שייפער

(צו זיין 25טן יאָרצייט)

פון מ. ירדני

די טעמע פונעם געזונגענעם אידישן ליד און פּאָעמע, טאָן און קלאַנג אין אַמעריקע, איז אַ ברייטע, אַ ליכטיקע און אַ פריידיקע — אַ טעמע, וואָס קאָן קלעקן פאַר אַ סאָלידן בוך.

נאָך דער ליטורגישער נגינה, באַלד אין די ערשטע יאָרן אינעם לעבן פונעם אידישן ישוב אין אַמעריקע הויפּטזעכלעך צווישן די אידישע אימי־גראַנטן פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וואָס איז מיט דער צייט דאָ געוואָרן דער רוב־מנין, ורוב־בנין פונעם אַמעריקאַנער אידנטום, האָט שטאַרק דאָמינירט די אידישע טעאַטער־מוזיק.

און נאָך דער אידישער טעאַטער־מוזיק איז געקומען דאָס אידישע פאָלקס־ליד; דערנאָך — דאָס אידישע פאָלקסטימלעכע־ליד, און ערשט שפּעטער — דאָס אידישע דיכטעריש־ליד און פּאָעמע.

אַזוי איז געווען דער גאַנג פון דער אידישער נגינה און מוזיק אין אַמעריקע.

דער היסטאָריקער פון אידישער געשיכטע אין אַמעריקע וועט זיך דאַרפן אָפּשטעלן אויף דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון די אידישע פאָלקס־כאָרן דאָ־הי, וועלכע פאַרנעמען אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט אין אונדזער אידישן קולטורעלן לעבן. יעדער איינער: דער אידישער מוזיק־פאַרבאַנד מיט זיינע כאָרן און מאַנדאָלין־אָרקעסטערס; דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד מיט זיינע כאָרן; דער אַרבעטער־רינג מיט זיינע כאָרן; דער זיל־בערטס געזאַנג־פאַראיין; דער אידישער קולטור־כאָר; די כאָרן פון די אי־דישע „וואַיס" — יעדער באַזונדער האָט אויף זיין שטייגער גרויסע פאַר־דינסטן פאַרן אידישן ליד און קלאַנג. אַדאַנק זיי איז דאָס געזונגענע אידישע ליד און קלאַנג געהערט געוואָרן פון צענדליקער טויזנטער אידן איבער גאַנץ אַמעריקע.

און פאַרשטייט זיך, אַז אַ גאַנץ גרויסן חלק אין די פאַרדינסטן פון די אידישע פאָלקס־כאָרן אין אַמעריקע האָבן די פאַרשיידענע אידישע מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָרן און דיריגענטן, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט גאָר אַ סך כוחות

און זיי געגרינדעט און געהאַלפֿן אויפֿבויען. די אַרבעט איז ניט געווען קיין גרינגע אָבער די ליבע און איבערגעגעבנקייט מצד די קאָמפּאָזיטאָרס און די־ריגענטן צום אידישן וואָרט, צום אידישן ליד און קלאַנג האָט אַלצדינג גובר געווען. דער אידישער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט האָט זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. דער אידישער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט האָט זיך ניט גערעכנט מיט די שווערסטע אומשטענדן און באַדינגונגען, אַבי נאָר צו שאַפֿן און צו ברענגען דאָס געזונגענע אידישע וואָרט צום ברייטן אידישן עולם.

די אויפטואונגען און דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון אידישן כאָר־געזאַנג אין אַמעריקע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין קאָלאָסאַל. עס זיינען דאָ געשאַפֿן געוואָרן גרויס־ווערטיקע מוזיקאַלישע ווערק. די יערלעכע קאָנצערטן פֿון די פֿאַרשיידענע אידישע פֿאָלקס־כאָרן אין אַמעריקע זיינען געוואָרן אַ שם־דבר אויף דער היגער אידישער גאַס. אַחוץ דעם באַשיינען זיי אונדזערע פֿאַר־שיידענע קולטור־ימים־טובים מיט זייערע ספּעציעלע אויפֿטריטן. די כאָרן גיבן־צו אָן אַ שיעור קאָליר און אַ ספּעציעלן טעם אונדזער גייסטיקן אידישן לעבן. זיי ברענגען אַריין פֿרייד און יום־טוב אין אונדזערע הערצער און נשמות. אָן די אידישע פֿאָלקס־כאָרן וואָלט דאָ געווען אומעטיק...

איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע בויער און שאַפֿער פֿון דער אידישער נגינה און מוזיק און אידישע פֿאָלקס־כאָרן אין אַמעריקע איז געווען דער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט, יעקב שײפֿער, וועמעס 25טער יאָרצייט עס ווערט איצט געפֿייערט.

יעקב שייפער פֿאַרנעמט אַן אייגנאַרטיקן אָרט אין דער מאָדערנער אי־דישער מוזיק, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין אַמעריקע. איידער ער האָט זיך באַוויזן איז די אידישע מוזיק באַשטאַנען דאָ מייסטנס פֿון קליינע מיניאַטור־לידער און קורץ־אָטעמדיקע כאָר־קאָמפּאָזיציעס. וויטער פֿון אַכט אָדער צוועלף־שורהדיקע לידער, קליינע כאָר־קאָמפּאָזיציעס, אַ פּאָר אָרעמע אַראַנ־זשירונגען פֿון אייניקע פֿאָלקס־לידער, איז מען ניט אַוועק. ווידער „בולבעס" און נאָכאַמאָל „בולבעס". אָבער וויפֿל איז דער שיעור צו עסן „בולבעס"? אַחוץ „בולבעס" איז דאָך פֿאַראַן נאָך עפּעס! און אָט דער „עפּעס" האָט אינ־גאַנצן געפֿעלט אין דער אידישער נגינה אין אַמעריקע.

איז געקומען יעקב שייפער, האָט אָט דעם „עפּעס" מתקן געווען און אַריינ־געבראַכט אין דער אידישער מוזיק אין אַמעריקע — און עס איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן: די אידישע מוזיק האָט אויפגעלעבט, אויפגעבליצט, אויפ־געשטראַלט, זיך געטאָן אַ צעהעל און אַ צעבלי, אַ צעוויג און אַ צעזינג, סיי אין איכות און סיי אין כמות.

לאַנג האָט דאָס אידישע ליד אין אַמעריקע געוואַרט אויף יעקב שייפערן. אָבער עס איז כדאַי געווען דאָס וואַרטן. עס האָבן זיך פֿאַר דער אידישער מוזיק דאָ באַוויזן גאַנץ נייע זינגעוודיקע און שפּילעוודיקע האָריזאָנטן. פֿון שמאָלע זייטיקע מוזיקאַלישע סטעזשקעס און שטעגן איז זי אַרויס אויף ברייטע



יעקב שייפער מיטן פרייהייט געזאַנג-פאַראיין און יוגנט-כאָר, ניו-יאָרק, 1935

וועגן, טראַקטן און שליאַכן. פון קליינע מיניאַטור־לידער און קורץ־אָטעמדיקע קאַר־קאָמפּאָזיציעס — צו פאַרנעמיקע אָראַטאָריעס, קאַנטאַטעס, אונטער דער באַגלייטונג פון גרויסע סימפאָנישע אָרקעסטערס. פון קליינע זאַלן מיט הייפעלעך מענטשן — צו פול־געפּאַקטע אוידיטאָריעס ווי: קאַרנעגי האָל, טאַון האָל, מעדיסאָן סקווער־גאַרדן, מעקאַ טעמפּל, בראָנקס קאָליסעאום, האָנטער קאַלעדזש אוידיטאָריום.

יעקב שייפער האָט געוויזן דעם וועג. אידישע קאָמפּאָזיטאָרס האָבן איבער גאַנץ אַמעריקע פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך מיט פרישן ברען און יוגנטלעכן אימפּעט אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט. עס האָט געוויינט מיט שאַפערישקייט, מיט אויפגאַנג, פאַרמעסטונגען און דערגרייכונגען, מיט אָנשלאָגן נייע טענער און צוזאָג. אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער אידישער מוזיק אין אַמעריקע וועט יעקב שייפער בלייבן: דער ערשטער און אָריגינעלער שאַפער ביי אידן פון גרויסע אידישע אָראַטאָריעס און קאַנטאַטעס.

יעקב שייפערס אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט, זיין ענערגיע, ווילנסקראַפט, גייסט און נשמה, און דער עיקר, זיין מוזיקאַלישער טאַלאַנט, לאָזט זיך הויפּטזעכלעך דערקענען אינעם מהות און גאַנג פון זיין אייגענעם טאָן און מוזיקאַלישער פּראַזע, אין די אַלע מאָטיוון, ניגונים און מעלאָדיעס, וועלכע ער האָט אַזוי נגינהדיק „אַריינגעהובלעוועט” (ער איז געווען אין דער יוגנט אַ סטאָליאַר!), אין זיינע פיל־צאָליקע קאָמפּאָזיציעס — צו די טעקסטן פון פאַרשיידענע אידישע פּאָעטן, וועמעס געפילן און שטימונגען, געדאַנקען און טראַכטונגען ער האָט געהאָלפן פאַרפלאַנצן אין אידישן לעבן צווישן די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע.

זינט זיין געבוירן אָן, איז יעקב שייפערס לעבן באַשטאַנען פון אויסדריקן און אַרויסזאָגן זיך דורך דעם געזונגענעם שאַפנדיקן וואָרט. ער האָט אָנגעהויבן פונעם רעליגיעזן וואָרט אין שול אין זיין היים־שטעטל, אין וואָלין, און האָט פאַרענדיקט מיטן מאָדערנעם אידישן אַרבעטער־ליד און פּאָעמע אין קאַרנעגי האָל, אין ניו־יאָרק. עס איז אַ גאַנץ ווייטער מהלך אָט דעם דאָזיקן וועג דורכצומאַכן. מ׳דאַרף האָבן שטאַרקע כוחות אים דורכצושפּאַנען. עס פאָדערט זיך צו זיין אַן אמתער גבור, כדי נישט צו פאַרפאַלן ווערן ערגעץ אונטערוועגנס. אָבער אַן אמתער געבענטשטער טאַלאַנט שלאָגט זיך דורך אפילו דורך פעלזןשטיינער.

און יעקב שייפער איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט, אַ שפּרודלדיקער מוזיקער — אַ געבאָרענער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם אידישן מעלאָס, דעם אידישן מאָטיוו, דעם אידישן ניגון, דעם אידישן פאָלקס־נוסח, פאָלקס־טאָן, און פון וועמען עס האָבן געשלאָגן וואונדערלעכע טיפע קוואַליקע שטראָמען פון אידישן געזאַנג, אידישער נגינה און מוזיק.

דערצו זיינען יעקב שייפערס קאָמפּאָזיציעס אַלע דורכגעדרונגען, סיי מיט זיין אייגענעם לעבנס־באַנעם און סיי מיט דעם לעבנס־באַנעם פון די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען שטענדיק, קאָן מען זאָגן, געווען זיין טאָג־טעגלעכע שפּייז, זיין לופט און זיין וועלט. דערפון — זיין טיפע קרובהשאַפט צווישן אים און די ברייטע אידישע פאָלקס־שיכטן. ער האָט אויף אַ דירעקטן און קלאָרן אופן, אַרויסגעזונגען די אַלע געפילן און שטרע־בונגען, חלומות און האָפענונגען, וואָס האָבן געגליט און געפלאַקערט טיף אין די הערצער פון די אידישע פאָלקס־מענטשן. ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון זייערע אידעאַלן, קעמפערישקייט, רעבעלישקייט, פון זייער איינשטעלן זיך פאַר גערעכטיקייט, און האָט דאָס אויף זיין אייגענעם מוזיקאַלישן אופן דורך וואונדערלעכע נגינהדיקע טענער און האַרמאָנישע קלאַנגען געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע פאַרשיידענע שאַפונגען.

שייפערס גאַנצער שאַפן, צו דערמאָנען נאָר זיינע פיר אָראַטאָריעס ווי פּרצעס „צוויי ברידער", אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף", „אָקטאָבער" און „בירא־בידזשאַן", אָדער אָט די צוויי קלענערע קאָמפּאָזיציעס ווי באָוושאָוועס „הויב אויף דיינע אויגן" און י. ראַנטשעס „אונדזער פירער", טראָגן אין זיך צוזאַמען מיטן פלאַמיקן פּראָטעסט, רעוואָלוציאָנערישקייט אויך דעם הייסן רוף צו אַמתער פאַרברידערונג, צו מענטשלעכקייט און צו אַ ליכטיקער צוקונפט. ער האָט אין יעדער קאָמפּאָזיציע זיינער נייע פעדים אַריינגעוועבט און אין יעדער איינער פון זיי געלאָזן אויפדעקן פאַר אונדז זיינע דערפינ־דערישע מוזיקאַלישע וועגן און פאַרמעסטונגען.

און פונקט ווי יעקב שייפער האָט געקאָנט זיין ערנסט און דערהויבן אין זיינע מערסטע שאַפונגען, אַזוי האָט ער אויך געקאָנט זיין שטיפעריש און שפּילעוודיק ביז גאָר, ווי ער האָט עס גאַנץ כאַראַקטעריסטיש און בולט דע־מאָנסטרירט אין זיין וואונדערלעכער שאַפונג צו יאָסל קאָטלערס שפּילעוודיק הומאָריסטיש ליד „נישקאָ"! יעדעס מאָל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן דעם אידישן פילהאַרמאָנישן פאָלקס־כאָר זינגען אָט־די קאָמפּאָזיציע, האָב איך אָנגעקוואָלן פון דער סאַטיריש־זינגעוודיקער אַרכיטעקטאָנישקייט, וואָס דער מחבר האָט אַריינגעהומאָרט אין דעם. דאָס זעלביקע, גלויב איך, קאָן אויך געזאָגט ווערן, וועגן זיין שפּרודלדיקער אַראַנזשירונג פונעם פאָלקס־ליד: „אוי, אוי, יאַשקע פאָרט אַוועק"!

***

יאָ, די אידישע נגינה און מוזיק אין אַמעריקע, האָט אין יעקב שייפערן פאַרלאָרן אַ קאָמפּאָזיטאָר פון גרויסן פאַרנעם און באַטייט. עס איז פשוט צו באַוואונדערן, ווי אַזוי ער האָט אין אַזאַ קורצער צייט באַוויזן איבערצולאָזן אַזאַ רייכן אוצר פון אידישע מוזיקאַלישע שאַפונגען. ער האָט געמוזט זיין אַ העכסט־ענערגישער מענטש, עס האָט אים געצויגן צו אַלץ־גרעסערע פאַר־

מעסטן, וואו זיין טאַלאַנט האָט געקאָנט קומען צום פולן אויסדרוק. ער האָט זיך מיט זיין גאַנצן מוזיקאַלישן כוח אַראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פון דער אידישער מוזיק און אויסגעזוכט דאָרט די שענסטע פּערל און דערנאָך מיט זיי באַשטראַלט זיינע ווערק.

יעקב שייפער האָט געוואוסט פון וואַנען ער קומט, און וואָס ער וויל אין זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען. ער איז נישט געגאַנגען צו קיין פרעמדע קוואַלן זוכן טענער און טעמעס, ער האָט זיי געהאַט ביי זיך טיף אין בלוט, אָדערן, האַרץ און נשמה. זייענדיק דורכגעזאַפּט מיט דער אידישער נגינה פון זיין פריעסטער יוגנט אָן, צוערשט ווי אַ משורר ביי חזנים, און דערנאָך אויך ווי אַ דיריגענט אין שולן, האָט ער געשעפּט די נגינה פון אידישע קוואַלן. אַלטע אידישע נוסחאות האָבן געקראָגן אַ נייעם תיקון אין זיינע מוזיקאַלישע ווערק, — דער עיקר לאָזן זיך אָט־די דורכגעזיפּטע און געלייטערטע אַלטע אידישע נוסחאות אַרויסהערן אין אַזעלכע ווערק ביי אים, ווי פּרצעס „צוויי ברידער", באַוושאַוועס „הויב אויף דיינע אויגן" — און אַפילו אין יאַסל קאַטלערס „נישקאַ".

אַוודאי, ווי שטאַרק עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שייפערן געווען דאָס זוכן פאַר זיינע שאַפונגען כסדר נייע אויסדרוקס־פאָרמען, נייע וועגן און מעגלעכקייטן ווי אַזוי צוס בעסטן אַרויסברענגען דעם אינהאַלט פונעם ליד אָדער פּאָעמע מיט דער הילף פון מוזיקאַלישע קלאַנגען, איז אָבער דאָך נישט אומעטום און ווייט נישט אין אַלצדינג אים געלונגען אַרויסצוברענגען תמיד דווקא דאָס וואָס אים האָט זיך דורכאויס געוואָלט. ערגעץ־וואו האָט ער אַוודאי געמוזט בלייבן אַן אומצופרידענער מיט זיך, צוליב אַ געוויסער פראַזע דאָ און אַ געוויסער שטעל דאָרט. בדרך־כלל אָבער איז שייפער דערגאַנגען צו אַ שלימות אין זיינע שאַפונגען, וועלכע גאָר אַ סך פון די גרויסע אידישע קאָמפּאָזיטאָרס וואָלטן זיך עס געוואונטשן.

למשל, פון אַ ריין מוזיקאַלישן שטאַנדפּונקט, איז די אָראַטאָריע „בירא־בידזשאַן", בלי־שום־ספק, שייפערס גרעסטע מוזיקאַלישע ווערק. דאָ באַווייזט ער זיך ווי אַ רייפער און דערפאַרענער קאָמפּאָזיטאָר אין זיין פולער פּרוכטיקייט און צעהעלטקייט. אָבער דער גאָלדענער גלאַנץ פון צייטיקן האַרבסט, וואָס רוט פולבלוטיק, מיט ציין און פלייש, זאַפטיקייט און רייפקייט אויף דער אָראַטאָריע „בירא־בידזשאַן", קאָן באַין אופן נישט קאָנקורירן מיט דעם צעפרילינגטן בלויען באַגינען, טויאיקייט און פרישקייט, וואָס גרינט און שימערירט שטענדיק אויף דער אָראַטאָריע די „צוויי ברידער" — צוליב דער אויסעראָרדנטלעכער פאָלקסטימלעכקייט און אמתדיקייט פון דער מוזיק, מיט וועלכער די אָראַטאָריע איז אָנגעלאָדן. סיי דאָס כאָראַלע געזאַנג און סיי די אָרקעסטראַלע באַגלייטונג קלינגען אָריגינעל־אידישלעך; דער אידישער נוסח, קנייטש, פאָלקס־מאָטיוו, אַזוי גוט ווי דער אידישער טראָפּ, דאָמינירט, באַהערשט און באַצווינגט אייך. וויפל מאָל איר זאָלט אָט די אָראַטאָריע ניט הערן, וועט איר זי וועלן הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

אין דער אָראַטאָריע די „צוויי ברידער" זינגט יעקב שייפער אַקוראַט ווי דאָס פאָלק האָט געפילט און געוואָלט, אַז ער זאָל זינגען, בעת אָבער אין דער אָראַטאָריע „בירא־בידזשאַן" זינגט יעקב שייפער ניט לויט די פאָלקס־געפילן, נאָר דורכאויס לויט זיינע אייגענע קינסטלערישע געפילן, וואָס האָבן אים דיקטירט. ער האָט אין דער דאָזיקער אָראַטאָריע פּרובירט ניט צו זיין פראָנטאַל נאָר אַוועקגיין אין אַ זייט, האָט דאָס פאָלק זיך נישט דערקענט, און דעריבער האָט עס „בירא־בידזשאַן" ניט אויפגענומען מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג, ווי עס האָט אויפגענומען די „צוויי ברידער".

אַוודאי האָט שייפער אין „בירא־בידזשאַן" אַריינגעטראָגן עפּעס גאָר אייגנס, גאָר אָריגינעלעס, וואָס וועט ניט וויניק באַאיינפלוסן די אידישע קאָמפּאָזיטאָרס, שאַפנדיק אין אַ געוויסער מאָס אַן אייגנאַרטיקן סטיל. אָבער עס דאַרף נאָך געדויערן אַ סך צייט ביז די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן, און אַפילו די אידישע אינטעליגענץ, וועלן זיך מוזיקאַליש אויסבילדן אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן קאָנען „צעקייען" און אויפנעמען אַזאַ הויך־מוזיקאַליש ווערק.

איך אַליין, דעם אמת זאָגנדיק, בין פאַרליבט ביז איבער די אויערן אין דער אָראַטאָריע די „צוויי ברידער". איר קאָנט זיך ניט העלפן. איר מוזט זיין פאַרליבט אין דער מוזיק פון די „צוויי ברידער", ווייל נאָך אַלעמען בלייבט פאָרט מעלאָדיע די נשמה פון מוזיק. און מיר, אידן, זיינען געוואָלדי־קע אָנהענגער פון מעלאָדיע. אַגב, מיר זיינען נישט די איינציקע אין דער וועלט אין דעם פּרט. איך קאָן אייך אויסרעכענען דאָ אַ שיין ביסל אַנדערע פעלקער, וועלכע ליידן אויף דער זעלביקער „שוואַכקייט". פאַרפאַלן — אָט דאָס איז עס.

אויף ווי ווייט איך קאָן מיר פאָרשטעלן, האָט יעקב שייפער געמוזט גע־וואַלדיק ליב האָבן מענטשן, ספּעציעל „עמך", פאָלקס־מענטשן. מען דערקענט עס באַלד פון די ערשטע שורות אין די „צוויי ברידער", לויט דער מוזיק, וועלכע איז ענג צונויפגעגאָסן מיט דער מעשהלע פון ווייטן אַמאָל, וואָס הייבט זיך אָן אַרויסשיילן ווי פון הינטער אַ בלויען שלייער, אָדער ווי אַ חלום, קודם אַ זון־אויפגאַנג, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער און לייגט זיך אויס אין פאַרשיי־דענע וואַריאַנטן, פאַלדן און קנייטשן, באַקליידט מיט צאַרטע מעלאָדישע טענער און ווייכע האַרמאָנישע קלאַנגען, וועמעס ריטם בייט זיך פון צייט צו צייט אין הסכם מיט יעדער אָנגעהויכטער סצענע באַזונדער.

די מוזיק שילדערט דאָס רואיקע צונויפלעבן פון די צוויי ברידער אי־נעם קליינעם הילצערנעם הייזל, וואָס שטייט פאַרהוילט ערגעץ דאָרט אין טאָל. דאָס לעבן, דערציילט זיך און זינגט זיך, גייט צו שווער, נאָר מען לעבט און מען האָרעוועט בשותפות, מען טיילט זיך מיטן אָרעמען ביסן ברויט, מיט דער נויט ווי מיט דער פרייד, ביז גאָר איינמאָל באַווייזט זיך עפּעס אַן אומגעווינטשטער גאַסט, וואָס דערפירט צו קריגערייען צווישן די צוויי ברידער און עס הייבן אָן אויסברעכן צווישן זיי שווערע קאָנפליקטן, וועלכע רופן

אַרויס בייז בלוט. עס פלעכטן זיך די טענער און קלאַנגען מאָלעריש איינע אין אַנדערן, ווי רינגען אין אַ קייט, פּראַזע נאָך פראַזע, זאַצן אויף זאַצן, און עס בייטן זיך די מוזיק־פיגורן — אָט זינגען די שטימעס, אָט ווידער יענע, אָט דער גאַנצער כאָר, און עס וואַקסט און שטייגט הינטער שייפערס מאָלערישער מוזיק דאָס בילד פון פרצעס סימבאָלישער אידיליע.

די גאַנצע מוזיק פון די „צוויי ברידער״ ביי שייפערן, איז אַ ירושה פון דורות אַלטע אידישע היימישע נוסחאות, אידישע שטייגער־מאָטיוון, דורכ־געזיפּט מיט שיינקייט און תמימות, מיט געלייטערטע ניגונ־ים, קלאַנגען אויף קלאַנגען, פון דאַנען און פון דאָרט — טענער פון שלוש־רגלימדיקן יום־טובדיקן שטייגער: פסח, שבועות, סוכות; פון יום־טובדיקער קריאת־התורה; אָפּקלאַנגען פון דער פסחדיקער הגדה, וועלכע שפינען און וועבן זיך, ווי זילבערנע סטרונע־פעדים, אין אַ מוזיקאַלישער ראַם פון לאַשטשענדיקע האַר־מאָנישע קאָמבינירונגען, מוזיק־פיגורן און קאָלירנדיקע טאָן־שאַטירונגען. עס איז שווער ניט אַריינגעצויגן ווערן אינעם שפּין־ראָד פון דער דאָזיקער וואונ־דערלעכער מוזיק; פון אַ בלויזן צושויער ווערט איר אַ מיטזינגער.

***

שייפער איז אָבער ניט בלויז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר, ער איז „אויך״ געווען אַ דיריגענט פון כאָרן. ער ווערט פאַררעכנט פאַר דעם „פאָטער״ פון די אידישע „אַרבעטער געזאַנג־פאַראיינען״ אין אַמעריקע. פון אָט די כאָרן האָט שייפער געשעפּט זיין אינספּיראַציע פאַר זיינע צאָלרייכע שאַפונגען. אָן זיי, גלויב איך ניט, צי ער וואָלט געווען אַזוי שאַפעריש אין זיין אַרבעט. זיי, די כאָרן, האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אַ באַזונדערער ליבע, וואָס האָט אים געוואַרעמט און געמוטיקט אין זיינע מוזיקאַלישע פאַרמעסטונגען. שיי־פער האָט פאַר דער דאָזיקער וואַרעמקייט זיי צוריקגעצאָלט מיט שאַפערישע ווערק, וואָס וועלן בלייבן אויף גאַנצע דורות.

נו, ווי אַ דיריגענט האָט שייפער אפשר ניט געגלאַנצט מיט דער זעלביקער מאָס ווי אַלס קאָמפּאָזיטאָר, אָבער ער האָט פאַרמאָגט גענוג כוח אין זיך צו באַהערשן און צו ווירקן אויף די זינגער, אַז זיי זאָלן זיך אינגאַנצן איבער־געבן צו אים אין די הענט אַריין. עס האָט זיך געפילט אַ גאַנצקייט, אַן איינהייטלעכקייט צווישן אים און די זינגער, ווייל איין גלויבן האָט אי אים, אי זיי באַהערשט — דער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט! אין דעם איז באַ־שטאַנען דער טיפער סוד פון זיין גרויסן דערפאָלג, סיי אַלס דיריגענט און נאָך מער אַלס קאָמפּאָזיטאָר.

ווי שוין געזאָגט, די טעמע פונעם געזונגענעם אידישן ליד און פּאָעמע, טאָן און קלאַנג אין אַמעריקע, איז אַ ברייטע, אַ ליכטיקע און אַ פריידיקע — אַ טעמע, וואָס קאָן קלעקן פאַר אַ סאָלידן בוך.

אויך די טעמע יעקב שייפער איז אַ ברייטע, אַ ליכטיקע און אַ פריידיקע און קאָן קלעקן פאַר אַ סאָלידן בוך.

ער האָט אָנגעצונדן נשמות

פון יוסף רומשינסקי

מיין לערער אין הארמאָניע איז געווען הענריק מעלצער. ווי איך האָב שפּעטער פעסטגעשטעלט, איז ער געווען פון אידישן אָפּשטאַם, אָבער זיין האַלטונג, זיין אַרט רעדן, זיין הלבשה זיינען געווען ווי פון אַן עכטן פּאָליאַק און האַלב ווי אַ פראַנצויז. געווען איז ער אַ גרויסער פּיאַניסט און אַ גרויסער מוזיק־טעאָרעטיקער, אָבער נאָך אַ גרעסערער אַנטיסעמיט.

איין מאָל ברענג איך אים מיינע אַ קאָמפּאָזיציע מיטן נאָמען „דער אַרבעטער". די ווערטער האָט געשריבן אַ יונגערמאַן, דאַשעווסקי, וועלכער האָט געזונגען אין לאָדזער „הזמיר", וואו איך בין דעמאָלט געווען דיריגענט. דער יונגערמאַן פלעגט אַלעמאָל קומען מיט אַן „איסקראַ" אין טאַש.

דאָס ליד האָט מיך באַגייסטערט און איך האָב באַלד דערצו געשריבן מוזיק און געבראַכט די קאָמפּאָזיציע צו מיין לערער הענריק מעלצער.

אַזוי ווי ער האָט דערזען די איבערשריפט איבערן ליד: „פּיעסניאַ ראַבאָטניקאַ" (דאָס ליד פון אַן אַרבעטער), האָט ער זיך פאַרקרימט און גע־זאָגט:

— קונסט גייט נישט מיט דעמאָקראַטיע.

און ער האָט די קאָמפּאָזיציע ניט געוואָלט הערן.

עס איז שוין אַ געשיכטע פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, און מעלצערס פראַזע, „קונסט גייט ניט מיט דעמאָקראַטיע", האָט מיר שטענדיק דאָ־קוטשעט. וואָס לענגער איך לעב, אַלץ מער איבערצייג איך זיך ווי פאַלש דאָס איז, און ווען איך האָב לעצטן יום־כיפור ביינאַכט בייגעוואוינט אין מעקאַ טעמפּל אַן אויפפירונג פון יעקב שייפערס „אַ בונט מיט אַ סטאַ־טשקע", האָט זיך מיר געוואָלט, אַז הענריק מעלצער זאָל זיין דערביי און — צעפּלאַצט ווערן.

אָט שטייט פאַר מיר אַ געוועזענער אַרבעטער, אַ געוועזענער סטאָליער, אַ קינד פון פאָלק, אַ קינד פון דער מאַסע, — מיט אַזוי פיל אמתער, ניט געקינצלטער עכטער קונסט.

און אַזאַ קונסט קאָן נאָר אַרויסקומען פון איינעם פון דער מאַסע.

און איך האָב געוואָלט זאָגן: „הענריק מעלצער, דאָס איז ניט נאָר עכטע מוזיק, עס איז פּאָעזיע, און ניט קיין קראַנקהאַפטע פּאָעזיע, נאָר קוואַלנ־דיקע, פליסנדיקע, פולסירנדיקע קונסט, פאָלקס־לידער, וואָס נאָר אַזאַ אַר־בעטער־קינסטלער ווי שייפער, האָט זיי געקאָנט אַרויסברענגען אַזוי לויטער און אמתדיק.

עס איז ניט „אחרי מות קדושים", ווייל יעקב שייפער איז טויט, פיל איך

אַזוי וואַרעם צו אים. איך בין פּשוט באַגייסטערט געוואָרן און איך האָב מיין באַגייסטערונג תיכּף אויסגעדריקט אין מעקאַ טעמפּל נאָכן שפּילן. איך בין געשטאַנען אַ גאַנצע שעה און ניט געקאָנט אַוועקגיין. פּאַר וועמען כ׳האָב נאָר געקאָנט אויסדריקן מיין באַגייסטערונג, האָב איך עס געטאָן, ווייל יעקב שייפער האָט מיך ביי דער פאָרשטעלונג פון דער „סטאַטשקע״ געמאַכט ניט בלויז פאַר אַ צושויער אָדער צוהערער, נאָר שוין ביים דריטן נומער בין איך געוואָרן פאַרוואַנדלט אַזוי ווי אין איינעם פון כאָר. כ׳וואָלט דאָס ניט גערופן „כאָר״ און יעקב שייפערן — דיריגענט. איך וואָלט געזאָגט, אַז אַ מיטפילנדיקע מאַסע זינגט. זי זינגט נישט, ווייל זי וויל מאַכן דער־פאָלג, זי זינגט, ווייל זי פילט אַזוי. יעקב שייפער איז געשטאַנען מיט דער מאַמעס צען פינגער, אָן אַ קונציקן דיריזשאַר־שטעקעלע, ווי איינער פון פאָלק, וועלכן דאָס פאָלק אַליין האָט אויסגעקליבן, ניט ווי אַ דיריגענט, נאָר ווי אַ חבר, און איך בין געוואָרן מיטגעריסן, און האָב זיך געפילט, אַז איך בין אויך איינער פון כאָר, בעסער געזאָגט, איינער פון די מאַסן.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז כ׳האָב אַלע מאָל געהאַט אַ פאָראורטייל קעגן קלוב־אַרבעט און געזאַנג־פאַראיינען, ווייל זיי זיינען פּשוט צו אַמאַ־טאָריש, צו דילעטאַנטיש, און מיט דעם פאָראורטייל האָב איך מיך אַרומגע־טראָגן אויך וועגן יעקב שייפערן, איידער איך האָב אים געהערט. אָבער תיכּף, שוין ביי די ערשטע 4־5 טאַקטן פון זיין מוזיק, האָב איך דערפילט, אַז דאָ איז ניט קיין דילעטאַנטישע אַרבעט, אפילו ניט קיין דעקאַדענטישע אַר־בעט, און אַוודאי ניט טאַלאַנטלאָזיקייט, וואָס באַהאַלט זיך לעצטנס אונ־טערן מאַנטל פון מאָדערניזם. נאָר אַ געבענטשטע פאַראייניקונג פון עכטער קונסט מיט פאַכמענישקייט.

כ׳האָב מיך געקליבן גיין הערן זיינע וויטערדיקע אַרבעטן און כ׳האָב פון שייפערן דערוואַרט נאָך זייער פיל. כ׳בין זיכער, אַז כ׳וואָלט זיך ניט אַנטוישט, ווייל שייפער האָט געאַרבעט מיט טאַלאַנט, איבערגעגעבנקייט און, דער עיקר, מיט אמת.

כ׳וויל מיך ניט באַנוצן מיט שאַבלאָנע אויסדרוקן, ווי מען רעדט גע־ווינלעך איבער אַ טויטן. יעקב שייפערס טויט איז אַ גרויסער, זייער אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער אידישער פּראָלעטאַרישער קונסט. אָבער איין טרייסט האָב איך, אַז די, וועלכע וועלן פאַרנעמען זיין פּלאַץ, וועלן אים נעמען פאַר אַ פאָרבילד און אַרבעטן אַזוי געטריי ווי ער, — מיט אמתער, עכטער חברשער באַגייסטערונג, און באַגייסטערן האָט יעקב שייפער געקאָנט.

ער האָט מיט זיין איינפאַכקייט אָנגעצונדן נשמות.

דעצ. 4, 1936.

מיינעביידע באַגעגענישן מיט יעקב שייפּער

פון משה ראָוך

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט יעקב שייפּער בין איך געווען אַ יונגער מוזיק סטודענט פון אַרום 19 אָדער אפשר גאַנצע 20. איך געדענק אפילו ניט ווי אַזוי עס איז געשען. צי איז דאָס געווען דורך נ. בוכוואַלדן, (איך האָב שוין געשריבן מוזיק און דיריגירט אין אידישן טעאַטער), צי דורך מיין פרוי ליליען שאַפּיראָ, וואָס האָט געשאַפן די טענץ פאַר „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע" און אַנדערע ספּעקטאַקלען וואָס שייפּער האָט דורכגעפירט. יעדנפאַלס, איך געדענק אים ווי דער אָנפירער פון אַ קלאַס פאַר יונגע דיריגענטן, וואָס ער האָט איינגעשטעלט און איך בין געווען אַן איינגעלאַדענער. איך געדענק אים ביי אַ פּראָבע פון בראָנקסער געזאַנג סעקציע, וואו איך האָב געזאָלט איבערנעמען ווי אַ געהילפס־דירי־גענט.

טאָקע וועגן דער דאָזיקער פּראָבע האָט בוכוואַלד שפּעטער געשריבן אַז שייפּער האָט פאַראויסגעזאָגט אַז איך וועל זיך אויסטויגן ווי אַ דיריגענט ביי פאָלקס־כאָרן. עס ווייזט אויס, אַז ווען די פּראָבע האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן, איז די פּיאַנאָ ניט געשטאַנען אויפן ריכטיקן אָרט (ביז עד־היום), האָב איך זי אַ רוק געטאָן, עס זאָל אים זיין באַקוועם. „ביי אונדז דאַרף אַ דיריגענט קענען רוקן אַ פּיאַנאָ", האָט שייפּער געזאָגט. נישט פאַר מיר צו מעסטן ווי וויט איך בין דערגאַנגען אַלס דיריגענט דורך די יאָרן, נאָר איך קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז איך בין געוואָרן אַן עקספּערט פּיאַנאָ־רוקער...

מער ווי אַלץ געדענק איך שייפּערס קרעפּטיקע פיגור און סילועט קעגן אַ ריזיקן כאָר. זיין רעכטע האַנט פאַרקלעמט אין אַ פויסט ביים די־ריגירן, אַזוי ווי ער וואָלט אין האַנט געהאַלטן אַ האַמער. און עס קלינגט מיר נאָך איצט אין אויער דאָס געזאַנג — ריין, פריש, מונטער, רופנדיק, וועקנדיק.

און מיט דעם ענדיקט זיך מיין ערשטע באַגעגעניש מיט יעקב שייפּער. איך פאָר קיין פּאַריז שטודירן מיט נאַדיאַ בולאַנדזשע — איך קום צוריק — דעפּרעסיע־יאָרן — איך אַרבעט אין אידישן טעאַטער — „אַרטעף" פּראָיעקט

ביי דער רעגירונג — שייפער שטאַרבט — צווייטע וועלט־מלחמה — איך ווער דיריגענט פון די ניו־ענגלענדער כאָרן — און

איך באַגעגן זיך מיט שייפערן דעם צווייטן מאָל! דאָס מאָל אינטים און טאָג־טעגלעך. צו יעדער פּראָבע, צו יעדן קאָנצערט גייען מיר געאָרעמט. וואָס אַ יאָר אַנטפּלעקט ער זיך פאַר מיר. ער לעבט אין יעדן אויג, וואָס לייכט אויף צווישן די זינגער ביי אַ פּראָבע און ביים עולם בעת אַ קאָנצערט. און אויב איר מיינט, אַז ער לעבט נאָר פאַר זיין דור, פאַר וועמען ער איז געווען אַן אויסדרוק, האָט איר אַ טעות. איך קלאַס פון מיטל־שול און אין די הויך־קורסן בין איך שוין מער ניט איבעראַשט פון דער ליבשאַפט און דעם געפיל פון פרישער אַנטדעקונג וואָס שייפער רופט ביי זיי אַרויס, ווען איך שטעל אים פאַר זיי פאָר.

דאָס זיינען מיינע צוויי באַגעגענישן מיט יעקב שייפער. שוין 18 יאָר ווי איך טרעף אים טאָג־טעגלעך. קאָן איך זאָגן מער?

מיר, די זינגער און דיריגענטן פון די שייפער־כאָרן שאַצן אים אָפּ דורך זינגען אים.

ווי אַזוי מיר שאַצן אים אָפּ? דאָס לאָזן מיר איבער צום עולם, וואָס קומט אונדז הערן.

י. שייפער מיטן קינדער-כאָר, ניט-געדאַיגעט, 1926

יעקב שײפּערס בײטראָג צו אידישער מוזיק

(צו זײן פינף און צוואַנציקסטן יאָרצײט)

פון ישראל קאָרענמאַן

זינט יענעם טראַגישן טאָג, ווען דער טויט האָט אָפּגעשטעלט יעקב שײפּערס שעפעריש לעבן, זײנען פאַרלאָפן 25 יאָר. אין לויף פון די יאָרן האָט מען אַלץ מער דערפילט דעם גרויסן פאַרלוסט אויפן געביט פון פּראָגרעסיווער אידישער מוזיק.

שײפּער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמפּאָזיטאָר פאַרן כאָר, פאַר וואָקאַלע גרופּעס, אַ סך מער ווי אַן אינסטרומענטאַלער. ער איז געווען דער מײסטער פון כאָר־געזאַנג, דער קינסטלער און שאַפער פון כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס, צו וועלכן עס איז שווער צו געפינען אַ פאַרגלײך. יעדע קאָמפּאָזיציע זײנע, אָראַטאָריע און קלענערע שאַפונג, אײגענע אָדער באַאַרבעטע, פולסירט מיט אַ לעבעדיקן אָטעם.

פאַר יעקב שײפּערן האָט ניט עקזיסטירט דער אַבסטראַקטער טערמין „סתם מוזיק". ער האָט געזוכט און געפונען סאָציאַלן אינהאַלט. ער האָט געשאַפן אײגנאַרטיקע, מאָנומענטאַלע ווערק, דורך וועלכע דאָס פאָלק האָט דערזען זיך אַלײן, דערפילט זיך גופא. דאָס זײנען אָפּשפּיגלונגען פון דעם פאָלקס געשיכטע, פון זײנע פאַרשײדענע קאַמפן, פאַרלוסטן און זיגן. דערפאַר פאַרנעמען שײפּערס אַלע ווערק אַ זײער בכבודיקן אָרט אין דער מוזיק־ליטעראַטור.

יעקב שײפּער איז געווען דער אידישסטער צווישן אַ סך אידישע קאָמפּאָזיטאָרן. ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט אידישער נגינה: ליטורגישע, פאָלקס־נגינה, טראַדיציאָנעלע, שטײגער, נוסח און גוסט, די אידישע מעלאָדישקײט.

אין שײפּערס ווערק דערקענט מען ווען ער טרויערט, ווען ער ברויזט מיט שטורעמדיקע צוווײטיקטע געפילן איבער אַ פאַרלוסט, אָדער ווען ער שמײכלט, לאַכט און פרײט זיך.

ער רירט טיף מיט זײן טרויער; ער רעגט־אָן מיט זײן האַרציקן געלעכטער.

שייפערס קרוין־ווערק איז זיין אָראַטאָריע „צוויי ברידער". דאָ האָט ער קינסטלעריש פּאַראייניקט ליטורגישע געזאַנגען מיט עכטער פאָלקסטימ־לעכקייט. ער בינדט דאָ צונויף די אידישע טראַדיציאָנעלע נגינה פון „איכה" (קינות) מיט עכטער אידישער פאָלקס־נגינה. מיט דער „ימים נוראימדי־קער קריאה", מיטן אידישן פאָלקס־ליד. אַלץ איז אַזוי האַרמאָניש קאָמ־בינירט, זינגעוודיק, אַז עס באַקומט זיך אַ סימפאָניע פון די אַלע געזאַנגען, עס איז פול מיט חן.

דאָס זעלבע איז מיט שייפערס אָראַטאָריעס „מאַרטירער־בלוט", „משיח בן־יוסף", „ביראָבידזשאַן" און אַלע אַנדערע. אין יעדער איינער פון זיי פילט מען דעם כוח פון דעם שפּרודלדיקן מוזיקער, וועלכער איז געוואָקסן מיט זיין צייט, ווען סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאַסירונגען אין לעבן האָבן שטאַרק געאַרט. דעם מאַטעריאַל האָט ער פאַרדייעט, און האָט אויסגעמאָלן בילדער אין מוזיקאַלישע טאָן־פּאָעמעס, האָט דאָס געבראַכט צו דער ברייטער עפנט־לעכקייט און איבערגעלאָזט אַ מאָנומענט, וואָס קאָן ניט פאַרגעסן ווערן.

יעקב שייפער האָט געשאַפן עכטע מוזיק מיט אַן אינהאַלט. ער האָט געשאַפן פאַר כאָר, וועלכער זינגט אַרויס דעם אינהאַלט פון אַ ווערק. מעגלעך, אַז ער האָט טאַקע גראָד דאָס געהאַט אין זינען: ספּעציעל זיך אָפּגעבן מיט כאָר־קאָמפּאָזיציעס, כדי אָפּצושפּיגלען אויף אַ דירעקטן אופן אַ געוויסע פּאַ־סירונג דורך אינערלעכער, פאַרטיפטער מוזיק, כדי אויך אַזוי אַרום צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן פאָלק און דער מוזיקאַלישער קונסט.

רירט מען זיך צו צו זיינע קלענערע לידער, דערפילט מען דעם גרויסן און געניטן פאָלקס־קינסטלער. אין זיינע אָריגינעלע, אייגן־געשאַפענע ווערק, שפּירט מען דעם גרויסן שאַפער, וועלכער האָט געקאָנט אין איין קורצער מוזיקאַלישער פראַזע זאָגן אַזוי פיל, אַזוי דראַמאַטיש און שטאַרק, וואָס עס איז זעלטן צו טרעפן ביי עמעצן אַנדערש. נעמט, למשל, „בראַנד און פייער". אַ קרעפטיקע, דראַמאַטישע פּאָעמע. אין אָט־דעם קורצן ווערק האָט שייפער באַוויזן צו שאַפן אַ באַזונדערן פרויען־כאָר, אַ באַזונדערן מענער־כאָר און אַ געמישטן כאָר. און אַלץ איז אַזוי קאָמפּאַקט, שטאַרק אַרויסגע־בראַכט, אַזוי דראַמאַטיש און זינגבאַר, אַז עס דערהויבט. די קאָמפּאָזיציע דערגרייכט קאָלאָסאַלע מוזיקאַלישע הויכקייטן.

„אונדזער פירער" איז פול מיט טרויער. דאָס ליד איז אין דעם דראַמאַ־טיש־לירישן סטיל. שייפער טרויערט דאָ זייער שטאַרק אין זיין כאָר־געזאַנג. ער לאָזט אָבער ניט פאַרלירן זיך אין טרויער. ער פירט־אַרויס דאָס געזאַנג צו ליכט, צו לעבן; ער גיט מוט און האָפענונג אויף אַ בעסערער, מער גע־זיכערטער צוקונפט.

שייפער האָט געקענט דעם נבואה־טאָן פון די נביאים. אין זיין פּשוטן איין־שטימיקן ליד „איך הער אַ קול" פירט ער דעם כאָר אין אָט דעם גייסט און זאָגט אָן דורך שטאַרקער מעלאָדישקייט, אַז „די צייט איז אויף דער צייט".

„הויב־אויף דיינע אויגן" איז געבויט אין דער מוזיקאַלישער דראַמאַ־טישער פאָרם. שייפער גלידערט דאָ איין דעם „גמרא־ניגון", וועלכן ער פאַרבינדט מיט אַלגעמיינער מוזיק. עס האָט זיך באַקומען אַ מייסטער־שטיק.

„כאַפּטעם און קלאַפּטעם", אויך „נישקאַ", צוויי זייער כאַראַקטעריסטישע לידער פאַר געמישטן כאָר, זיינען פול מיט אידישער טראַדיציאָנעלער און שטייגער־מוזיק. הומאָריסטיש, סאַטיריש, בייסנדיק, זיינען די צוויי ווערק, עכטע אידישע, קינסטלערישע פאָלקס־שאַפונגען, געבויט אויף טיפּיש־אידישער מו־זיקאַלישער שטייגערישקייט. יעדער זינגער און צוהערער מוז מיטשפּאַסן, מיטלאַכן מיט שייפערן פון זיינע מוזיקאַלישע שטיפערייען, וועלכע זיינען פאַר אים געווען זייער כאַראַקטעריסטיש.

זיינע באַאַרבעטע לידער „דירה־געלט", „בין איך מיר אַ שניידערל", און די גאָר גרויסע צאָל פאָלקס־לידער, וואָס שייפער האָט באַאַרבעט פאַרן כאָר, זיינען באַזונדערע פּערל אין דער אידישער פאָלקס־מוזיק. יעדע איינע פון זיי איז האַרמאָניזירט אַזוי, אַז עס באַקומט זיך אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון געגעבענעם ליד, וואו ניט דער אינהאַלט, ניט דער מוזיקאַלישער אידיאָם ווערן פאַרלוירן. פאַרקערט, פון שייפערס באַאַבאַכטונג באַקומט זיך אַ פול־שטענדיק בילד דערפון, וואָס אַ ליד שטעלט מיט זיך פאָר.

נעמט מען אין באַטראַכט שייפערן דעם דינאַמישן דיריגענט, דעם זעל־טענעם אויסטייטשער פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאַסירונגען דורך דער מוזיק; דעם איבערגעגעבענעם אָרגאַניזאַטאָר פון פאָלקס־כאָרן און דעם גרינדער פון דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד, — זעט מען ערשט אויף וויפל ער פעלט־אויס, איצט און שטענדיק.

ביי די שייפער יאָרצייט־קאָנצערטן וועלן געזונגען ווערן זיינע ווערק אויפן בעסטן און שענסטן אופן. יעדער קאָנצערט־זאַל מוז זיין אָנגעפּילט מיט מענטשן, וועלכע זאָלן קומען ערן שייפערס אָנדענק צו זיין 25טן יאָרצייט. עס איז נויטיק, אַז וואָס מער מענטשן זאָלן זיך אָנשליסן אין די פאָלקס־כאָרן, מיטזינגען און העלפן שטאַרקן די אידישע פּראָגרעסיווע קולטור און מוזיק, פון וועלכער יעקב שייפער איז געווען אַן אָנגעזעענער בויער און טוער.

עס איז נויטיק צו העלפן דערמעגלעכן פאַרן אידישן מוזיק־פאַרבאַנד צו שאַפן אַ פאָנד אויף אָפּצודרוקן און אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון יעקב שייפער, כדי צו נוצן זיי, פאַרהיטן זיי פון פאַרלוירן גיין. אויב דאָס זאָל ניט דערגרייכט ווערן, וועט דאָס זיין אַ שרעקלעכער פאַרלוסט פאַר דער אידישער מוזיק בכלל, פאַר די קומענדע דורות, פאַר דער אַלגעמיינער אידישער קולטור.

דער וועג פון יעקב שיפער

פון פ. נאָוויק

דאָס פאָלגנדיקע איז די רעדע וואָס פּ. נאָוויק האָט געהאַלטן אויף דעם צוזאַמענקונפט ביים יעקב שיפער דענקמאָל, אויף דעם מאָנטעפיאָרע בית-עלמין אין ניו-יאָרק, זונטאָג, דעם 29טן אָקטאָבער, 1961.

שנעל לויפן די רעדער... גאַנצע 25 יאָר זיינען אַוועק זינט מיר האָבן דאָ איבערגעלאָזט דאָס שטערבלעכע פון אונדזער יעקב שיפערן... שנעל לויפן די רעדער...

און אפשר ניט... אַזוי פיל מיר האָבן איבערגעלעבט אין די 25 יאָר, וועלכע זיינען געווען אַי אַזוי שרעקלעך און אַי אַזוי דערהויבנדיק. וויפיל דער יונג־פאַרשניטענער יעקב שיפער וואָלט אונדז געקאָנט און געדאַרפט געבן אין די 25 יאָר — וואָלט אונדז אויף געוויס געגעבן!

יעקב שיפער איז איבער אַלץ געווען אַ מענטש פון פאָלק, אַ זינגער פון דעם געמיט פונעם פאָלק, פון דעם פאָלקס איבערלעבונגען. גיט אַ טראַכט וועגן זיינע שאַפונגען — פון די „אַרבעטער־ברידער", איינע פון זיינע סאַמע ערשטע שאַפונגען, ביז דער לעצטער שאַפונג, „שנעל לויפן די רעדער". גיט אַ טראַכט וועגן זיין ערשטער אָראַטאָריע, „מאַרטירער־בלוט", ביז דער לעצטער — „בירא־בידזשאַן", ביז דער גאָר לעצטער גרעסערער שאַפונג, „בונט מיט אַ סטאַטשקע". אינצווישן האָבן מיר געהאַט די „צוועלף" און „משיח בן יוסף" און „אָקטאָבער" און „געוויטער" און נאָך. און „קאַמף־געזאַנג" און די שאַפונג, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אייביקייט, קאָן מען זאָגן, „הייב אויף דיינע אויגן". אָדער — „אונדזער פירער". גיט אַ טראַכט וועגן די און אַנדערע פון זיינע שאַפונגען, גרעסערע און קלענערע, אָראַטאָריעס און פאָלקס־לידער, און איר וועט דערשפּירן דעם גאַנג פון פאָלק, איר וועט דערפילן די איבערלעבונגען פונעם פאָלק אין די פאַרשיידענע מאָמענטן אין משך פון דעם פאַרהעלטניסמעסיק קורצן אָבער זייער רייכן צייט־אָפשניט, פון 1916 ביז 1936, ווען יעקב שיפער האָט געשאַפן אַלס קאָמפּאָזיטאָר און בויער צוזאַמען.

אָט דאָ ליגט דאָך דער סוד פאַרוואָס שיפער איז פאַרבליבן אַזוי לעבע־דיק. עס זיינען מעגלעך געווען גרעסערע קאָמפּאָזיטאָרן פאַר אים צווישן אידן, דאָ אין אַמעריקע, אינעם פעריאָד ווען שיפער האָט געווירקט. פון

פּאַכמענישן שטאַנדפּונקט — זייער מעגלעך. אָבער געדענקען געדענקט מען שייפּערן, צענדליקער און הונדערטער טויזנטער געדענקען אים; אָבער זינגען זינגט מען שייפּערן, און „הויב אויף דיינע אויגן" און „אונזער פירער" און „מאַרטירער־בלוט" און נאָך און נאָך רודערן אויף עד־היום! ווייל שייפּער האָט גענומען פון פאָלק און צוריקגעגעבן אים, דעם פאָלק, אויף אַן איי־גענעם, שייפּערשן שטייגער, אָבער אַ פאָלקישן. איר האָט אין שייפּערס שאַפן די מעלאָדיעס פון דעם שטעטל קרעמעניעץ, פון די שוועסטער מיט די ברידער; איר האָט דאָ אידיש־ליטורגישע מעלאָדיעס און איר האָט, איבער אַלץ, מעלאָדיעס פון קאַמף, פון דער פיקעט־ליניע, פון קאַמף און זיג — ווינטשעווסקיס „קאַמף־געזאַנג".

דאָס לעבן פון פאָלק — געזען און געהערט דורך שייפּערס מוזיק, קאָן מען זאָגן. און וויפל ער וואָלט אונדז געגעבן אין די פאַרגאַנגענע 25 יאָר!

מיט שייפּערן איז אַוועק פון אונדז אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן געהאַט, אַן אוצר. אָבער דאָס שטרייכט אין דער זעלביקער צייט אונטער וואָס פאַר אַ פאַרמעגן, וואָס פאַר אַן אוצר ער האָט אונדז איבערגעלאָזט. דערפאַר לעבט ער עד־היום און וועט נאָך לאַנג לעבן אין די הערצער פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער פאָלקס־מענטשן, אין אונדזערע הער־צער. דערפאַר איז אַזוי וויכטיק, אַזוי לעבנס־וויכטיק, לעבעדיק צו האַלטן די שייפּער ירושה, טייער האַלטן זי, לייטערן זי, זאַמלען אַ קערנדל צו אַ קערנדל, אָפּהיטן — ניט פאַרן אַרכיוו, נאָר פאַרן פאָלק, פאַר די פאָלקס־כאָרן, עס זאָל שאַלן דאָס „קאַמף־געזאַנג".

עס איז גוט וואָס מיר זיינען זיך אַהער צונויפגעקומען. עס איז גוט וואָס מיר געדענקען. ווייל דאָס באַדייט — געדענקען זיך אַליין, דאָס איי־גענע לעבן.

ביי יעדן פון אונדז, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו אַרבעטן זייט ביי זייט מיט שייפּערן, לעבן־אויף שייפּער־מאָמענטן, וועלכע זיינען אין דער זעלביקער צייט מאָמענטן פון דעם אייגענעם לעבן. פאַר מיר, ווי פאַר נאָך פיל אַנדערע, לעבן־אויף מאָמענטן אַן אַ שיעור. אָט טרעף איך שייפּערן דאָס ערשטע מאָל אין שיקאַגע, די קרויןּ־שטאָט פון זיין ערשטן פּעריאָד. אָט הער איך אים דאָס ערשטע מאָל אין „צוויי ברידער" — די ערשטע אויפפירונג פון דעם אומשטערבלעכן ווערק, אין שיקאַגע טאַקע, אין ווינטער 1923־1924. און אָט גיבן די מחשבות אַ לויף פאָראויס און איך טרעף יעקב שייפּערן פּלוצלונג, צוזאַמען מיט לאה שייפּער, אויף דער ליבקנעכט־גאַס אין כאַרקאָוו, אין 1932. שייפּער איז געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד אויפפירן זיין אָראַטאָריע „אָקטאָבער". און אָט איז דער פּעריאָד פון „ניטגעדאַיגעט" און דערנאָך „קינדערלאַנד". און אָט איז דאָס לעצטע מאָל זען זיך, ווען איך בין געקומען אין 1936 פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אויף אַ פּאָר מינוט געכאַפּט אַ דערוויילקן שמועס, אין איילעניש און — באַגינען איז ער ניט געוואָרן. און ווער

קאָן פאַרגעסן דאָס געזעגענען זיך מיט אים, ווי דער כאָר האָט אָן אַ דיריגענט געזונגען־געוויינט „שנעל לויפן די רעדער", און דעם טרויער־צוג איבער דער רעגנדיקער פּאַרק עוועניו.

וויפל מאָמענטן, וויפל וויטיקן און וויפל טריאומפן! ווער קאָן פאַרגעסן דעם אויפטריט פון שייפערן מיטן כאָר אין אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף", אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן אין 1927. נאָר ס'איז דען מעגלעך אויסצו־רעכענען אַלע טריאומפן און אַלע געבורט־ווייען פון נייע שאַפונגען, סיי אין פרט פון קאָמפּאָנירן און סיי אין פרט פון אָרגאַניזירן, בויען נייע כאָרן, דעם מוזיק־פאַרבאַנד.

אינגאַנצן צוואַנציק יאָר האָט שייפער געלעבט ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר און ווי אַ בויער פון פריי־הייט געזאַנג פאַראיינען, פאָלקס־כאָרן. און אין לעצטן סך־הכל איז דאָס דאָס גרויסע, דאָס דערהויבנדיקע, ווען מען טראַכט וועגן שייפערן. אין דעם דאָזיקן פאַרהעלטניסמעסיק זייער קורצן צייט־געלויף האָט ער זיך אין אונדז אַזוי באַרייכערט, האָט אַזוי באַרייכערט דאָס פאָלק, אויף דור־דורות. און אָט דאָס איז אין לעצטן סך־הכל דאָס סאַמע וויכטיקע און גרויסע, ווען מיר קומען זיך צונויף אויף אַ שייפער־צוזאַמענקונפט: ווייטער בויען דעם כאָר, די כאָרן, בויען און שטאַרקן דעם מוזיק־פאַרבאַנד, ווייטער ציען דעם כשרן פאָדים פון די „צוויי ברידער", ווייטער און אָן אויפהער שרייען און אויסשרייען דאָס געשריי פון יושר: „ווי שלאָגט עס אַ ברודער אַ צווייטן", הויך האַלטן און לעבעדיק האַלטן די שייפער־ירושה, דאָס שייפער־געזאַנג, כדי יעקב שייפער זאָל ווייטער לעבן, כדי דאָס פאָלק זאָל לעבן!

לאה שייפער און ר. יוקלסאָן
ביים שייפער מאָנומענט
אָקטאָבער 29, 1961

יעקב שייפער

פון לאה שייפער

לאה שייפער, די פרוי פון יעקב שייפער, איז אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אידישן מוזיק-פאַרבאַנד.

יעקב שייפער איז ניט נאָר געווען דער מוזיקער פון אונדזערע כאָרן, נאָר אויך דער, וואָס האָט אונדז געגעבן באַגייסטערונג פאַר דער אַרבעט.

שייפער פלעגט מיטברענגען מיט זיך צו רעפּעטיציעס אַ יום־טובדיקייט. ביי שייפערן איז אין דער אַרבעט קיינמאָל ניט געווען קיין מיטנוואָך, נאָר שטענדיק שבת. פון זיין ערשטן קאָנצערט אין 1914, אין שיקאַגאָ, ביז זיין לעצטן קאָנצערט אין 1936, אין ניו־יאָרקער קאַרנעגי־האָל, האָט זיך געצויגן ביי אים איין גרויסער יום־טוב. און אָט די פייערלעכקייט זיינע האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון אים צו די מיטגלידער אין כאָר. די מיט־אַרבעטער האָבן זיך אַזוי אָנגענומען מיט זיין באַגייסטערונג, אַז ער האָט געווירקט אויף זיי אויך „פריוואַט”. זינגער, צום ביישפּיל, פלעגן צווישן איין רעפּעטיציע און אַ צווייטער זיך צוזאַמענקומען אין אַ הויז אָדער אין אַ פּאַרק און פלעגן נאָכאַנאַנד רעפּעטירן. דאָס אייגענע איז געווען מיט די טוער: נאָך די פאַרוואַלטונג־מיטינגען, וואו מען פלעגט אָפּזיצן אַ שיינע פּאָר שעה, פלעגט מען ערשט כאַפּן אַ שפּאַציר מיט שייפערן און ערשט אויפסניי רעדן פון אַרבעט. און שייפער האָט ערשט אָנגעהויבן פאַנאַנדערלייגן זיינע פּלענער, ער האָט זיך געקאָכט און גערעדט הויך אויפן קול, און חברה אַרום אים האָבן גערעדט נאָך העכער, — און די אָרגאַניזאַציע איז באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך אַרבעט.

ביי שייפערן איז קיינמאָל ניט געווען קיין „סלעק”. נאָך איידער ער האָט געענדיקט איין קאָנצערט, האָט ער שוין געמאַכט פּלענער פאַר אַ צווייטן. און שטענדיק האָט שוין דער כאָר־פאַרוואַלטער ביי די לעצטע רעפּעטיציעס אַנאָנסירט די ווייטערדיקע אַרבעט.

די פאַרוואַלטונג פלעגט זיך בעטן ביי אים: „חבר שייפער, לאָזט אונדז זיך אָפּרוען אַ ביסל!” — אָבער ער פלעגט זיי באַלד געבן אַ מאָטיוו, פאַרוואָס מען טאָר ניט וואַרטן, און רעדנדיק אַזוי, פלעגט ער זיי אָנצינדן מיט נייעם חשק פאַר דער אַרבעט. און אַז זיי פלעגן נאָך אים נעמען דאָס וואָרט, פלעגט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז זיי זיינען גאָר די, וואָס שלאָגן פאָר די אַרבעט און בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל זי אָננעמען.



יעקב און לאה שייפער, 1935

שייפער האָט געהאַלטן, אַז מען מוז שטענדיק „איינסטריגעווען" אַר־בעט. טאָמער דאַרף מען, זאָל זיין וואָס צו טאָן. און געדאַרפט האָט מען נאָך מער וויפל מען האָט געקאָנט באַווייזן. און שייפער האָט ניט גלאַט אַזוי „איינגעסטריגעוועט", עס האָט באַדאַרפט זיין מיט אַ „טשוואָק". נ. בוכוואַלד פלעגט דאָס רופן „שייפערס חנדל". און אַז שייפער האָט אָנגעהויבן באַ־חנדלען דאָס חנדל אין דער היים, פלעגט ער אָנהייבן אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, ער איז גאָרנישט מיד געוואָרן. און אַחוץ וואָס ער האָט אַליין אַזוי געאַרבעט, פלעגט ער כאַפּן יעדן איינעם, וואָס ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ער קאָן עפּעס ביטראָגן, און אים איינשפּאַנען אין דער אַרבעט. ער האָט באַגעגנט, אַ שטייגער, אַ מוזיקער, אָדער אַ מאָלער, אָדער אַ רעזשיסער, האָט ער יענעם באַלד פאַראינטערעסירט אַזוי, אַז ער איז געוואָרן „אַ פאַר־טיקער". און אַזעלכע כוחות פלעגן בלייבן אַרום אָדער טאַקע אינעווייניק זין דער אָרגאַניזאַציע.

עס איז נישטאָ קיין איין מוזיקער פון די, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין שייפערס צייטן, אַז זיי זאָלן ניט האָבן עפּעס אַ 6־7 חדשים קאָפּירט מוזיק פאַרן אידישן מוזיק־פאַרבאַנד. און דאָס איז געשען, ווייל שייפער האָט איינגעפלאַנצט אין זיי ליבשאַפט צו דער אָרגאַניזאַציע.

שייפער האָט זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ אויך צו קאָמפּאָזיציעס, גע־שאַפן פון אַנדערע מוזיקער. ער איז פאַרבליבן אויסערגעוויינלעך געטריי יעדער נאָטע, יעדן „קנייטשעלע". און אויב ער האָט געלאָזט דער פאַר־

וואַלטונג „אָפּדינגען" ביי אים אַ פידל אָדער אַ טראָמבאָן פון זיין אייגענער קאָמפּאָזיציע, האָט ער דאָס קיינמאָל ניט דערלויבט מיט אַ צווייטנס מוזי־קאַלישן ווערק.

שייפער האָט געזונגען מיטן כאָר קאָמפּאָזיציעס פון די מוזיקער ליאָוו, חפץ, פּאָזנער, העלד, ווייגער און אַנדערע. די קאָמפּאָזיטאָרן האָבן זיי אַליין געהערט, און ער האָט געקראָגן פון זיי די גרעסטע אָנערקענונג פאַר זיין אויסטייטשונג און אמתדיקייט.

שייפערס באַגייסטערונג האָבן געפילט די באַזוכער פון קאָנצערטן. ווי נאָר שייפער איז אַרויף אויף דער בינע דיריגירן, האָט זיך באַלד דערפילט אַ וואַרעמקייט, וואָס איז געגאַנגען פון עולם צו אים.

שייפערן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיטן כאָר אין משך פון זייער אַ גרויסן קריזיס. אין צייט, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז געווען זייער אַ געדריקטע און די מערסטע זינגער און קאָנצערט־באַזוכער זיינען געווען אַרבעטסלאָז. עס איז געווען שווער דעם זינגער צו קומען צו רעפּע־טיציעס, ס׳האָט אים אָפט פּשוט אויסגעפעלט „קאַר־פעיר". דער קאָנצערט־גייער האָט ניט געקאָנט קויפן קיין בילעט. און דאָך איז דער כאָר געווען דעמאָלט אין זיין שענסטן פּעריאָד. די זאַלן צו די קאָנצערטן זיינען געווען געפּאַקט; מענטשן האָבן זיך ניט פּאַרגונען קיין ריכטיקן מאָלצייט — און מען האָט געקויפט בילעטן. דאָס האָט צום גרויסן טייל זיך גענומען דער־פון, וואָס עס האָט געהערשט באַגייסטערונג: ווי שלעכט עס איז נישט געווען דעם זינגער, פלעגט ער קומען אין כאָר זיך אָפּפרישן, פאַרגעסן אין אַלץ.

שייפערס איינפלוס און דער פאַרנעם פון זיינע מוזיקאַלישע פעאיקייטן האָבן זיך באַזונדערס אָנגעזען בעת זיין באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווען ער איז אין 1932 געקומען אַהין אויף דער איינלאַדונג פון דעם סאָוועטישן פּאָעט איציק פעפער, און דעם רעדאַקטאָר פון כאַרקאָווער „שטערן". שיי־פער האָט דאָרט באַדאַרפט צוערשט „דורכמאַכן אַן עקזאַמען". מען האָט אים נישט געגלויבט אויפן וואָרט. זיי האָבן זיך וויניק־וואָס פאַרלאָזט אויף דער אַמעריקאַנער מבינות.

מען האָט אים געגעבן אַ קוואַרטעט מיט סאָליסטן און צוויי פון די בעסטע פּיאַניסטן; מען האָט אים געגעבן אַ וואָך צייט זיך צוצוגרייטן. אַ קאָמיטעט פון געקליבענע מוזיקער האָט דאָס באַדאַרפט גוטהייסן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון „עקזאַמען" און שייפער האָט מיט דעם קוואַרטעט און די סאָליסטן אָפּגעזונגען צוויי כאָרן פון „אָקטאָבער", זיינען אַלע פאַרגאַפט געוואָרן. נישט נאָר האָט די קאָמפּאָזיציע אויסגע־נומען, נאָר ער אַליין, אַלס דיריגענט, האָט אַלעמען באַצויבערט. באַלד זיינען אַלע צוגעקלעפּט געוואָרן צו אים: דער מוזיקער זאַגראַניטשני, דאַ־ווידענקאָ, דער סעקרעטאַר פון סאָוועטישן פאַרבאַנד פון מוזיקער, שנייער־

סאָן, און די פּאָעטן פּעפּער, ה. בלאָשטיין און אַנדערע.

דעמאָלט האָט שייפער ערשט אָנגעהויבן „קערן וועלטן" — און אַלע האָבן זיך אָנגענומען מיט זיין באַגייסטערונג.

ער האָט באַלד אָרגאַניזירט עטלעכע כאָרן אין כאַרקאָוו. מען האָט געשיקט אַ ספּעציעלן מענטשן קיין קיעוו צו ברענגען שייניגען מיט זיין כאָר. מען האָט אים געגעבן די סאָליסטן פון דער כאַרקאָווער אָפּערע. מען האָט אים געגעבן אַן אָרקעסטער פון 75 שפּילער. און שייפער, שיינין און פּראָפעסאָר ראָזנשטיין, דיריגענט פון אָרקעסטער, האָבן זיך אַ נעם געטאָן רעפּעטירן, יעדער מיט אַן אַנדער גרופּע. די זינגער האָבן געשטראַלט, און שייפער האָט געפּיבערט מיט פרייד. און ווען אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, איז געקומען אַ קאָמיטעט און האָט געבעטן, אַז מען זאָל דערלויבן די מענער־זינגער צו גיין אַראָפּנעמען צוקער־בוראַקעס פון פעלד, ווייל די בוראַקעס זיינען פאַרטיק און עס זיינען נישטאָ גענוג מענטשן זיי אַראָפּצונעמען, האָט זיך שייפער אַוועקגעשטעלט, פאַרגעסנדיק גאָר, אַז ער איז נישט אין אַמעריקע, און אויסגעשריען: „חברים, מען מוז די בוראַקעס אַראָפּנעמען!". און אַלע ווי איינער, זיינען אַוועק אויף צוויי טעג, און שייפערן האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס מען האָט אים אויך ניט גענומען. ער איז געווען אַ גאַסט, האָבן זיי אים געשאַנעוועט.

און ווען די חברה איז געקומען צוריק, האָט מען אים אַרומגעכאַפּט ווי מען וואָלט זיך שוין יאָרן ניט געזען. און דעמאָלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע אַרבעט אין כאַרקאָוו. און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אָנשטאָט איין קאָנצערט, האָט מען געגעבן גאַנצע זעקס, און אַלע מיט גרויס דערפאָלג.

שייפער האָט אויך אַריינגעבראַכט באַגייסטערונג אין דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער. ער האָט דעם אָרקעסטער אַריבערגעפירט פון קליינע זאַלן צו גרויסע קאָנצערט־זאַלן, און דווקא מיט סימפאָניעס. און ווען ער האָט געשפּילט בעטהאָווענס 5טע סימפאָניע, האָט ער, אויף זיין שטייגער, געוואָלט האָבן סימפאָניעס, אַ „טרייענגל" (דריי־עק) און מעשענע אינסטרומענטן. און אַז ער איז געקומען דאָס פאָרשלאָגן פאַר דער פאַרוואַלטונג פון מאַנדאָלין־אָרקעסטער, האָבן אייניקע זיך דערשראָקן פאַר די אויסגאַבן. שייפער האָט זיי אָבער אַזוי פעסט איבערצייגט, אַז זיי האָבן אים די אינסטרומענטן באַוויליקט.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אין די קעמפּס. שייפער האָט אין די קעמפּס דורכגעפירט אַזעלכע ספּעקטאַקלען, וואָס האָבן זייער אָפט אַריבערגעשטיגן די שטאָט. אין די קעמפּס האָט ער זיך געקאָנט פאַנאַנדערלאָזן. אויב די בינע איז געווען צו קליין, האָט ער זיך באַנוצט מיטן פעלד.

אין קעמפּ „ניטגעדאַיגעט" און אין „קינדערלאַנד" האָט יעקב שייפער דורכגעפירט ספּעקטאַקלען, וואָס זיינען דערנאָך אַריבער אין שטאָט און געבליבן אין רעפּערטואַר. די אינסצענירונג פון „די צוויי ברידער", „די

סטאַטשקע״, גאָלדפאַדען, „איך הער אַ קול״, — דאָס אַלץ איז געשאַפן געװאָרן אין קעמפּ. ער פלעגט האָבן פון 50 ביז 75 זינגער אין קעמפּ יעדע װאָך. זײ פלעגן אַװעקגעבן זײער גאַנצע צײט אויף די רעפּעטיציעס. ניט אײנמאָל האָבן זײ אפילו קײן צײט ניט געהאַט צו גײן זיך אָפּבאָדן.

שבת־צו־נאַכט, בײ די קאָנצערטן, איז דער זאַל געװען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. מען פלעגט זיך ממש אָנהענגען אויף די פענצטער. עס איז פּשוט געװען אַ געפּאַר. עס פלעגן קומען מענטשן פון אַנדערע קעמפּס.

די רעפּעטיציעס אין קעמפּ זײנען געװען אַ טײל פון דער פאַרװײלונג פאַר די געסט. מען האָט די געסט ממש ניט געקאָנט אַװעקנעמען פאַר אַנדערע אַקטיװיטעטן, װען שײפער האָט רעפּעטירט מיטן כאָר.

מיר דאַכט זיך, אַז װען מען זאָל זיך װעלן אַרײנלאָזן אין דעטאַלן, װיפל שײפער האָט באַאײנפלוסט מענטשן צו דער אַרבעט אויף דעם מוזיקאַלישן געביט אין אונדזער כאָר־באַװעגונג, איז דאָ מאַטעריאַל פאַר גאַנצע ביכער. צום בײשפּיל: װי אַזוי שײפער האָט אויפגעפירט „די צװײ ברידער״ מיט די קינדער־שולן, מיט סאָליסטן און אָן אָרקעסטער; װי אַזוי שײפער האָט באַגײסטערט די חברים בײ די „פּעדזשענס״, בײ די „מאָרגן־פרײהײט״־יובילײען; װי אַזוי שײפער האָט געבראַכט אַ יום־טובדיקײט צו די שפּילער און טוער אין אָרטעף. עס איז דאָ אַ װעלט מיט מאַטעריאַל.

דאָס בילד

פון ליבע װאָלפסאָן

װי װאונדערלעך געװען איז יענער טאָג
װי פון אַ שפּרוך, אַ כישוף־זאָג
ס'גײט אויף אַצינד פאַר מיר דאָס בילד
פון יעקב שײפער — אי שטרענג, אי מילד.
ער טוט זײן האַנט אַ הויב — אַ פיר
און ס'צינדט זיך אָן אַ ליכט אין מיר,
אַ ליכט װאָס מיט זײן שײן
לויכטן װעט אין האַרץ אַרײן.

די יאָרן לויפן, עס שװינדט די צײט,
נאָר עס קלינגען קלאַנגען פון דער װײט.
זײ קלינגען און דערמאָנען מיר
זכרונות, בילדער אָן אַ שיעור —
חברים, פּראָבעס, נײע װערק
מתנות פאַר די גרויסע טעג.

אונדזער יעקב שייפער

פון מ. אלגין

יעקב שייפער, אַ זון פון אַרבעטער, האָט אין זיינע יונגע יאָרן אַליין געאַרבעט מיט זעג און הובל. ער האָט געפילט אין זיך דעם דראַנג צו שאַפן, וואָס טויזנטער און טויזנטער פון זיין קלאַס פילן. ער האָט פאַרמאָגט די פייאיקייטן צו פאַרווירקלעכן זיין דראַנג, וואָס טויזנטער און טויזנטער פון זיין קלאַס פאַרמאָגן. אין דער גרויסער מערהייט ווערט אָט דער היי־ליקער פונק, אָט דער דראַנג, אָט די שאַפונגס־לוסט דערטרונקען אין אַ ים פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן. זיי ווערן צעקוועטשט דורך די שווערע שטיוול פון עקספּלואַטאַציע, וואָס טרעט ברוטאַל איבער די נשמות פון פּראָלעטאַריער. יעקב שייפער האָט געהאַט דעם איבערמענטשלעכן ווילן, די מסירת־נפשדי־קע איינגעשפּאַרטקייט, וואָס האָט פאַר אים געמאַכט מעגלעך עפּעס צו טאָן מיט זיין טאַלאַנט.

ווען אַ מענטש פונעם אַרבעטער־קלאַס הייבט אָן אַרויסווייזן סימנים פון אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן, כאַפּט אים געוויינלעך אויף די בור־זשואַזיע און מאַכט פון אים אַן אבן טוב. דאָס איז איר וועג פון באַרויבן דעם אַרבעטער־קלאַס. אַ קינד פונעם אַרבעטער־קלאַס, באַגאַבט מיט שאַ־פונגס־פייאיקייטן, טאָר ניט בלייבן אין זיין קלאַס. ער מוז דינען דער בור־זשואַזיע. ער מוז ווערן אַ שיינדל ביי די רייכע. אַזוי טוט זיך דאָס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. — מיט נײַן־און־נײַנציק פון הונדערט אַרויסגע־רוקטע טאַלאַנטן פון אַרבעטער־קינדער.

מיט יעקב שייפערן איז געווען אַנדערש. יעקב שייפער האָט ניט געקראָגן קיין מעצענאַטן. יעקב שייפער האָט ניט געזוכט קיין מעצענאַטן. יעקב שייפער איז געבליבן אין זיין קלאַס. מיט זיין אייגענער מי, מיט ציין און נעגל האָט ער זיך געדראַפּעט — אַרויף, צו דער הויך פון מוזיקאַלישער קול־טור. דאָס, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן, האָט ער זיך דערשלאָגן מיט זיין אייגענעם האָרב און מיט דער שטיצע פון זיין קלאַס.

יעקב שייפער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו גיין צו די באַלעבאַטים פונעם לעבן. יעקב שייפער האָט פון דער יוגנט געשטרעבט צו זיין צווישן די, וואָס העלפן דעם אַרבעטער־קלאַס ווערן די באַלעבאַטים פון דעם לעבן.

ער האָט דאָס געטאָן אי אַלס מענטש, אי אַלס קינסטלער.

אַלס קינסטלער האָט ער געטאָן די זעלביקע אַרבעט, נאָר דורך אַנ־

דער יעקב שייפער כאָר, סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, מיט לאה שייפער אַלס גאַסט, 1939

דערע מיטלען. ער האָט אָרגאַניזירט כאָרן. ער האָט איינגעשטודירט מיט די כאָרן אַרבעטער־לידער. ער האָט דערוועקט אין די מאַסן אַ דראַנג צו הערן בעסערע מוזיק. ער האָט דערוועקט אין די אַרבעטער אַ פאַרלאַנג אַליין צו באַטייליקן זיך אין מוזיקאַלישער טעטיקייט. ער האָט געוועקט אין זיי דורך די לידער און כאָרן די געפילן פון אייניקייט, פון קראַפט, וואָס שטאַמט פון קאָלעקטיוו, די געפילן פון מוט, האָפענונג, דראַנג פאָראויס צו אַ שענערן לעבן. ער האָט אַליין געשאַפן לידער און אָראַטאָריעס. ער האָט איבער־געאַרבעט און צוגעפּאַסט עלטערע רעוואָלוציאָנערע לידער און פאָלקס־לידער פאַר דעם אַרבעטער־פאָלק, צו זינגען, צו הערן, צו געניסן, צו ווערן אייניקער, צו ווערן שטאַרקער, צו דערפילן, אַז עס זיינען דאָ גרויסע וועלטן פון שיינ־קייט, פון העלקייט, אָן אונטערדריקונג, אָן עקספּלואַטאַציע, אָן דערנידע־רונג, וועלטן פון מענטשלעכקייט, וואו די קרעפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור אַנטוויקלען זיך פריי און אומגעשטערט, וואו מענטשן שטייגן העכער און העכער און העכער.

יעקב שייפער האָט אַריינגעטראָגן אין דער אַרבעטער־וועלט בכלל, אין דער אידישער אַרבעטער־וועלט בפרט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זי באַ־שיינט, דערוואָרעמט, פאַרמענטשלעכט, אויפגעהויבן אויף אַ העכערער מדרגה, אויסגעפורעמט אין דער געשטאַלט פון נייע מענטשלעכע באַציאונגען. אין מענטש שייפער איז געוואָרן אַ גאַנצער קאָלעקטיוו פון עטלעכע טויזנט, אַרום וועלכע עס האָבן זיך גרופּירט אַנדערע טויזנטער און וועלכע זיינען אַלע געווען געשטעמפּלט מיטן באַזונדערן שטעמפּל פון קונסט צוליב קאַמף, קונסט צוליב דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, קונסט צוליב דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, קונסט ווי אַ מוסטער פון דעם, וואָס עס קען ברענגען דער מענטשהייט די צוקונפטיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

דערפאַר איז שייפער קיינמאָל ניט געווען איינער אַליין. דערפאַר איז ער אָנערקענט געוואָרן אין זיין קורצן לעבן ווי „אונדזער שייפער". דערפאַר איז זיין געזאַנג געגאַנגען וויט און ברייט. דערפאַר האָט זיין ווירקונג דערגרייכט אַ סך ווייטער, ווי עס האָט געקענט דערגרייכן די ווירקונג אפילו פון גרעסערע טאַלאַנטן. שייפער איז געוואָרן — אַ שיינהייט־קאָלעקטיוו, אַ ברייטער קונסט־קאָלעקטיוו.

ווי אַזוי שייפער האָט געהאָרעוועט, ווי אַזוי שייפער האָט געליטן, האָבן נאָר די נאָענטע צו אים געוואוסט. ער האָט דאָך די גאַנצע צייט געדאַרפט אַרבעטן צו פאַרדינען זיך אויפן לעבן. ער האָט דאָך ניט געהאַט קיין איינציקן חודש, ווען ער זאָל קענען פריי און אומגעשטערט זיך אָפּגעבן זיין שאַפן.

זומער איז ער געפאָרן, הייסט עס, אין קעמפּ — „אויף וואַקאַציע". אָבער די וואַקאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע וואָך האָט ער איינ־

געשטודירט מיט רויע מענטשן אַ נייעם כאָר, אויב ניט אַ גאַנצע נייע מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג. די צאָל פון אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן כאָטש עטלעכע טעג זיך געפונען אונטער שייפערס פירערשאַפט, רעכנט זיך אין די טויזנטער. זיי אַלע האָבן געפילט, אַז מיט שייפערן זינגט זיך. זיי אַלע האָבן זיך געוואונדערט, ווי לייכט עס זינגט זיך מיט שייפערן. זיי אַלע האָבן מיטגענומען מיט זיך אויפן גאַנצן לעבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז דאָ האָט זיך צו זיי צוגערירט אַ שאַפנדיקע האַנט.

שייפער האָט ניט געטראַכט וועגן זיך, ווי עס טראַכטן ניט אַלע איבערגעגעבענע טוער פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָבן וויכטיקע אַרבעט צו טאָן. שייפער האָט געהאַט צופיל וויכטיקע אויפגאַבן צו דערפילן; די באַוועגונג האָט צו אים געשטעלט צודרינגענדיקע פאָדערונגען; די באַוועגונג איז געוואָקסן צו שנעל, אַז דער מענטש זאָל קענען טראַכטן וועגן וואָס ניט־איז, אַחוץ זיין אַרבעט מיטן קאָלעקטיוו. אין אַזאַ לאַגע האָט ער שוין זיינע אייגענע שאַפונגען געדאַרפט פראָדוצירן ווי „אָווערטאַים”, אין די נאַכט־שטונדן, אָפּרייסנדיק פונעם שלאָף, אָפּרייסנדיק פון אָפּרו. וואָס פאַר אַ וואונדער, אויב זיין קרעפטיקער אָרגאַניזם איז אונטערגעגראָבן געוואָרן פאַר דער צייט.

שייפער האָט ניט אויפגעהערט צו עקספּערימענטירן. שייפער האָט ניט אויפגעהערט אויסצובורייטערן דעם קרייז פון זיין מוזיקאַליש־קאָלעקטיווער טעטיקייט. געווען דאָס ליד, דאָס איינציקע ליד. שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו אָראַטאָריעס. געפּרואווט אַ גאַנצע ריי אָראַטאָריעס, אייגענע און פרעמדע. שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו דעם פּראַכטפולן ציקל רעוואָלוציאָנערע לידער און פאָלקס־לידער פאַרבונדן מיט סצענישער אילוסטראַציע, ווי מיר האָבן געזען אין „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע” — אַ ווערק, וואָס האָט געגומען די אידישע מאַסן מיט שטורעם. שפּעטער איז געקומען די אָראַטאָריע מיט דער באַגלייטונג פון טאַנץ, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין דער אויפפירונג פון די „צוויי ברידער” צוריק מיט צוויי וואָכן אין קאַרנעגי האָל — דער לעצטער גרויסער אויפטריט פון שייפערן.

שייפער איז געשטאָרבן. דער ווייטיק איז גרויס. דער ווייטיק פילט זיך שמערצלעך אין די רייען פון די אידישע אַרבעטער. אָבער שייפער קען שוין ניט שטאַרבן. שייפער האָט זיך צופיל איינגעקריצט אינעם באַוואוסטזיין פון די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. שייפער האָט פאַר זיך געבויט אַזאַ דענקמאָל, וואָס וועט קיינמאָל ניט צעשטערט ווערן. שייפער לעבט און וועט לעבן.

דעצ. 6, 1936.

אַ שטיקל געשיכטע פון אונדזער כאָר אין בילדער

שיקאַגער כאָר פון 1915 ביז 1924

י. קעריש איז געווען דער קאַרדינאַל אין „קירבן גלאָקן"

„אונדזער שייפער!"

שטימונגען און געדאַנקען וועגן יעקב שייפער

פון ר. יוקלסאָן

איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן קיין העכערן טיטול, וואָס קאָן צוגע־טיילט ווערן אַ יחיד, ווי דאָס פּשוטע וואָרט אונדזער, אונדזערער.

אונדזער מיינט: אַ גליד פון אונדזער גאַנצן וועזן, אַ לייבלעך־נאָענטער, אַ זייער היימישער, אַ שטאַרק באַליבטער, אַ וועזנטלעכער טייל פון אונדזער לעבן.

מיט אָט־דעם געהויבענעם טיטול האָבן טויזנטער זינגער און זינגערינס פון די אידישע פאָלקס־כאָרן איבערן לאַנד, צי זיי האָבן געהאַט די פרײ־ווילעגיע צו זינגען אונטער זיין דיריגענטשאַפט, צי זיי האָבן געזונגען זיינע פאַרשיידענע קאָמפּאָזיציעס אונטער דער לייטונג פון אַנדערע דיריגענטן — און צענדליקער טויזנטער, וועלכע האָבן געזען און געהערט יעקב שיי־פערן, אָדער האָבן בלויז געהערט זיין מוזיק דורך די כאָרן, אַנגעפירט פון אַנדערע דיריגענטן — האָבן אים געקרוינט מיט דעם טיטול אונדזער יעקב שייפער!

ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה?

— אַזוינס דאַרף מען זיך פאַרדינען. און יעקב שייפער האָט עס זיך דערוואָרבן דער עיקר דורך דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון דעם פּשוטן פאָלק, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און כּסדר נאָר געטראַכט וועגן די נויטן און דחקות, וועגן דער שווערער האָרעוואַניע און פּראַצע פון די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, וואָס ער האָט מיט רעכט געהאַלטן אַז זיי זיינען די זיילן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

שייפער איז געווען אַן אַרבעטער בן־אַרבעטער, אַ קינד פון פאָלק לויט זיין אָפּשטאַם און איז פאַרבליבן אַ פאָלקס־מענטש לויט זיין געמיט, לויט זיין האַלטונג און לויט זיין באַציאונג צו מענטשן: פּשוט, גלייך מיט יעדן פּשוטן מענטש, ניט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען אַ שפּרודלדי־קער קאָמפּאָזיטאָר און אַ גלענצנדיקער דיריגענט פון כאָרן און אָרקעסטערס — אַ מענטש מיט אַ הויכן סטאַזש, וואָס איז כּסדר געשטיגן אין דער מו־זיקאַלישער וועלט.

דערפאַר איז עס געווען נאַטירלעך, אַז די טעמאַטיק פון די לידער — פון די קלענערע ביז די סאַמע גרעסטע — וואָס ער האָט באַקליידט מיט זיין מוזיק, איז דורכגעוועבט מיט מאָטיוון פון קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר מענטשלעכן וואוילזיין, פאַר פעלקער־פריינטשאַפט, פאַר שלום.

אין אַלע זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען, פון די קליינע פאָלקס־לידער ביז צו די קאַנטאַטעס און אָראַטאָריעס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די־

אומשאַצבאַרע ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, האָט ער אַריינגעוועבט די אידייען פון סאָציאַלן יושר און מענטשלעכער דערהויבונג. דאָס ווערט ריכטיק באַצייכנט: „די שייפער־טראַדיציע".

און דאָס אַלץ האָט ער באַוויזן צו שאַפן אין משך פון 22 יאָר, ביז צום יונגן עלטער פון 48 יאָר, ווען זיין לעצטער אַקאָרד איז אויסגעאַנגען.

אין די 25 יאָר זינט שייפער איז געשטאָרבן האָט זיך נאָך ניט באַוויזן קיין אַנדערער קאָמפּאָזיטאָר אין דעם אידישן לעבן, וואָס זאָל קאָנען זיין אָרט פאַרנעמען.

און מיט יעדן יאָר וואָס פאַרגייט ווערט שייפערס ירושה אַלץ מער אָפּגעשאַצט, ווערט אַלץ טיפער איינגעוואָרצלט אין דעם אוצר פון דער אידישער פאָלקס־קולטור און אַלץ מער ווערט געאַכטעט דער נאָמען יעקב שייפער:

אונדזער יעקב שייפער!

יעקב שייפער

(געשריבן גלייך נאָך זיין טויט, אין דעצעמבער, 1936)

פון י. א. ראָנטש

ציטער, צאַרטע מאַנדאָלינע;
זינגער, טוליע זיך צום ליד.
ס'וועלן ווידער פעלדער גרינען
און אַרומטאַנצן די בינען, —
נאָר דעם פירער ניט פאַרהיט.

נאָר דער פירער איז געפאַלן,
ווי אַ בוים פון בליץ צעשטערט.
ראַשיק רוישן וואַסערפאַלן,
טיפער ריזלען פרישע קוואַלן —
נאָר דער פירער פירט ניט מער.

הערסט דאָס ווידערקול, דעם וואונדער,
פון געדיכטן וואַלד אַרוים?
ליד פון פירער פלאַמט און צונטערט
און עס מונטערט, מונטערט, מונטערט,
און צעבליט זיך ווי אַ רויז.

ביים וויגעלע פון „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״

ווען יעקב שייפער האָט געשאַפן די ערשטע אידישע אַרבעטער־אָפּערעטע

פון י. פריד

— ס׳איז דאָך ממש צו באַשרייבן אין די בלעטער! — האָב איך אויסגערופן אַ צעפלאַמטער.

— נו, — האָט נ. בוכוואַלד אָפּגעענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער געלאַסנקייט און דערביי אַ פיר געטאָן מיט דער ליולקע צווישן די ליפּן — ווער לאָזט דיך ניט? נעם און באַשרייב.

דער דיאַלאָג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן פרייהייט״. געווען איז עס סוף זומער פונעם יאָר 1935. געשמועסט (אָדער „געבאַלאַקעט״ ווי ס׳האָט געהייסן ביי בוכוואַלדן) האָט מען וועגן עפּעס אַ נייעם אויפטו שייפערס: אַ אידישע אַרבעטער־אָפּערעטע.

— אַן אָפּערעטע? טאַקע אַ גאַנצע אָפּערעטע? — בין איך שוין גאָר ערגעץ אין די הימלען.

— נ־נ־י־אָ־אָ — ציט אויס בוכוואַלד אויף זיין בוכוואַלדישן שטייגער — אָט אַזוי ווי דו הערסט. טאַקע אַ גאַנצע אָפּערעטע. און כ׳וועל זיך דיר מודה זיין, אַז איך אַליין בין אויך פאַרמישט אין דער אַפערע. געהאָלפן צונויפשטעלן דעם טעקסט מיטן איבעריקן קלאַפּער־געצייג. ס׳זאָל מיר כאָטש אָפּגיין גלאַט. און נאָך אַ סוד וועל איך דיר אויסזאָגן: ס׳איז שוין אפילו דאָ אַ נאָמען. ס׳וועט הייסן „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״.

די זאַך האָט מיר אָנגעהויבן קליגגען קענטלעכער. אַוודאי! מ׳האָט עס שוין געהאַט אויסגעפּרובירט אין קינדערלאַנד, און מאָלט אייך, אַז מ׳איז אַרויס מער ווי מיט גאַנצע ביינער. די קאָמוניקאַטן פון קעמפּ האָבן דער־ציילט וועגן אַ גוואַלדיקער באַגייסטערונג.

און איינמאָל מיך געכאַפּט אויף דער ווענטקע לאָזט שוין בוכוואַלד ניט אָפּ:

— זונטאָג רעפּעטירט מען „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״. איז געגאַנגען און באַשריבן!

און אַט איז שוין עטלעכע טעג נאָך דער רעפּעטיציע, און איך גיי נאָך אַלץ אַרום אַ באַרוישטער. ביי דער פּראָבע האָט עס מיך פּשוט געהויבן פון אָרט. קוים דערוואַרט דעם איבעררייס און —

— גוואַלד, שייפער! ס׳איז דאָך אַן אמתער בריליאַנט! און פון ווען אָן האָט זיך דער כאַר פאַרנומען אויף טעאַטראַלישע דרכים?

יעקב שייפער לאָזט זיך ניט פּראָוואָצירן פון מיין צעכוואַליעטן ענטוזיאַזם. „פּאַוואָליע, חברל״, מאַכט ער אויף די סאַמע באַשיידנסטע טענער, „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״ איז ביי אונדז אַ מין ערשטער פּרואוו אַזאַ. מ׳דאַרף ערשט זען ווי ס׳וועט זיך אויסלאָזן״.

נאָר פּוסטע מעשיות! שייפער וועט מיך ניט אָפּקילן. איך בין שוין דעמאָלט געווען זיכער, אַז „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״ וועט אַרויסשיינען פון אונדזערע געשיכטע־בלעטער מיט איר אייגענעם יחוס ווי די ערשטע אידישע אַרבעטער־אָפּערעטע אויף דער וועלט. כ׳האָב ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט, אַז „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״ וועט ווערן צווישן אידן דאָס זעלביקע וואָס קליפאָרד אָדעטס דינאַמישער איינאַקטער „ווייטינג פאַר לעפטי״ איז דעמאָלט געוואָרן אויף בראָדוויי. און לאָמיך זיך באַרימען, אַז איך בין ניט געבליבן אָפּגענאַרט.

פון אַ קראַנץ אַמאָליקע אַרבעטער־לידער און פאָלקס־מאָטיוון איז אויסגעמייסטערט געוואָרן אַ טעאַטער־שפּיל, וואָס איז ניט נאָר געווען פאַרוויילונג פון אַן אייגנאַרטיקן און דערפרישנדיקן קאַליבער, נאָר האָט מיט קינסטלערישער געלייטערטקייט דערטראָגן צום עולם קאַפּיטלעך געשיכטע פון שטורעם און דראַנג, פון אַ פרילינגדיקן איפּברויז אין די יאָרן ווען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך געווען אין אירע וויקעלעך.

„אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע״ האָט געררייצט מיט אַ וואונדערלעכן געמיש פון קעמפערישקייט און פאָלקסטימלעכקייט. נאָך היינט וויקלט זיך פאַר די אויגן איין סצענע בלענדנדיקער פון דער אַנדערער: אָט איז די „פאַבריקע״ מיט די אויסגעבלייכטע שניידער־מיידלעך. אָט איז די „מאַדאַם״־באַלעבאָסטע מיטן נגידיש־צעבאַלעוועטן טעכטערל. אָט איז די „סכאָדקע״ אין וואַלד. אָט איז דער אַגיטאַטאָר, וואָס רופט די „ברידער און שוועסטער״ צו ווידערשטאַנד. אָט איז דער גראָטעסקער עפּיזאָד אין שענק וואו די באַלעבאַטים מיט דעם „זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניק״ וועבן אַ פאַרשווערונג צו צעברעכן דעם בונט מיט דער סטאַטשקע. און — די אָבלאַווע אויף די „בונטאָוושטשיקעס״, דער פאַרוואונדעטער סאָלדאַט וואָס זינגט אויס מיטן בלוט פון זיין האַרץ אַ בריוועלע צו זיין מאַמען.

און — דער שטורמישער קלימאַקס.

די רעפּעטיציע האָט טאַקע אָנגעזאָגט אַלדאָס גוטס, אָבער דער טריאומף מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אויסצוחלומען.

דעם 9טן נאָוועמבער 1935, איז אַן איבערגעפּאַקטן וועניס טעאַטער, אין דער בראָדוויי־ער געגנט פון ניו־יאָרק, איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע". ס'איז געבוירן געוואָרן די ערשטע אידישע אַרבעטער־אָפּערעטע, און זי האָט זיך תיכף צעקלונגען אין שטאָט נאָך שטאָט איבערן לאַנד און האָט מיט דער צייט אַריבערגעשפּאַנט אויף יענער זייט אָקעאַן. די אָוואַציעס ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג הילכן נאָך היינט אין די אויערן.

און אין יעקב שייפערס מוזיקאַלישער קרוין איז צוגעקומען אַ דימענט, וואָס פינקלט עד־היום מיט זיין אייגן ליכט.

יעקב שייפער מיטן שפּילער אַנסאַמבל פון
„אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע", נ. י., 1936

פון אַ געטרייען תלמיד

זיין טויט האָט אָוועקגעריבט דעם שעפערישסטן נערוו פון די אידישע מאַסן און זיי אַלע שטייען מיט געבויגענע קעפּ אין טרויער. אָבער ווער נאָך קען אַזוי שטאַרק פילן דעם פאַרלוסט, וואָס זיין טויט האָט פאַראורזאַכט, ווי מיר, זיינע תלמידים און נאָענטסטע מיטאַרבעטער? ווער נאָך קאָן אַזוי שטאַרק, ווי מיר, פילן דעם ווייטיק און צער?

אייביק וועלן מיר צערטלען זיין ליכטיקן אָנדענק — און פאָרזעצן מיט אַלע אונדזערע מיטלען דאָס, וואָס ער האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט איינגעפלאַנצט אין אונדז.

נייטן סאַמאַראָוו.

דעצ. 4. 1936.



יעקב שייפערס אָריגינאַל פון „אונדזער פירער"

איז געקומען יעקב שייפער

פון משה נאַדיר

„ווער ביסטו, לעבן?" האָט געזאָגט יעקב שייפער צום לעבן.

און דאָס לעבן האָט געענטפערט מיט אַ פאַרשטעלט קול:

— דיין שונא, יעקב שייפער. איך האָב דיך אַריינגעבוירן אין דער סאַמע טיפסטער אָרעמקייט, אין דער סאַמע פינצטערער נויט און דאָרטן וועסטו שטעקן בלייבן, ווי אַ פור מיט אַ צעבראָכענעם ראָד אין אַ זומפּ; וועסט שטעקן בלייבן, יעקב שייפער.

שייפער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פולן מויל מיט לאַכנדיקע ציין:

— ס'עט ניט קומען דערצו, לעבן טייערס. דו קאָנסט מיך ניט.

— נו, עמיר זען, — האָט געזאָגט ס'לעבן און זיך אַ וויש געטאָן איבער די ליפּן.

ווי אַ הובל עסט זיך איין אין האָלץ און שפּייט אויס און פּרוּווט נאָכאַמאָל, זוכנדיק די גלאַטסטע גלאַטקייט פאַר איר ענדציל, אַזוי האָט יעקב שייפער געזוכט בייצוקומען די גוזעס און די נאַטירלעכע קנופּן פון דער קליינער, באַזונדערער וועלט, וואָס הייסט מוזיק, מיט דער כוונה די דאָזיקע וועלט צו ברענגען צו די מאַסן, זי אויסמישן מיט אירער.

⁂

„ווער ביסטו לעבן?" האָט געזאָגט יעקב שייפער צום לעבן.

„איך בין דיין פריינט", האָט געזאָגט דאָס לעבן. „איך וועל דיך דערהויבן מיט אַ נייעם מין דערהויבונג. ניט איבער די קעפּ פון די וואָס שטייען אַרום דיר, נאָר מיט זייערע קעפּ גלייך, אין זייערע שליפן אַריין, אין זייערע הערצער. דו וועסט זיין ס'געזאַנג פון די קעמפנדיקע האָפענונגען, לעבן דער שטומער שווערד פון שטאָל, וואָס איז באַשערט דיין קלאַס, וועסטו טראָגן די רירנדיקע שווערד פון מוזיק. פון די סטרוזשקעס אויסן שמעקעדיקן ערד־פרישן נאַטור־אידישן קאַמף־מוטיקן געזאַנג, וועסטו, דער געבוירענער סטאָליער, זיך אויסמייסטערן דיין קרוין אין דער אייביקייט אַריין".

און עס האָבן געלויכטן:

„אָקטאָבער".

די „צוויי ברידער".

די „בונט מיט אַ סטאַטשקע".

גאָלדפֿאַדענס לידער איבערזעצט אויף שייפֿערס העכערן מוזיקאַלישן דיאַלעקט.

צענדליקער קלענערע און גרעסערע פּערל, אָנגעצילעט אויפֿן אומצע־רייסבאַרן פֿאָדעם פֿון קאַמף און אַרבעט.

***

שייפֿער ביי פּראָבע פּונעם כאָר איז ניט נאָר אַ מוזיקער, ניט נאָר אַ דיריגענט נאָר אויך אַ „צונויפֿהאַלטער פֿון מענטשן" אין שפּאַן פֿון געזאַנג. אַז ער פֿאַרלירט די געדולד נאָך אומציילקע איינאיבונגען פֿון יעדן פּיצל־שטיקל באַזונדער, סטראַשעט ער: „איכל אייך וואַרפֿן די פּיאַנאָ אין קאָפּ אַריין, חברטע", אָדער „מאַכט אויף ס׳מויל, חבר, האָט קיין מורא ניט. קיין געבראָטענע טייבעלעך פֿליען ניט אַריין". אַן אַנדערש מאָל בעט ער זיך: אָט אַזוי, אָט אַזוי, מיט גוטן... גייט מיטן טאָן מיט גוטן, כ׳בעט אייך זייער. האַלט אים אויף דער צונג ווי וויין... שפּייט עס ניט אַרויס און כליאָבעט עס ניט אַראָפּ, נאָר גלעט עס, כ׳בעט אייך זייער, גלעט־עט עס, אָט אַזוי־אָ... כ׳בעט אייך זייער, מיטן האַלדז. יאָ?"

דאָס פֿאַרמאַטערטע פּנים לאַכט מיט אַ פֿול מויל לאַכנדיקע ציין, נאָר אין די אויגן די קליינע פֿעפֿער־פֿינטעלעך צוקן אומרואיק. יעדער ביסל געדולד איז אויסגעברענט, יעדער נערוו איז אָנגעצויגן. אַליין געדיכטעט, אַליין איבערגעשריבן, צעשריבן, איינגעשטעלט. איינגעטיילט, איינגעלערנט מיטן אימפּעט פֿון אַ לאָמפּ, וואָס דערשלוקערצט שנעל אויפֿן ווינט, די לעצטע, גרויסע אויפֿלויכטונגען, איידער ער גייט אויס...

און שייפֿערס הענט: זיי פֿאַזירן ניט, מאַכן ניט קיין סוועגאַלישע שטיק, גלעטן זיך ניט אַריין אין זעלבסט־שלאָף, אין זעלבסט־עקזולטאַציע. שייפֿערס רעכטע האַנט לאָזט זיך לאַנגזאַמוויז אַראָפּ, ווי אָנצוכאַפּן זיך אָן עפּעס. עס איז ווי 5 לאַנגע ציין פֿאַרקרימטע, וואָס זוכן אָן אָרט זיך איינצובייסן. די לינקע — ווי זי וואָלט עפּעס אָפּגעוואויגן אויפֿן דלאָן, טראָגט דאָס אָפּגעוואויגענע אַלץ נעענטער, נעענטער צום האַרץ. שיר־שיר און עפּעס אַ טשאַד פֿון מוזיקאַלישער זיסקייט וואָלט אים די אויגן פֿאַרמאַכט. ניין, שייפֿער פֿאַרמאַכט די אויגן ניט. ער שרויפֿט זיי בלויז צונויף, שרויפֿט זיי אַריין טיפֿער אינעם קלאַנג־וואַרפֿנדיקן ווולקאַן, וואָס האָט איצט אויפֿגע־בראָכן מיט אַזאַ מאַכט. אויפֿן געקאַרבטן שטערן, וואו די האָר קלעפּן ווי טינט־פֿלעקן צו פֿיל־פֿאַרשריבענעם פּאַרמעט, שלאָגן אַרויס טראָפּנווייז די פֿיינזאָפּטן פֿון שאַפֿונג, פֿון אינערלעכן גליק, פֿון איבערגוואַלטיקער מי. „אָט אַזוי, אָט אַזוי. זייט אַזוי גוט, כ׳בעט אייך זייער. יאָ?"

שטיל מורמלט ער עפּעס — צו דעם, צו יענעם אין כאָר. די אָנגע־שפּיצטע אויערן ווי שנאַפּ־הינט אויף געיעג. שמעקן יעדן מינדסטן שפּור פֿון מוזיקאַליש־פֿאַרגאָסן בלוט. אָט איז אַ פֿאַלשער טאָן דורכגעלאָפֿן. שיי־

פּערס גאַנצער גוף גיט זיך אַ בויג ווי אין טיפן קראַמף, די ציין עפענען זיך אויף צום פּאַרצוקן. דער וואָלף פון קלאַנג. ער איז איצט דורכאויס חוש־השמועה, דורכאויס קלאַנג־אויפנעמער, זיין יעדער ביין איז דורכגעבלוטיקט מיט דאָרשט נאָך דער „גלאַטסטער גלאַטקייט״. די רעכטע האַנט איז איצט אַ צעבויגענער שעפּ־לעפל פאַר צעגאָסענעם גאָלד, די לינקע וועגט־אָפּ זייער אַ טייערע, זייער אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, וואָס טאָמער, חלילה, פאַרגיסט מען 1 טראָפּן...

⁂

ס'איז אויסגעקלונגען, אָפּגעשפּילט.
אויף שייפּערס הענט שטייען הייסע טראָפּנס.
און אויף זיין שטערן.
די קליינע אָדערלעך ביי די שלייפן, שטאַמלען עפּעס.

ער ווישט זיך אַרום מיט איינעם פון די פילע ווייסע טיכלעך, וואָס חברטע לאה האָט אים, אָן זיין וויסן, אַריינגעלייגט אין אַלע קעשענעס.

ער דרייט זיך אויס צו אונדז. עס שמייכלט דאָס מויל מיט די לאַכנדיקע ציין. פונעם שטערן, פון ביידע שלייפן (וואו די אָדערלעך ציטערן קענען מיר איצט ניט זען), דאַכט זיך אויס, אַז עס גייט אויך אַ שמייכל. ווי אַ שטיל־געאוילטע, הערלעכע דינאַמאָ פון מעכטיקער מוזיק איז אַלץ אַרום אים שטיל־ציטערדיק און וואַרעם. און דין־קלינגענדיקע פּעריפעריעס פון סימפּאַטיע־כוואַליעס גייען פון טויזנטער אויגן צו אים. דערנאָך צערעדן זיך הענט, — געזונטע, אויפריכטיקע אַרבעטער־הענט, ביי וועלכע מ'דאַרף דעם אַפילו ניט אַרויסציען מיט סווענגאַלישע קונצן, מיט פּרימאַדאָנישע טריקס.

שייפּער גיט אַ מאַך מיט דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָרפן קערנדלעך צום הימל. — דער כאָר שטעלט זיך אויף. אַ הונדערט דאַנקבאַרע פרייד־אָנגעשעפּטע אויג־אַפּלען צעגיסן זיך און שמעלערן זיך אַריין אין 2 אויגן מיט קליינע, טאַנצנדיקע פעפער־פינטעלעך, וועלכע זיינען אַזוי מיד, אַזוי מי־יד.

זאָלן זיי רואיק און זאַנפט שלאָפן, אָט די מידע, קלאַסן־געטרייע אויגן דיינע, חבר יעקב שייפּער! פון אַ פּראָסטן האַנט־געשניצטן פידל, טייערער, האָסטו זיך אַליין שיר־שיר אויף דעם פּרעכטיקסטן סטראַדיוואַריוס איבערגעאַרבעט און אַזוי פיל מוזיק איז דאָך נאָך געווען אין דיר! אַזוי פיל טייכן מיט לידער... איז געקומען דער טויט און האָט זיי אויסגעגאָסן, אוי, איז געקומען דער טויט און זיי אויסגעגאָסן — — —.

דעצ. 4, 1936.

שייפּער ביי דער אַרבעט

פון ג. בוכוואַלד

וועגן שייפּערן האָט מען געשפּאַסט, אַז ער איז אַ קאַטאַרזשניק און אַ גזלן, וואָס האָט ליב צו מוטשען מענטשן. אָבער ווי גערן די זינגער האָבן זיך געלאָזט „מוטשען״!

עס קומען אַרויס אַרבעטער אין קעמפּ אויף אַ וואָך וואַקאַציע. שייפּער ציט זיי אַריין אינעם קעמפּ־כאָר און — נעמט ביי זיי אַוועק די וואַקאַציע. מען רעפּעטירט צוויי מאָל און דריי מאָל אַ טאָג. מען גייט אָפּ מיט שוויס, און ס׳איז ניטאָ ווען צו באָדן זיך. ווען אַנדערע שפּאַצירן אָדער פאַרוויילן אין קאַסינאָ, זיצן שייפּערס זינגער פאַרשפּאַרט אין אַן ענגן צימער און שטודירן איין לידער פאַר דעם שבתדיקן קאָנצערט. און מערקווירדיק — דער כאָר צעקריכט זיך ניט, די זינגער קומען פּינקטלעך צו די פּראָבן. זיי האָבן טאַקע צעפּטרט זייער וואַקאַציע, אָבער מיטגענומען האָבן זיי מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס וועט זיי בלייבן אויפן גאַנצן לעבן: זיי האָבן געזונגען ביי שייפּערן.

פּוילענצער, גרויסהאַלטער און מענטשן מיט פּוסטע אַנשטעלן האָבן מיט שייפּערן ניט געקאָנט אויסקומען. אָבער קוים איז איינער נאָכגעקומען די מינימאַלע פאָדערונג, וואָס שייפּער האָט געשטעלט פון יעדן זינגער און יעדן מיטאַרבעטער — ערנסטע באַציאונג צו דער אַרבעט — האָט אַזאַ איינער זיך ניט געקענט באַקלאָגן אויף שייפּערן.

די לעצטע צען יאָר איז מיר אויסגעקומען כמעט יעדן זומער צו אַרבעטן מיט שייפּערן אין אונדזערע קעמפּס. אין שטאָט פלעגן מיר אָפּטמאָל צו־זאַמענאַרבעטן אין פאַרבינדונג מיט די גרויסע פייערונגען פון „מאָרגן־פריי־הייט״ יובילייען. מען פלעגט אָפּטמאָל אונטערנעמען אַזוינע זאַכן, וואָס האָבן אויסגעזען איבער די כוחות. די פראַגע פון צייט איז יעדן מאָל געווען אַ קריטישע פראַגע: ווי אַזוי קאָן מען באַווייזן אין עטלעכע טעג, צי אין אַ פּאָר וואָכן אויפצובויען דעם בנין, וואָס מ׳האָט אָנגעצייכנט?

און שטענדיק האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז אויב שייפּער וועט דאָס נעמען אין די הענט אַריין, וועט שוין דער בנין אויפגעבויט ווערן. עס איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז שייפּער וועט

זיצן גאַנצע נעכט און אַראַנזשירן די מוזיק, אַז ער וועט צווישן איין רע־פּעטיציע מיטן כאָר און אַ צווייטער אַריינקוועטשן אַ רעפּעטיציע מיט די קלעזמער, אַז ער וועט אַכטונג געבן אויף די דעקאָראַציעס און וועט זען, אַז די בינע־אויסשטאַטונג וועט שוין זיין באַזאָרגט. וועגן דער מינדסטער קלייניקייט האָט שייפער געזאָרגט, אָבער זיין געזונט און זיין אויסדויער־קראַפט האָט ער קיינמאָל ניט אַריינגענומען אין חשבון. און אַזוי האָט ער אונדז אַלעמען איינגעוואוינט צו באַטראַכטן אים ווי אַן אומדערשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע, ווי אַ מענטשן, וואָס ווייסט ניט דעם טייטש פון „מיד״ און וואָס קאָן גאָר קיינמאָל קראַנק ניט זיין. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויף שייפערן קאָן מען ווירקלעך „באַוווען מאַווערן״.

די לעצטע פּאָר יאָר האָבן מיר געקראָגן אַ ריי וואָרנונגס־סיגנאַלן. חברטע לאה שייפער פלעגט זיך באַקלאָגן — ווען יאַנקל איז ניט געווען דערביי — אַז שייפער איז אויסגעמאַטערט, אַז ער שלאָפט ניט גוט, אַז ער איז קראַנק. אָבער שייפער אַליין האָט פון זיך פאַרטריבן אָט די אַלאַרמירנ־דיקע סימפּטאָמען, ווי מען פאַרטרייבט דאָקוטשליווע פליגן. ער האָט פשוט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו שוינען. אויף מאָרגן נאָך דעם גרויסן קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל האָט ער שוין געהאַט אַ רעפּעטיציע פון דער געפּלאַנטער גאָלדפאַדן־שפּיל. ביי שייפערן איז שטענדיק געווען אַזוי: אויף מאָרגן נאָך אַ גרויסן קאָנצערט — אויף וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן חדשים קאַטאָרזשנע אַרבעט — איז באַשטימט געוואָרן אַ רעפּעטיציע. ווייל — אַרבעט האָט שייפער געהאַט איבערן קאָפּ. וואָס מער עס איז געשטיגן זיין פּרעסטיזש אין דער מוזיקאַלישער וועלט, וואָס מער די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך באַקענט מיט דעם פרייהייט־געזאַנג־פאַראיין און מיט שייפערס קאָמפּאָ־זיציעס און זיך פאַרליבט אין זיי — אַלץ מער פאָדערונגען האָט מען גע־שטעלט צו שייפערן און אַלץ מער פאָדערונגען האָט שייפער געשטעלט צו זיך.

אין אונדזער קולטור־פאַרמעגן וועלן פאַרבלייבן שייפערס אָנגעשריבענע קאָמפּאָזיציעס, אָבער אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער סביבה איז שייפער געווען ניט בלויז אַ קאָמפּאָזיטאָר; ער איז געווען דער פירער פון פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַ טוער אויף דעם קולטור־פראָנט בכלל, אַ מענטש מיט שעפערישער איניציאַטיווע, וואָס איז אַוועק אויף די וועגן פון פּרוכטבאַרער עקספּערימענטאַציע מיט נייע מוזיקאַליש־סצענישע פאָרמען; אַ באַוועגונגס־מענטש, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן אַ גרויסע מאָס אחריות פאַר דעם אינהאַלט פון אונדזערע פייערונגען און גרויסע צוזאַ־מענקונפטן.

שייפער דער קאָמפּאָזיטאָר דאַרף ביי אונדז ערשט קריגן די געהעריקע אָפּשאַצונג. וואָס איז שייך אָנערקענונג, באַוואונדערונג, ליבע — האָט דאָס שייפער געקראָגן אין דער פולער מאָס. זיינער אַן אַרויסטריט איז ביי

— קינדערלאַנד כאָר —
יולי 25, 1936

אונדז שטענדיק געווען אַ יום־טוב, זיינע אַ נייע קאָמפּאָזיציע — אַ פריידיקע געשעעניש. אָבער אין איין פּרט זיינען מיר אים שולדיק געבליבן אַ גרויסן חוב: אַ קריטישע, אַ פאַכמענישע אָפּשאַצונג פון זיין רעוואָלוציאָנערער מוזיק. מיר האָבן אָפּגעשאַצט אונדזער שייפערן, אונדזער באַוועגונגס־מענטש, אונדזער חבר און אָרגאַניזאַטאָר, אָבער אין קריטיק זיינען מיר ניט דערוואַקסן צו שייפערן. אין אונדזער סביבה זיינען ניט געווען קיין מוזיקער, וואָס וועלן קאָנען פאַראייניקן פאַך־קענטעניש מיט אַ מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו קונסט.

אין דער ברייטער מוזיקאַלישער וועלט האָט מען שייפערן געשאַצט זייער הויך אַלס קאָמפּאָזיטאָר, און אַוודאי און אַוודאי אַלס כאָר־מייסטער. זיין לעצטע גרויסע אַרבעט „ביראָבידזשאַן" האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף מוזיקער. שייפערס קאָלעגן האָבן באַגריסט זיי דאָזיקע אָראַטאָריע ווי די קרוינונג פון זיין שעפערישער אַרבעט און ווי דער אָנהייב פון אַ נייער שטופּע אין זיין שאַפונג.

ער פלעגט מיט אַן אומפעלערהאַפטן חוש דערשפירן דאָס פאַלשע, דאָס געמאַטערטע אויף דער בינע, אויפן לייוונט צי אויפן דרוק־פּאַפּיר. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז ניט געווען געאיבט אין דער קונסט (און אין די שמד־שטיק) פון רעדן און שרייבן, האָט ער אָבער מיט זיינע פּראָסטע ווערטער שטענדיק געטראָפן די ריכטיקע מאָס פון אַ קונסט־ווערק.

שייפער האָט געהאַט אַ סך מיטאַרבעטער און אַרויסהעלפער. אָבער אין אַ געוויסן זין איז ער געווען איינזאַם. ער האָט ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זיינע פאַכמענישע פּראָבלעמען, ער האָט אַליין געזוכט, געבלאָנדזשעט און — געפונען דעם וועג. די דערמוטיקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער אָפּרוף פון די מאַסן צוהערער — דאָס האָט שייפערן געגעבן אַ סך כוח און באַפרידיקונג. אָבער געפעלט האָט אים די סביבה פון חברים ־מוזיקער, פון מוזיק־קריטיקער, פון קאָלעגן און פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זאָלן פאַר אים דינען ווי אַ פּרוביר־שטיין און אַ קאָנטראָל איבער זיינע עקספּערימענטאַלע אַרבעטן.

שייפער האָט שטענדיק עקספּערימענטירט. ער איז קיינמאָל ניט געווען געגנויגט צו „רוען אויף לאָרבער־קראַנצן", ער איז געווען וואַך מיט אַלע חושים בנוגע קונסט־פראַגן, טעאָריעס, אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען. פונדעסטוועגן האָט ער אין זיך געהאַט עפּעס אַ קינסטלערישע עקשנות, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט בויגן. אין דער צייט ווען אויף אים האָבן פון פאַרשיידענע זייטן געדריקט לינקיסטישע איינפלוסן, וואָס האָבן אונטערשאַצט די קולטור־ירושה פון פריערדיקע דורות, האָט שייפער געצערטלט און געלייטערט דאָס פאָלקס־ליד. ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר חסידישע ניגונים און האָט געוואוסט ווי אַזוי אויסצולייטערן דעם פאָלקס־

געמיט פון לידער און מעלאָדיעס, וואָס זיינען היסטאָריש געווען צונויפגעפלאָכטן מיט ווערטלאָזן וואָרט־מאַטעריאַל.

אָבער שייפער דער קאָמפּאָזיטאָר האָט קיין צייט ניט געהאַט צו באַשעפטיקן זיך מיט זיך אַליין. זיינע וויכטיקסטע קאָמפּאָזיציעס זיינען געשאַפן געוואָרן עפּעס ווי אַ ביי־פּראָדוקט פון אַ גרעסערער געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג. שייפערס צייט איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט לויפנדיקער אַרבעט אין געזאַנג־פאַראיין און אין דער באַוועגונג, אַז אויף צו שאַפן מוזיק האָט ער ממש געמוזט „אָפּרייסן" צייט.

ניט געקוקט אויף דער לעגענדע, אַז „מיט שייפערן איז שווער צו אַרבעטן", האָט ער געאַרבעט אין ענגער און חברשער קאָאָפּעראַציע מיט טוער און קינסטלער אויף פאַרשיידענע געביטן. ער איז געווען שטרענג אין זיינע פאָדערונגען, אָבער ווען זיינע מיטאַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן די געהעריקע ערנסטקייט צו זייער אויפגאַבע, האָט שייפער מיט זיי געאַרבעט האַרמאָניש, און ס'האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן וועלכע ס'איז „רייבונגען".

שייפער פלעגט זיך קאָנען אָנצינדן מיט יענעמס אַן אידייע, פּונקט ווי מיט זיין אייגענער. ער איז געווען ביז גאָר עמפּינדלעך צו קינסטלערישער עכטקייט אויף אַנדערע געביטן, אויסער דעם געביט פון מוזיק.

די פלענער וועגן בויען אַן אָפּערעטן־טעאַטער ביים פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, די אויפלעבונג פון בדחנישע לידער, דאָס אָרגאַניזירן רעגלמעסיקע ראַדיאָ־פּראָגראַמען, — שוין אָפּגערעדט וועגן אַ ריי גרעסערע קאָמפּאָזיציעס און אַ צאָל קלענערע לידער, וואָס ער האָט געהאַט פּראָיעקטירט — דאָס וואָלט שייפערן געקלעקט אויף עטלעכע יאָר אַרבעט.

ס'איז ניט שייך צו טרייסטן זיך אָדער אַנדערע. יעקב שייפער קאָן ניט פאַרביטן ווערן. זיין טויט איז אַ גרויסער קלאַפּ פאַר אונדזער קולטור־לעבן. מיר קאָנען אָבער און מיר מוזן פאָרזעצן די אַרבעט, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעצייכנט. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר אָפּצאָלן דעם חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק שייפערן דעם קינסטלער. און נאָר דורך אַזאַ אַרבעט וועלן מיר מעגלעך מאַכן פאַר אַנדערע פּראָלעטאַרישע מוזיקער צו דערהויבן זיך צו שייפערס פּלאַץ אין אונדזער קולטור־לעבן.

דעצ. 6, 1936.

דער ערשטער אידישער פּראָלעטאַ־ רישער מוזיקער

פון קלמן מרמר

שווער צוגעוואוינען זיך צום געדאַנק, אַז יעקב שייפער איז ניטאָ מער צווישן אונדז. באַזונדערס איז עס שווער פאַר זיינעם אַן עלטערן חבר, אין וועמענס אויגן ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מאַן.

יעקב שייפערס לעבן האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון אַ פאָלקס־לעגענדע. עס איז אַ רייך דינאַמיש לעבן, פול מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג — אַ קונסט־ווערק, געשאַפן פון אידישן אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס וועט באַ־וואונדערט ווערן פון שפּעטערדיקע דורות. די צוקונפטיקע אידישע היסטאָ־ריקער וועלן פון זיין לעבן קאָנען ציען שלוסן, אַז די אַרבעטער סביבה אין אַמעריקע איז ניט געווען קיין שטייניקער באָדן, ווי געוויסע פּעסימיסטן שטעלן זיך עס פאָר, אויב אַ פּשוטער סטאָליער־אַרבעטער האָט געקאָנט אויסוואַקסן צו אַזאַ באַדייטנדיקער מוזיקאַלישער קראַפט, ווי יעקב שייפער.

שוין מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק ווען מיר האָבן ביידע גע־אַרבעט אין דער אידישער ראַדיקאַלער שול אין שיקאַגע, האָב איך געזען אין אונדזער יוגנטלעכן געזאַנג־לערער שייפער אַ שטייגנדיקע קראַפט. ער שאַפט גאַנצע אָראַטאָריעס פאַר כאָר און אָרקעסטער. דראַמאַטיזירט אידישע רע־וואָלוציאָנערע לידער. שטעלט אַרויס זיין כאָר אין קאָסטיומען און נעמט אויף צוהילף וויכטיקע שוישפּילער, זינגער און מוזיקאַנטן. ער איבעראַשט מיט זיינע גרויסע מוזיקאַלישע אויפפירונגען. מיט דער הילף פון אַ גרופּע יונגע שוישפּילער פאַרוואַנדלט ער אויך קאָברינס „יאַנקל בוילע" אין אַ מוזיקאַליש ווערק.

מיט זיין קומען קיין ניו־יאָרק אין 1924, הייבט זיך אָן שייפערס אויסער־געוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייט. מיט דער הילף פון אייניקע טיכ־טיקע חברים און זיין פרוי לאה, וואָס איז פריער געווען איינע פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון שיקאַגער כאָר, גרינדעט שייפער דעם מוזיק־פאַרבאַנד פון כאָרן און אָרקעסטערס. ער אַראַנזשירט צוזאַמענפאָרן פון זייערע

אָנפירער. ער גיט אָפּ אַ סך כוחות צו אַנטוויקלען דיריגענטן. זוכט אויך צו אַנטוויקלען זייער קאָמפּאָזיטאָרישן טאַלאַנט. (ער איז אַמאָל אָפּגעזעסן ביי מיר אַ גאַנצן טאָג און שטודירט מיין זאַמלונג פון סאָציאַלע לידער און באַטראַכט וועלכע דיריגענטן וועלן קאָנען צופּאַסן די נויטיקע מוזיק). ער פלעגט געוויינלעך פאַר זיין אויפטריט מיט אַ ניי ווערק, דיסקוטירן צו־ערשט זיין ליטעראַרישן און מוזיקאַלישן ווערט. ער פלעגט זיך ניט באַ־נוגענען מיט זיין מוזיקאַלישן טייל. ער פלעגט אויך טעמפּעראַמענטפול פּאָלעמיזירן וועגן דעם ליטעראַרישן טייל. ער האָט דערביי אונטערשטראָכן, אַז מיט זיין מוזיק טייטשט ער אויך אויס דאָס ווערק און דעריבער טרעט ער אויך אַרויס ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

יעקב שייפער האָט אויך געהאַט אַ פעסטע מיינונג וועגן ירשנען אַלטע אידישע קולטור־ווערטן. ער פלעגט מיט גרויס ערודיציע פאַרטיידיקן זיין באַנוצן סינאַגאָגאַלע מאָטיוון. ער פלעגט דעמאָנסטרירן דעם גלגול פון אַ ניגון, באַווייזן ווי אַזוי אַ געזאַנג ביי דער אַרבעט, אַ ליבע־מאָטיוו, אַ טאַנץ־מעלאָדיע איז דורך די חזנים, אָפט אַליין פאָלקס־מענטשן, פאַרטראָגן גע־וואָרן אין די היילִיקסטע תפילות. אונדזער פליכט איז, פלעגט שייפער אויספירן, אַרויסצושיילן די דאָזיקע מוזיק פון זייער רעליגיעזן שאָלעכץ און דאָס צוריקגעבן צום פאָלק.

עס וועט נעמען אַ היפּשע צייט ביז יעקב שייפערס פאַרצווייגטע טע־טיקייטן וועלן קריגן זייער פולע אָפּשאַצונג. יעקב שייפער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ פּראָלעטאַרישער מוזיק.

יעקב שייפערס שאַפונגען קאָן דער טויט ניט טויטן. ער לאָזט איבער אַ רייכע ירושה, אין וועלכער דורות נאָך וועלן שעפּן באַגייסטערונג און געניוס.

איזידאָר גאָרעליק

1891 — 1936

פּיאָנער פון אונדזער כאָר־באַוועגונג
פאַרוואַלטער פון שיקאַגער און
ניו־יאָרקער כאָר, בויער פון
אידישן מוזיק־פאַרבאַנד

שייפער בלייבט

פון משה כץ

פאַרוואָס איז יעקב שייפער געווען אַזוי איינגעבאַקן אונדז אַלעמען אין האַרצן? צוליב דער זעלביקער סיבה, פאַרוואָס דער פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, די פרייהייט־געזאַנג פאַראיינען זיינען אונדז איינגעבאַקן אין האַרצן. צו די פרייהייט־געזאַנג־פאַראיינען באַציען מיר זיך, — מיר, די נעענטערע, מיר, אויף וועמענס אויגן די אָרגאַניזאַציע איז אויסגעוואַקסן, — צו זיי קאָנען מיר זיך ניט באַציען, ווי צו אַ קונסט־אָרגאַניזאַציע, אָדער צו אַן אָרגאַניזאַציע פון קינסטלער, וואָס זיינען אָפּגעטיילט פון אונדז מיט אַ בינע און מיט בינע־פייערן. וואָרום זיי זינגען דען פאַר אונדז? זיי זינגען אַרויס פון אונדז, ווען דער פרייהייט־פאַראיין־זינגט, זינגען מיר דורך זיי און מיט זיי, — זיי זיינען אונדזער געזאַנג, דער געזאַנג פון אונדזער באַוועגונג.

*
**

און שייפער איז געווען דער פירער פון אָט־דעם געזאַנג, זיין פאָטער, זיין אָרגאַניזאַטאָר, זיין נשמה. קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז אונדזער באַוועגונג וועט אויפהערן זינגען, — אַז זי וועט אויפהערן שאַפן נייע געזאַנגען און אויפלעבן אַלטע טיף־פאַרצווייגטע אין אונדזער זכרון און געפילן? מען קאָן עס ניט. און פונקט אַזוי קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אונדזער באַוועגונג, דאָס הייסט מיר אַלע, מיר די לעבעדיקע מענטשן, יעדער איינער פון אונדז, וועלן זיך באַגיין אָן שייפערן.

שייפער האָט אונדז פאַרלאָזן אין סאַמע בלי פון זיין לעבן, ווען ער האָט ערשט ווי געהעריק פאַנאַנדערגענומען זיינע שטאַרקע סטאָליאַרסקע אָרעמס, ווען ער האָט ערשט ווי געהעריק אָנגעטאַפּט דעם וועג. פאַר ברייטערע, גרעסערע און גרינטלעכערע שאַפונגען און אויפפירונגען אויפן געביט פון אידישער פראָלעטאַרישער און פאָלקס־מוזיק און געזאַנג. דאָס וואָס ער איז פלוצלונג אָפּגעריסן געוואָרן פון אונדז קאָן מיט גאָרניט פאַרגיטיקט ווערן, — פונקט ווי קיין גאַנצע בילדער־גאַלערייע קאָן ניט פאַרגיטיקן דעם פאַרלוסט פון אַ גרויסן מייסטער. אָבער שייפער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך די געזאַנג־פאַראיינען, זיינע ווערק, זיין אימפעט, זיין שעפערישע טראַדיציע, — און אין זיין אַרבעט און אין זיין לעבנס־ווערק וועט ער אייביק לעבן צווישן אונדז און אַרויסקוקן צו אונדז דורך אונדזערע געזאַנגען.

שייפער בלייבט מיט אונדז אויף שטענדיק. פון דעם טאָג פון זיין טויט הייבט זיך אָן זיין אומשטערבלעכקייט.

דעצ. 4, 1936.

קינדערלאַנד הימן

פון משה שיפריס

קינדערלאַנד, וואונדערלאַנד, שיינע זומער היים
פאַר אַרבעטער־קינדער אַ ליכטיגער טרוים.
קוועלט דיין טייכל פול מיט פרייד, לאַכט פון אויבן זון אַראָפּ.
וואַרעמט זון און באַקט אונז אויס און דיין טייכל פרישט אונז אָפּ.

אָ קינדערלאַנד, זומערלאַנד,
מיר לערנען זיך דאָ וועבן,
ווי דיין ליכטיגער פרימאָרגן,
אַזאַ פריידיק, ליכטיק לעבן.

קינדערלאַנד, אונזערלאַנד, אונטער הימל ליכטיק בלוי
לערנסט אונז און גיסט אונז ווייסן. פריידיק איז דאָ יעדע שעה.
מיט קראַפט און מוט דו שטאַלסט אונז אָן און מאַכסט אונז גרייט
צו בויען און צו שאַפן אַ לעבן פול מיט פרייד.

אָ קינדערלאַנד, זומערלאַנד,
מיר לערנען זיך דאָ וועבן,
ווי דיין ליכטיגער פרימאָרגן,
אַזאַ פריידיק, ליכטיק לעבן.

„יונגוואַרג"

(דאָס איז די מוזיק וואָס דער באַרימטער אַר־
בעטער קאָמפּאָזיטאָר, יעקב שעפער, האָט אָנגעשרי־
בן לעצטן זומער אין קעמפּ „קינדערלאַנד", געווי־
דמעט חברים פאַר זיין טויט.)



אַ מוזיקאַלישער מאָנומענט פאַר אידישער קולטור־אויפלעבונג

צום 10־יאָריקן אָנדענק פון יעקב שייפער

פון גינאַ מעדעם

אונדזער לעבן איז אַ פאַרנומענער לעבן. מען ווערט מיטגעריסן פון שטראָם אין איילעניש, סיי בייטאָג, סיי אין אָוונט. און דער טויט פון אַ מענטשן אין אונדזער סביבה טרעפט אונדז אויך בעת דער אַרבעט אָדער גייענדיק צו אַן אַרבעט. אַזוי איז עס געווען יענעם אָוונט, בעת איך בין געקומען אין „פראָלעטפען" צו אַ שמועס, וועלכן מיר האָבן געזאָלט אַדורכפירן, נאָך מיין קומען פון מעקסיקאָ און קובאַ, וועגן דעם לעבן פון די צוויי אידישע ישובים. גראָד בין איך יענעם טאָג געקומען פון אַ קליינער רייזע און כ'האָב זיך ערשט דערוואוסט, אַז היינט איז פלוצלונג אַוועק פון אונדז יעקב שייפער... עס איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרצן און איך האָב שוין נישט געוואָלט האַלטן דעם שמועס. עס איז אויך געווען שווער פאַר די פאַרזאַמלטע חברים צו זיצן און הערן אַ געמיטלעכן שמועס וועגן דעם לעבן פון יידן אין צוויי שכנישע לענדער.

עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אין טויט, ווייל נישט אַזוי לאַנג פאַר דעם היינט, פאַר דעם 1טן דעצעמבער 1936, האָט שייפער מיט מיר גערעדט וועגן מאָטיוון פון אַלטע העברייאיש־ספרדישע לעגענדעס און תפילות, וועלכע „בלאָנדזשען" אין זיין קאָפּ, ווען ער טראַכט וועגן דער אידישער פאַרגאַנגענהייט אין דעם לאַנד פון אידישן רענעסאַנס, אַרום וועלכן עס בושעוועט אַ פייער איצט — דאָס פייער פון פראַנקאָס אויפשטאַנד קעגן שפּאַנישן פאָלק דעמאָלט און דאָס ערשטע פאַרגאָסענע אידישע העלדן־בלוט אין די „אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן" ביי דעם צוגאַנג צו מאַדריד...

דאָס זיינען די זכרונות, וועלכע שוועבן אַרום מיר, ווען איך דערמאָן דעם נאָמען שייפער אָדער הער זיך צו צו זיינע מוזיקאַלישע מייסטערווערק.

דאָס פאָלק שאַצט אָפּ אַ דיכטער אָדער מוזיקער נאָך איידער עס דערגרייכט צו אים אַ געשריבענע קריטיק אָדער אָפּהאַנדלונג. דער מוזיקער אַליין פילט עס באַזונדערס שטאַרק, ווייל מוזיק איז צוגענגלעכער פאַרן פאָלק, איידער פּאָעזיע, דיכטונג, ליטעראַטור: עס איז דער לשון פון מענטשלעכן האַרץ, דער אלף־בית פון זיין לעבן. מוזיק, געזאַנג הויבן זיך אָן ביי דער וויג, געזונגען פון דער מאַמען און באַגלייטן אים דאָס גאַנצע לעבן: אין דער שול, אין וואַרשטאַט, אויף דער גאַס, בעת ער, דער פאָלקס־מענטש, קעמפט פאַר זיין פרייהייט און שרייט אַרויס זיין פּראָטעסט קעגן ווילקיר.

ד'ער געניוס פון אַ קאָמפּאָזיטאָר הערט שאַרפער און קלאָרער די היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע קלאַנגען פון אַ פאָלקס־גורל איידער דאָס פאָלק אַליין. כאָטש דאָס פאָלק שמידט אויס סיי דעם קלאַנג, סיי דעם וואָרט. אָבער דער מוזיקאַלישער סינטעז קומט פון קאָמפּאָזיטאָר, אין וועלכן עס איז פאַראייביקט אַ געגעבענע עפּאָכע, אַדורכגעלעבט און אַדורכגעליטן פון אַ פאָלק, אין שייפערס פאַל, פון אַ קלאַס, פון אידישן האָרעפּאַשניק, פון אידישן מענטשן, פון די וואָכעדיקע ביטערע טעג פון אונדזער לעבן.

שייפער איז געווען דער שאַפער פון קאַמפּס־לידער און פון קאַמפּס־מאַרש פונעם אידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט. אין דעם אימיגראַנטישן אַמעריקע האָט ער געפונען די זוכענישן, די פּראָבלעמען, די האָפענונגען און אַנטוישונגען פון דעם אידנטום פון גאָר דער וועלט. ער האָט געשפּרייזט פון שטאָפּל צו שטאָפּל איבער עטאַפּן פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע און זיך נישט געשראָקן פאַר די באַשיידענע מיטלען אין אונדזער רשות: די פּרימיטיווע כאָר־מעגלעכקייטן און דעם מוזיקאַליש נאָך רויען מענטשן־מאַטעריאַל פון פאַר 30 יאָר צוריק; זיך נישט געשראָקן פאַר דער גאָר קליינער צאָל פון פּייאיקע כאָר־דיריגענטן אין אונדזער סביבה בכלל און פאַר דער נאָך קלענערער צאָל פון נאָטן־לייענענדיקע זינגער ביי אונדז, אין אונדזער אַרבעטער־סביבה.

ווייל שייפער איז פריער פאַר אַלץ געווען — אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפער. ער האָט געבויט זיין געניוס אויפן האָרעפּאַשנעם פאָלק, אויף די פּאָטענציעלע כוחות פון פאָלק — כוחות פון אַמעריקאַנער שעפּער, פון סאָבווייי, פון דער פּיקעט־ליין, פון דעפּרעסיע־יאָרן און הונגער...

שייפער איז געבליבן מיטן פאָלק, מיט אונדז. נישט אַוועק אויף „בראָדוויי". אים האָט נישט געלאָקט דאָס קאַלטע ליכט פון „ווייסן, מילכיקן וועג". נישט געוואָרן אַ קאַריעריסט, נאָר כסדר, אומדערמידלעך געשטאַנען אין דינסט פון אידישן אַרבעטער און דערהויבן דאָס אידישע געזאַנג, די אידישע ניגונים צו אַ מדרגה פון קונסט. געוואָרן אַ אידישער באַך, הענדל, ברוקנער. גערעדט צום פאָלק, פאַרן פאָלק, מיטן פאָלק אין דער שפּראַך פון אָראַטאָריעס און קאַנטאַטעס, גלאָריפיצירט, פאַרהערלעכט אידישע העלדן. די פרייהייטס־קעמפער פון אַמאָל („מאַרטירער־בלוט") און זיי געבראַכט נענטער צו אונדזער הייגטיקער צייט, דער טראַגישער עפּאָכע פון אומקום פון אַ דריטל פון אידן איבער דער וועלט. איז ער איצט, צען יאָר נאָך זיין טויט, טרייסטער און דערמוטיקער אין דעם אויפבוי פון אידישער קולטור אויף יענער זייט ים — נאָך דעם אָפּראַמען פון דער היטלער־בעסטיע.

און דאָס איז שייפערס ירושה! דאָס איז די אומשטערבלעכקייט פון אַ פאָלקס־געניוס, וועלכער לעבט ווייטער און פאַרזאָרגט דעם גייסטיקן קיום פון אַ פאָלק, כאָטש זיין גוף איז נישט מער מיט אונדז.

1946.

„אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע" אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, מיט לאה שייפּער
אַלס רעזשיסאָר, 1939

יעקב שייפער

(צו זיין 25סטן יאָרצייט)

פון זאַרי גאָטפריד / פּעטאַלומאַ, קאַליפאָרניע

זאַרי גאָטפריד איז אַ וועטעראַן-דיריגענט פון אידישן מוזיק-פאַרבאַנד. ער איז איצט דער מוזיק-דירעקטאָר פון אידישן פאַרמער-כאָר אין פּעטאַלומאַ און פון פאָלקס-כאָר אין סאַן-פראַנציסקאָ.

ווייניק איז די צאָל קינסטלער ביי אונדז, וואָס מען זאָל אַזוי אָפט רעדן וועגן זיי מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און פאַרערונג ווי עס איז דער פאַל מיט יעקב שייפער, וועלכער איז שוין 25 יאָר אויפן „עולם האמת". און דאָ האַנדלט זיך ניט אַזוי פון רעדן וועגן אים, ווי וועגן זיין כסדרדיק רעדן צו אונדז דורך זיינע מוזיק־שאַפונגען. עס רעדט צו אונדז שייפער דורך זיינע כאָראַלע ווערק, וועלכע האָבן די לעבנס־קראַפט, די פרישקייט, דעם קינסטלערישן אמת און אידייאישע אָנגעלאָדנקייט, וואָס זיינען אין אַ היפּשער מאָס אויך גילטיק, צייטמעסיק אין די היינטיקע טעג.

י. שייפער האָט מער מזל ווי אַנדערע קינסטלער ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן שוין מיט דעם, וואָס חוץ זיין מוזיקאַלישער ירושה אין דער פאָרם פון כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס, האָט ער נאָך זיך געלאָזט די אינסטרומענטן, וועלכע קאָנען — און טוען טאַקע — „אויסשפּילן", אויסזינגען זיינע שאַפונגען יאָר אויס, יאָר איין. אַ היפּשער טייל פון זיין ירושה איז נאָענט און ליב גע־וואָרן דעם פאָלקס־מענטש, וועלכער ווערט גאָרנישט מיד צו הערן און הנאה צו האָבן פון זיין רעפּערטואַר.

די יידישע פאָלקס־כאָרן, די פילהאַרמאָנישע כאָרן, די קלענערע צי גרעסערע געזאַנג־אַנסאַמבלען זיינען אין אַ גרויסער מאָס געקומען צום לעבן אַדאַנק דער אומדערמידלעכער, אידעאַליסטישער אַרבעט פון יעקב שייפער — דעם בויער און אינספּיראַטאָר פון גאַנצן כאָר־וועזן, ווי אויך פון דעם יידישן מוזיק־פאַרבאַנד.

ווייניק יידישע קינסטלער האָבן אין זיך פאַרמאָגט דעם גרויסן טאַלאַנט, דעם שאַפונגס־פונק, מיט דער פייאיקייט און ווילן צו פּראַקטישער אָרגאַניזאַ־ציע־בויאונג, ווי יעקב שייפער. איבער דעם אַלעם איז ער געווען באַהויכט פון טיפן אידעאַליזם און גלויבן אין אַ וועלט פון פרייהייט און שלום — פאַר

אַ וועלט, וואָס דאָס אַרבעטער־פֿאָלק דאַרף קעמפֿן מיט אַלע מיטלען. מוזיק — וואָרט און קלאַנג — איז איינס פֿון די דאָזיקע מיטלען. אַן אַרבעטער אָדער פֿאָלקס־כאָר איז אַזאַ מין אינסטרומענט. דאָס אַרבעטער־פֿאָלק קאָן און דאַרף באַשאַפֿן וואָס מער אַזעלכע אינסטרומענטן; די לעצטע מוזן דורך געהעריקער פֿירערשאַפֿט, אידייאישער אָנגעווענדקייט און מוזיקאַלישער ראַפֿינירטקייט ווערן וואָגיקע קולטור־פֿאַקטאָרן אין לעבן פֿון פֿאָלק.

י. שייפֿער האָט געשאַפֿן, געבויט און אָרגאַניזירט. ער האָט שווער געאַרבעט איבער זיינע שאַפֿונגען; אויף קליינע לידער, אויף די אַראַנזשירטע פֿאָלקס־לידער, אויף די פֿיל־שטימיקע קאָמפּאָזיציעס, קאַנטאַטאָס און אָראַטאָריעס. אין דער זעלבער צייט איז אים אָנגעשטאַנען זיך צו פֿאַרנעמען מיט אָרגאַניזאַציע־פּראָבלעמען פֿון די כאָרן; מיט טרענירן נייע יונגע דיריגענטן; מיט העלפֿן אַרויסגעבן מוזיק־צייט־שריפֿטן, זשורנאַלן, דיריגירן אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער; אָנפֿירן מיט קינדער־כאָרן; פּלאַנירן, צוגרייטן און דורכפֿירן פֿאַרוויילונג־פּראָגראַמען אין זומער־פּלעצער. ער איז געווען אַליידנשאַפֿטלעכער, ברויזנדיקער אָרגאַניזאַטאָר — און ער האָט זיינע מיטאַרבעטער אָנגעצונדן מיט זיין ברען און ענטוזיאַזם; ער האָט רעספּעקטירט פֿאַכמענישקייט, וויסן, ערודיציע. און אַרבעטנדיק איבער זיך זעלבסט, שטרעבנדיק אַליין צו וואָס מער פֿולקאָמענקייט, האָט ער עס שטרענג געפֿאָדערט ביי זיינע מיטאַרבעטער, ביי יונגע דיריגענטן, זינגער און טוער. ער האָט פּרובירט אַריינברענגען דעם געזונטן, פּאָזיטיוון עלעמענט פֿון פּראָפֿעסיאָנאַליזם אין זיין אייגענער אַרבעט — אין זיינע שאַפֿונגען און אין זיינע כאָרן און אָרקעסטערס. שייפֿער האָט דורך זיין אַרבעט און שאַפֿן דערהויבן דעם אַרבעטער און פֿאָלקסמענטש, צו זיין ראַוי, פּאַסיק און פֿייאיק צו ווערן דער שאַפֿער, בויער, אָרגאַניזאַטאָר, און געניסער פֿון אַ נייער, פֿרייער וועלט.

שייפֿער האָט אין זיין „וועלט מיט אַרבעט”־צוגאַנג געשטרעבט אָפּצושפּיגלען אין זיין כאָראַלער שאַפֿונג ניט נאָר די טעמאַטיק פֿון ליעסין און פּרץ („מאַרטירער־בלוט”, „צוויי ברידער”), וועלכע האָבן אין זייערע פּאָעטישע ווערק אַרויסגעבראַכט די אייביק־מענטשלעכע אידעאַלן און שטרעבונגען צו יושר און שלום, — נאָר ער האָט דערפֿילט דעם דראַנג אָפּצורופֿן זיך קינסטלעריש אויף צייט־פּראָבלעמען, לויפֿנדיקע וויכטיקע געשעענישן און בעיקר — די גרויסע סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע אויפֿטרייסלונגען פֿונעם פּעריאָד פֿון 1914 ביז 1936 — די רוסלענדישע רעוואָלוציע, די פּראָקלאַמירונג פֿון ביראָבידזשאַן.

די יידישע ראַדיקאַלע פּאָעטן האָבן פֿיל צו פֿאַרדאַנקען שייפֿערן פֿאַר זייער פּאָפּולאַריטעט, ווען דער קאָמפּאָזיטאָר האָט זייערע לידער איבערגעגעבן דורך זיין ברויזנדיקער מוזיק. אַזוי סאָוועטיש־יידישע פּאָעטן, און אויך אַמעריקאַניש־יידישע דיכטער. איציק פֿעפֿער, פּרץ מאַרקיש, משה בראָדערזאָן, ביינוש שטיימאַן האָבן דערוואָרבן אַ היפּשע מאָס פֿון זייער פּאָפּולאַריטעט אין

אַמעריקע אַדאַנק שייפערן. אַזוי איז משה בראָדערזאָנס פּאָעמע „בראַנד און פייער", איינס פון שייפערס קרעפטיקסטע און באַליבטסטע קאָמפּאָזיציעס ביז אויף היינטיקן טאָג. פּרץ מאַרקישעס פּאָעמען „קיין איינציקן שפּאַן", און „ביראָבידזשאַן" געהערן צו שייפערס וויכטיקסטע אָראַטאָריעס. אַזוי אויך ביינוש שטיימאַנס פּאָעמע „משיח בן־יוסף", וואָס שייפער האָט געשאַפן פון איר אַן אָראַטאָריע.

זיין מאָנומענטאַלע אָראַטאָריע „אָקטאָבער" איז צונויפגעשטעלט פון אַ מאָנטאַזש (צוגעגרייט פון נ. בוכוואַלד) פון 13 באַזונדערע דיכטערישע שאַפונגען פון סאָוועטיש־יידישע פּאָעטן און אַמעריקאַניש־יידישע. אין דער „אָקטאָבער"־אָראַטאָריע פיגורירן מיט זייערע פּרעכטיקע פערזן דוד האָפשטיין, אהרן קושניראָוו, איציק פעפער, אשר שוואַרצמאַן און לייב קוויטקאָ.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז שייפערס אינטערעס צו די היסטאָרישע סאָציאַלע קאַמפן פון היגן אַרבעטער־קלאַס. שייפערס אָראַטאָריע „געוויטער", צוזאַמענגעשטעלט דורך י. גרינשפּאַן, איז געבויט אויף פערזן און לידער פון אַמעריקאַניש־יידישע דיכטער, ווי י. באָוושאָווער, מאָריס ראָזענפעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, י. גרינשפּאַן, י. א. ראָנטש, א. פּרינץ, אהרן קורץ, א. פּלאָטנער, נ. וויסמאַן, מאַרטין בירנבוים, לייב סאָברין, און משה נאַדיר.

יעקב שייפער האָט ניט נאָר געשאַפן און געקעמפט פאַרן אַמעריקאַניש־יידישן אַרבעטער, נאָר ער האָט געוואָלט ברענגען זיינע שאַפונגען צו די אויערן פון סאָוועטיש־יידישע און אַלגעמיין־סאָוועטישע צוהערער. זיין חלום איז טיילווייז פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך זיין רייזע אין 1932 קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו ער איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט און פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער קולטור־אָנפירערשאַפט. זיין אָראַטאָריע „אָקטאָבער" איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין כאַרקאָוו עטלעכע מאָל. שייפער האָט אויסגעהערט ניט נאָר לויב־געזאַנג מצד די דאָרטיקע קולטור־פירער, קריטיקער און מוזיקער, נאָר אויך חברשע קריטיק.

זיין צווייטער חלום איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן צוליבן אָנקום פון היטלעריזם: דער חלום פון אַ קאָנצערט־טור פונעם ניו־יאָרקער פרייהייט־געזאַנג־פאַראיין, אונטער שייפערס דירעקציע, איבער די גרויסע יידישע צענטערס פון סאָוועטן־לאַנד — ווי אויך די יידישע קולטור־צענטערס פון פּאַריז, לאָנדאָן, וואַרשע. דאָס איז געווען דער סאַמע אויפבלי־פּעריאָד פון שייפערס שעפערישער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט — פּאַקטיש די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן.

די אויבנדערמאָנטע גרויסע כאָראַלע ווערק, די קאַנטאַטאָס און אָראַטאָריעס (צו וועלכע מען דאַרף צורעכענען „בין השמשות" פון יהואש; „צוועלף" — פון אַלעקסאַנדער בלאָק; „טרופּן גייען" פון משה נאַדיר; און

„שטורעם־פויגל״ פון מאַקסים גאָרקי־אַלגין) זיינען בלויז איין טייל פון שייפּערס רייכער מוזיק־ירושה. דער צווייטער טייל באַשטייט פון אַ גרויסן אוצר פון לידער, אָריגינעלע און אַראַנזשירטע פאָלקס־מאָטיוון. דער דאָזיקער לידער־אוצר באַשטייט פון די סאַמע איינפאַכסטע איין־שטימיקע מאָטיוון ביז קאָמפּליצירטע פיר־שטימיקע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען נאָענט צו קליינע קאַנטאַטעס לויט זייער אינערלעכן מוזיקאַליש־האַרמאָנישן געבוי און קאָנ־סטרוקציע; ווי למשל, „שנעל לויפן די רעדער״, פון ד. עדעלשטאַדט, דאָס פשוטע באַאַרבעטע פאָלקס־ליד; „קירכן גלאָקן״ פון א. רייזען; „בראַנד און פייער״ פון מ. בראָדערזאָן.

אַ גרויסע צאָל מאָדערנע יידיש־פּראָגרעסיווע דיכטער איז פאַרטראָטן ביי שייפּערן. ער האָט געשעפּט אינספּיראַציע ביי י. סלאָנים, אברהם רייזען, י. א. ראָנטש, י. ב. ביילין, א. ליעסין, מאַני לייב, פּרץ הירשביין, א. מייזעל, מ. א. סול, יאָסל קאָטלער, משה נאַדיר, אהרן קורץ, מ. ל. האַלפּערן און אַנ־דערע, ווי די שוין דערמאָנטע אַמעריקאַנער יידישע קלאַסיקער: ווינטשעווסקי, עדעלשטאַדט, באָוושאָווער, ראָזענפעלד, און שלום־עליכם.

שייפּערס אָרט אין דער יידישער מוזיק איז געזיכערט אַדאַנק דער סאָציאַלער אָנגעזעטיקטקייט פון זיין קונסט, און זיין באַוואוסטזיניקער סאָ־ציאַל־פּאָליטישער אָריענטירונג אויף דעם פאָרגעשריטענעם אַרבעטער־פאָלק; און אויך צוליב דער אינערלעכער קרעפטיקייט, מעלאָדישקייט פון זיין מוזיק. ער האָט געשעפּט פון די עכטע פאָלקס־קוואַלן, קאָמבינירט, אַראַנזשירט און באַאַרבעט ליטורגישע מאָטיוון און פאָלקס־מעלאָדיעס — און דערביי אַריינ־געבראַכט אייגנאַרטיקע, נייע און אָריגינעלע קלאַנג־קאָמבינאַציעס. פאַרן פאָלק זיינען נאָך ביז אויף היינטיקס טאָג ליב און טייער שייפּערס מאָטיוון, שטימען־קאָמבינאַציעס און האַרמאָנישע קאָנסטרוקציעס, וואָס ווערן פון מו־זיק־קריטיקער און פאַך־לייט באַטראַכט ווי אימיטאַטיוו און „פּרימיטיוו״.

זיינע מער רייפע גרויסע אָראַטאָריעס זיינען ניט אַזוי ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן ביי זייערע ערשטע אויפפירונגען — צוליב זייער קאָמפּליצירטקייט, צוליב שייפּערס האַסטיקן שפּרייזן־פאָראויס ביים ווילן צו באַהערשן און פורעמען די אָראַטאָריע־פאָרם. דער צוהערער האָט ניט גע־קאָנט אַזוי שנעל פּראָגרעסירן ביים אויפנעמען די ריזיקע קלאַנג־אהזאָרן און קאָמבינאַציעס צווישן דעם כאָר און אָרקעסטער, געשאַפן פון שייפּערן. עס האָט אפשר געפעלט די פשטות פון די ערשטע שייפּער־קאָמפּאָזיציעס. ס'איז אָבער געוועזן פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דער שייפּער־גאַנג פון „מאַרטירער־בלוט״ ביז „בירא־בידזשאַן״ איז גאָר אַ וויכטיקער.

עס איז געוועזן אַ גרויסע אבידה פאַר דער אידישער מוזיק, וואָס שייפּער איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט — כאָטש זיין ירושה איז ביז גאָר רייך און וואָגיק.

אידישער פאָלקס-כאָר פון נוארק, נ. דזש. יעקב שייפער, דיריגענט, 1932

יעקב שייפּער דער פּיאָנער

פון א. חאַלאַדענקאָ

דיריגענט פון כאָר אין פּאַריז, פראַנקרייך.

דער נאָמען פון יעקב שייפּער איז נישט אומבאַקאַנט ביי דער אידישער באַפעלקערונג אין פּאַריז. די, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט די טעטיקייט פון דעם אידישן פאָלקס־כאָר אין לויף פון די לעצטע 20 יאָר, האָבן זיך געקאָנט באַקענען מיט אַ היפשער צאָל געזאַנגען פון יעקב שייפּער. ווער קען עס ניט, למשל, דאָס ליד „וויקלט פּאַנאַנדער די פאָנען די רויטע", דאָס „וויגליד", „הויב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק", „רוקנס איינגעבויגן", די אָראַטאָריע „צוויי ברידער" לויט י. ל. פּרץ, און אַ גרויסע צאָל דורך אים האַרמאָניזירטע פאָלקס־לידער? אָבער דער ברייטער עולם ווייסט מסתמא ווינציקער אַז דער פּאַריזער אידישער פאָלקס־כאָר האָט צו פאַרדאַנקען יעקב שייפּערן אַלס גרינדער און לייטער פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד, די גרעסטע טייל פון זיין רעפּערטואַר, און, ווירקלעך, די קאָלעקציע „געזאַנג און קאַמף" פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך יעקב שייפּער, איז ביז דער גאָר לעצטער צייט געווען דער הויפּט־קוואַל פונעם רעפּערטואַר פון אידישן פאָלקס־כאָר.

אַן אויסעראָרדנטלעכע געשטאַלט איז געווען דער דאָזיקער יונגער סטאָליער, וועלכער איז אין 1910 אָנגעקומען פון זיין קליינעם אוקראַאינישן שטעטל קיין שיקאַגע. אַדאַנק זיין עכטער ליבשאַפט פון מוזיק און אויך אַדאַנק זיין עקשנות, שטודיום און ענטוזיאַזם האָט זיין פּערזענלעכקייט געלייגט אַ חותם אויף אַ גאַנצער באַוועגונג פון רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־מוזיק.

יעקב שייפּער האָט מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון צענדליקער כאָרן און מאַנדאָלין־אָרקעסטערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט אַליין אָנגעפירט מיט אייניקע פון זיי און ער האָט נאָך געפונען צייט צו שאַפן 10 אָראַטאָריעס, אַ 50 אָריגינעלע לידער, אַ 100 האַרמאָניזאַציעס און באַאַרבעטונגען פון פאָלקס־לידער און אויך לידער פון אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן. און דאָס אַלץ אין לויף פון אינגאַנצן 48 יאָר לעבן!

אַ גרויסער טייל פון זיינע ווערק איז נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַנדערע זיינען שוין אויסגעשעפּט. דאַרף מען דעריבער אויסדריקן אָנער־קענונג דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, פאַרן האָבן אַרויסגעגעבן צו דעם 15טן יאָרצייט פון יעקב שייפּער דאָס לוקסוס־זאַמלבוך פון 22 לידער „איך הער אַ קול".

הגם עס האָבן אין דאָזיקן זאַמלבוך ניט געקענט אַריינגענומען ווערן די גרויסע ווערק, די אָראַטאָריעס און די סצענישע מאָנטאַזשן, גיט פונדעסט־וועגן דאָס בוך „איך הער אַ קול" מיטן אויסוואַל פון די סאַמע כאַראַקטע־ריסטישע לידער, אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער שייפערס ווערק. מיר געפינען דאָ קאַמפּס־לידער צו די טעקסטן פון דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, מאָריס ווינטשעווסקי, י. א. ראַנטש און אַנדערע, הומאָריסטישע לידער, וויג־לידער, ליבע־לידער, לידער פון פאַרשיידענע מלאכות, קינדער־לידער און אויך אייניקע האַרמאָניזאַציעס פון יידישן פאָלקלאָר. עס פּי־גורירן אויך צווישן די לידער 2 שאַפּונגען, וועלכע האָבן אַ היסטאָרישן אינ־טערעס; זיי דריקן גלייכצייטיק אויס דעם גרויסן יראת־הכבוד פאַר יעקב שייפערן. די דאָזיקע צוויי לידער זיינען ווי צוויי מערקצייכנס אינעם קורצן, אָבער פלאַמיק־שאַפערישן לעבן פון גרויסן מוזיקער; דאָס איז דאָס ליד „צום זיג", איינע פון זיינע ערשטע ווערק, געשריבן אין 1916 און דאָס ליד „שנעל לויפן די רעדער" וואָס איז דורך אים געשאַפן געוואָרן אין 1936 פאַר זיין טויט.

עס איז אוממעגלעך אַרויסצוברענגען אין די עטלעכע שורות די גאַנצע באַדייטונג פון יעקב שייפער אַלס אידישער פּראָגרעסיווער מוזיקער. אַגב, ברענגט עס אַרויס מיט פיל דורכדרינגלעכער פאַרשטענדעניש נ. בוכוואַלד אין דעם אַריינפיר־וואָרט צום דאָזיקן זאַמלבוך, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „די שייפער־טראַדיציע". די שייפער־טראַדיציע, דאָס איז די פאָלקס־טראַדיציע, דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע, דאָס איז די מוזיק צום דינסט פון אַן אידעאַל, דאָס איז די מוזיק וועלכע באַמיט זיך צו ווערן אַ טייל פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פון אונדזערע פריידן און ליידן, דאָס איז די מוזיק, וואָס שטרעבט אונדז צו דערמוטיקן אין אונדזער קאַמף פאַר אַ בע־סער לעבן. דאָס איז די טראַדיציע פון רעאַליזם אין דער מוזיק, ווייל זי נעמט אירע טעמעס פונעם לעבן און גיט זיי דערנאָך צוריק דעם לעבן אין אַ קינסטלערישער פאָרם, אָנגעלאָדן מיט טיף דורכדרינגענדיקער עמאָציע.

דער פאַקט, וואָס יעקב שייפער האָט געשריבן בעיקר וואָקאַלע מוזיק, האָט אים פאַרהיט פון די שטרויכלונגען פון פאָרמאַליזם גראָד אין אַ צייט־אָפּשניט, בעת וועלכן אַ גרויסע צאָל מוזיקער האָבן עס נישט אויסגע־מיטן.

אין זיינע קאָמפּאָזיציעס באַנוצט יעקב שייפער מערסטנטייל אַ פּשוטע, אוממיטלבאַרע מוזיקאַלישע שפּראַך וואָס איז צוטריטלעך פאַר די ברייטע מאַסן צוהערער. אָפט שעפּט ער זיין מעלאָדישע אינספּיראַציע פון דער אי־דישער פאָלקס־נגינה אָדער פון דער אידישער ליטורגישער טראַדיציע (האָט ער דען נישט פאַרבראַכט אַ העלפט פון זיין יונג פאַרשניטענעם לעבן אין די שולן צוערשט אַלס משורר און דערנאָך אַלס כאָר־דיריגענט?); אין אַנדערע קאָמפּאָזיציעס דאָמינירן דער סטיל און די געזעצן פון דער

קלאַסישער מוזיק.

דער וועזנטלעכסטער פּאַקטאָר אינעם שאַפן פון יעקב שייפער איז, לויט מיין מיינונג געווען, זיין כסדרדיקער און ענגער קאָנטאַקט מיטןברייטן מאַסן־עולם, ווי אויך זיין קעמפערישע טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט דאָס אַלץ און דער פּאַקט, וואָס ער האָט געפונען אין אַמעריקע אַ ברייט פעלד אָנצואווענדן זיין טאַלאַנט, האָט גורם געווען אַז יעקב שייפער זאָל ווערן דער פּיאָנער פון דער אידישער פּראָגרעסיווער מוזיק.

עס לעבט זיין ליד!

פון סעם ליפּצין

...אָט, דאַכט מיר, שטייט שייפער אַנטקעגן
און גיט מיט די הענט אַ צעפּיר —
צעזינגען זיך רייען נאָך רייען,
שפּילט יעדער ביין פון קלאַוויר.

און ער וועקט און ער רופט די געדריקטע,
צו שפּאַנען — און ניט ווערן מיד
און ווייטער און שטאַרקער פאַרשפּרייטן
זיין אָנזאָג — דורך קלאַנג פונעם ליד.

נאָר פּלוצעם, אַזוי שטיל איז געוואָרן,
פאַרלאָשן עס האָט זיך אַ שטראַל...
אין מיטן פון שטורמישע קלאַנגען
געקומען איז אַ טרויער־פינאַל.

דאָס האָבן די טעג שווערע אַרבעט
פאַראַנקערט זיין האַרץ אין דער שטיל...
נאָר רואיק! זיין ליד וועט ניט שווייגן —
ס'וועט רופן, ס'וועט וועקן צום ציל!

עס האָט בלויז זיין האַרץ אָפּגעשטעלט זיך,
דורך אָנגריף פון אַ בלוטיקן קראַמף;
דאָס ליד שייפערס לעבט און וועט לעבן —
ווי דער זיג פון אַרבעטער־קאַמף!

פאָלקס-כאָר, לאָס-אַנדזשעלעס, מישאַ צעפּקין, דיריגענט, 1942

אַ דערינערונג

פון מ. צעפּקין

מישאַ צעפּקין איז אַ וועטעראַן-דיריגענט פון אידישן מוזיק-פאַרבאַנד

יענעם אָונט איז יעקב שייפער אַריינגעקומען אין לאָקאַל פון געזאַנג־פאַראיין (קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע) מיט האַסטיקע טריט. ער איז כמעט ווי צוגעלאָפן צו דער פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער ס'איז געשטאַנען די פּיאַנאָ און אָן שום הקדמות גענומען רעפּעטירן מיט די אַלטן — אין דער פאָרמע פון וואָקאַלע איבונגען — זייער באַגלייט־מעלאָדיע צום ערשטן פּערז פונעם וויגליד „שלאָף מיין קינד, שלאָף כסדר״ (שייפער איז אָקאָרשט פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַראַנזשירונג פון נאָרוואַס דערמאָנטן פאָלקס־ליד, און ער איז געווען שטאַרק נייגעריק צו הערן עס זינגען).

שוין ביי דער ערשטער פראַזע פון דער ניי־געשאַפענער מעלאָדיע, געבויט אויף די זיך ווידערהאָלענדיקע דעמאָנסטראַטיוו־עמאָציאָנעלע קלאַנגען: פאַ־רע, פאַ־רע, פאַ־רע זיינען די זינגער פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט, איר אויסדרוקספולקייט. אינעם לויטערן באַגינען האָט זיך שוין געפילט דער אָנקום פון דער ליכטיקער זוניקייט...

עס נעמט ניט לאַנג, און די גאַנצע אַלטאָ מעלאָדיע קלינגט שוין אין איר פולער פּרעכטיקייט, הערלעכקייט, פאַרבן־רייכער ניואַנסירונג און וואָרהאַפ־טיקייט. די אַלטן זינגען און ווידערהאָלן די מעלאָדיע אָן אויפהער: זיי ווילן זיך ניט געזעגענען מיט דער גערעטענער שאַפונג! זיי זינגען מיט פייער און ברען. פנימער רויטלען זיך. אויגן פינקלען. די באַגייסטערונג וואַקסט, און אומדערוואַרטעט, ספּאָנטאַן ציט עס אַריין דעם פולן כאָר. עס זינגען שוין איצט די אַלטאָ מעלאָדיע „קינד און קייט״, און די שטייגנדיקע התלהבות פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מין תפילה בצבור...

אויך איך — אין מיין ווינקל אַלס צוהערער — בין שטאַרק פאַרכאַפּט, כמעט פאַרשיכורט פון די הערלעכע קלאַנגען, דער וואונדערלעך געשאַפענער אַטמאָספערע.

איך דערפיל, אַז שייפער וועט דאָ אונדז היינט אָונט מזכה זיין מיט אַן אַראַנזשירונג פון אויסערגעוויינטלעכן פאַרנעם, מיט אַ שאַפונג פון טיפזי־ניקער באַדייטונג.

די טיף־פייערלעכע שטימונג הערשט און באַהערשט אונדז אַלעמען אויך,

ווען די טענאָרן לערנען און זינגען מיט גרויס אחריות און געפיל זייער ליריש־צאַרטע באַגלייט־מעלאָדיע, געבויט אויף די עמאָציאָנעל־פונדאַמענטאַלע טע־נער: רע־סי, רע־סי, רע־סי, אַ נאַטירלעך קאָנסעקווענטע מעלאָדיע וואָס וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פון די פּרעכטיקע אַלטאָ געזאַנגען.

באַלד דערהערן מיר, ווי אויך די באַסן אינטאָנירן מיט ווירדע, גע־לייטערטער טאָן־קוואַליטעט זייער האַרמאָניש־גאַליפּאַנישן אַקאָמפּאַנימענט, און דער ערשטער פּאָעטישער פּערז פונעם פּאָלקסליד, געזונגען פון די סאָפּראַנאָס האַרציק, געפילפול, מיט קלאָרער דיקציע, אַ באַקליידעטער אין בגדי מלכות, באַקומט זיין תּיקון, זיין געהעריקע אידייאיש־עמאָציאָנעלע אויסטייטשונג.

אין זאַל הערשט איצט אַ באַזונדער מין צויבערלעכע ערנסטקייט. אַ היי־ליקע שטימונג שוועבט דאָ אַרום צווישן די פיר ווענט!

עס רעדט, דערציילט, מאָנט, ווייטיקט ממש די צערפּולע, מיט אומעט און רחמים דורכגעזאַפּטע שייפּער מוזיק צו די וואונדערלעך פּשוטע רייד פון דער באַטריבטער מאַמע, וואָס זאָגט אָן איר קינד, אַז עס וועט ווערן „מיט לייטן גלייך" און געוואויר ווערן דאַן „וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך".

און אָט ברויזט און שטורעמט די מוזיק מיט געבייזער און צאָרן, ווען די באַסן מיט די טענאָרן צעשאַלן דעם פּראָטעסט, דעם וויי־געשריי־אומרעכט וועגן די „טייערסטע פּאַלאַצן, די רייכסטע הייזער", און אין וועלכע עס טוט וואוינען ניט זייער בויער, נאָר „דער רייכער מאַן".

דער פּרעכטיקער געפּלעכט פון וואָרט און קלאַנג דרינגט אַריין טיף אין מוח, האַרץ און נשמה פון יעדן איינעם פון אונדז. דערהויבענע, געליי־טערטע פאַרלאָזן מיר די אומפּאַרגעסלעכע פּראָבע.

אין יענער נאַכט איז געבוירן געוואָרן אַ גרויס אומשטערבלעך ווערק.

אין יענער נאַכט האָט יעקב שייפּער אַריינגעשריבן אַ גלאָרייכן קאַפּיטל אין דעם אוצר פון דער פּראָגרעסיווער אידישער פאָלקס־קולטור.

אידישער פאָלקס כאָר, פּעטערסאָן, נ. דזש.
מאַקס העלפּמאַן, דיריגענט, 1945

אַ בריוו צו שייפּערן פון סעקרעטאַר פון דער מוזיק ליגע אין סאָוועטנפאַרבאַנד

כאַרקאָוו, דעם 10טן יולי, 1936.

טייערע חברים שייפּערס,

אייער בריוו האָב איך דערהאַלטן. און געלייענט אים פאַר דער גאַנצער קאַפּעליע. די חברה זיינען זייער צופרידן, וואָס איר קלייבט זיך צו אונדז קומען. טייערער שייפּער! וועגן קאָמפּאָזיציעס שיקן וואָס איר בעט מיך, קען איך שרייבן פאָלגנדעס: איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויך ביי אונדז איז מיט כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס שווער, איבערהויפּט אידישע. ביי אונדז האָט מען זיך איצט גענומען צו פאָלקס-לידער און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גיט מען אָפּ דעם פאָלקס-ליד. איז דערווייל קיין רעוואָלוציאָנערע לידער שרייבט מען ניט.

דער חבר זאַגראַניטשני און פיינטוך האָבן פאַר דער לעצטער צייט באַאַרבעט עטלעכע אידישע פאָלקס-לידער: „ביי אַ טייכעלע", „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר", „אָט אַזוי נייט אַ שניידער", „ליולינקע", „דער פאַסטוכל", „ביי דעם שטעטל שטייט אַ שטיבל", און אויך פאַר סאָלאָ פאָלקס-לידער. אויב אייך אינטערעסירן די לידער, שרייבט מיר, וועל איך דאָס איבערשרייבן און אייך אַרויסשיקן. ח' שייפּער! ביי אונדז האָבן די לידער אַ גרויסן דערפאָלג, נאָר מיר דוכט זיך, אַז ביי אייך מוז מען האָבן מער לידער פון רעוואָלוציאָנערער טעמאַטיק, נאָר באַקאָנען זיך מיט די לידער קאָן ניט שאַטן.

דעם 25טן יולי גייען מיר אין אורלויב ביזן ערשטן סענטיאַבער. און דערנאָך טרעטן מיר צו אויפסניי מיט נייע קרעפטן צו דער אַרבעט. ביי אונדז איז אויך שלעכט מיט נייעם רעפּערטואַר. קיין אידישע נומערן שרייבט מען ניט, און אַז מען שרייבט שוין יאָ, איז ניט שטענדיק גוט. ח' שייפּער! ווען איר זאָלט געווען זיין אין רוסלאַנד, וואָלט איר אונדז רייך געמאַכט מיט נייע קאָמפּאָזיציעס.

דער גאַנצער קאָלעקטיוו און ח' זאַגראַניטשני גריסן אייך הערצלעך. אַ גרוס פון מיין פרוי און טאָכטער. אייער בעסטער גוטער פריינט.

מ. בושקאַניעץ.

אַ פלאַמיקן גרוס צו אייערע חברים פון כאָר.

יעקב שייפערס אַ בריוו צו דעם קאָמפּאָזיטאָר שנייערסאָן אין מאָסקווע

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 13, 1934.

מיין טייערער חבר שנייערסאָן,

אַנטשולדיקט פאַר ניט שרייבן אַזוי לאַנג. איך שווער אייך, אַז איך אַרבעט אַזוי שווער און אָנגעשטרענגט, אַז איך האָב מורא, אַז איך וועל באַלד פּיזיש צוזאַמענברעכן.

איך וויל דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז די גאַנצע מאַטעריאַלן וואָס איר האָט מיר געשיקט האָב איך באַקומען, איינשליסנדיק בערעגאָווסקיס בוך מיט אידישע פאָלקס־לידער.

איך ווייס ניט פאַרוואָס איר האָט מיר אויפגעהערט צו שיקן נייע מאַטעריאַלן. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אויסגענוצט אייערע מאַטעריאַלן מער ווי עמעצער אַנדערש. ניט נאָר האָבן מיר דאָס איבערגעדרוקט אין אידיש, נאָר עס ווערט איצט געזונגען פון אַלע אונדזערע כאָרן. בעט איך אייך אונדז צושיקן וואָס מער מאַטעריאַל, ווייל מיר נויטיקן זיך אין דעם.

איך וויל אייך פרעגן פאַרוואָס איר פּובליקירט ניט שייניס קאָמפּאָזיציעס. מיר דוכט זיך, אַז ער איז איינער פון אונדזערע פיינסטע קאָמפּאָזיטאָרס.

וועגן בערעגאָווסקיס בוך. פאַרשטייט זיך, אַז אין בוך איז פאַראַן אַ גרויסער און וואונדערבאַרער מאַטעריאַל. אָבער איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס ער האָט געשריבן אַלץ אין איין שליסל. דער רעגיסטער איז אָפטמאָל אַזוי הויך, אַז עס קוקט אויס ווי אַן אַבסורד. אויב עס זיינען פאַראַן אורזאַכן דערפאַר, שרייבט מיר.

איצט איבער דער דיסקוסיע פון אונדזער מוזיק־ליניע:

...ביז צו אַ געוויסער מאָס האָבן די חברים דאָ צוגעגעבן, אַז דאָס מאַסן־ליד דאַרף זיין אַזוי פּרימיטיוו און פאָלקסטימלעך ווי מעגלעך. אַ פּאָר פיינע ביישפּילן האָבן מיר שוין, ווי אדאמיאנס „סטענד גאַרד״, און זיג־מייסטערס „סקאַטסבאָראָ״. אָבער דאָס אַלץ. קומען זיי אָבער צום כאָר, דאַן קריכן זיי אויף די גלייכע ווענט. און דער כאָר אינטערעסירט מיך מער ווי אַלץ. ווייל ווי איך דענק איז דער כאָר דערווייל אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער דער ווירקזאַמסטער אינסטרומענט צו באַווירקן די מאַסן סיי אין צוציען זיי צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, סיי אין באַפרידיקן זייערע

מוזיקאַלישע באַדערפעניש. ד'ער אָרקעסטער איז דערוויל פאַר אונדז אַ חלום, ווייל ניט מיר האָבן די אינסטרומענטן דערפאַר, ניט מיר האָבן די מוזיקער טעכניקער, אויסער אפשר אָרקעסטערס פון ליבהאָבער־אינסטרומענטן, ווי מאַנדאָלין און באַלאַלאַיקע. אָבער זיי זיינען ניט אַזוי ווירקזאַם.

מיט אַ כאָר איז שוין עפּעס אַנדערש. יעדער אַרבעטער קאָן אַריין אין כאָר, און נאָך אַ פּאָר יאָר טרענירונג, ווערט ער אַ גוטער מיטגליד פון כאָר און קאָן טאַקע זינגען. דאָס האָט מיך מיין 20־יאָריקע דערפאַרונג געלערנט.

דער כאָר האָט אַ וועלט מיט מעלות. די מענטשלעכע שטימע איז דער ווירקזאַמסטער אינסטרומענט. דער כאָר זינגט מיט ווערטער וואָס האָט אַ באַלדיקע ווירקונג אויפן צוהערער. און די טעכניק איז ניט אַזאַ שווערע ווי ביי אַן אינסטרומענט.

דעריבער דענק איך, אַז אונדזער אָריענטאַציע וואָלט געדאַרפט זיין אויף כאָר קאָמפּאָזיציעס.

...מיר קאָנען נוצן די מעטאָדן פון די קלאַסיקער, ווייל זיי האָבן געוואוסט ווי צו שרייבן פאַר כאָר. זייערע רעליגיעזע כאָראַלן וועט מען קאָנען נוצן מיט דער צייט, ווייל אין זיי איז פאַראַן באַגייסטערונג פונעם העכסטן סאָרט. אָבער ביי אונדז דאַרפן מיר שאַפן קאָמפּאָזיציעס אויף פּראָלעטאַרישע טעקסטן.

...באַך, הענדעל, בעטהאָווען, מאָצאַרט, וואַגנער א. אַ. זיינען געווען גרויסע מייסטערס. נאָר אָנשטאָט וואָס זיי זיינען ביז אַהער געווען דאָס אייגנטום פון אַ הייפעלע, זאָלן זיי ווערן דאָס אייגנטום פון אַרבעטער.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

אקטיאבער

רעוואָלוציאָנערע
● אָראַטאַריע

טעקסט פון פּראָלעטאַרישע דיכטער.
מוזיק פון אמעריקאנישן פּראָלעטאַרישן
קאָמפּאָזיטער י. שייפער.

כאָר פון כאַרקאָווער און קיעווער יידישע קאָפּעלעס.
אָרקעסטער פון „אוקרפיל". דיריגענט — י. שייפער.

ספּעציעלע אויפֿפֿירונג צו די פֿײַערונגען פֿונעם
15־יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע

ווען שייפער האָט דיריגירט „אקטיאבער" אין כאַרקאָוו, אין 1932

אָשר מאנוסאָוויטש

דער מוזיקער און
י. שיפערס נאָענטער פריינט

פון י. א. ראָנטש

• • •

אשר מאנוסאָוויטש

ווען דער אַרבעטער־רינג אין שיקאַגע האָט מאַי 1, 1919, געעפנט דריי אידישע קינדער־שולן אין פאַרשיידענע טיילן שטאָט, איז געוואָרן אַ פּראָבלעם פון אויפקלערן די עלטערן וועגן דער וויכטיקייט פון שיקן אַ קינד אין אַ שול וואו מען לערנט מאַמע־לשון און ניט „היברו”. מען האָט געפּרואווט פאַרשיידענע מיטלען וואָס האָבן זיך ניט איינגעגעבן. נאָר ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער קינדער־קאָנצערט און עס איז אויפגעטראָטן דער ערשטער קינדער־כאָר פון די שולן אונטער דער לייטונג פון אָשר מאָנוסאָוויטש, האָט גאַנץ שיקאַגע אָנגעהויבן זינגען די לידער וואָס דער קינדער־כאָר האָט אַרויסגעבראַכט.

אָשר מאָנוסאָוויטש האָט דורך דעם מיטל צוגעצויגן הונדערטער נייע קינדער אין די שולן. יעדער קאָנצערט איז פון דאַן אָן געווען אַ יום־טוב אין שטאָט, אַ דאַנק דעם קינדער־כאָר וואָס האָט אַזוי האַרציק געזונגען אידישע פאָלקס־לידער.

דאָס איז געווען די בלי־עפּאָכע פון דער קינדער־שול־באַוועגונג אין שיקאַגע. ניט בלויז האָט דער כאָר זיך פּאָפּולער געמאַכט, נאָר עס זיינען אויך אַרויסגעטראָטן קינדער־סאָליסטן צוזאַמען מיטן כאָר, עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אינסצענירונגען פון פאָלקס־לידער און דער נאָמען אָשר מאָנוסאָוויטש איז געווען אויף די ליפּן פון טויזנטער אידן, וואָס האָבן הנאה געהאַט פון די קינדער־קאָנצערטן.

אָשר מאָנוסאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין קרעמענעץ און איז געווען

יעקב שייפערס אַ יוגנט חבר און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף שייפערן אַ דאַנק זיין גרויסער קענטעניש פון אידישן פאָלקלאָר און איבערהויפט פון חסידישע ניגונים.

ווען שייפער האָט פאַרלאָזן שיקאַגע איז זיין כאָר אָנגעפירט געוואָרן פון זארי גאָטפריד און מענדי שייך. שפּעטער האָט מען זיך געווענדט צו אָשר מאָנוסאָוויטש, אַז ער זאָל איבערנעמען דעם כאָר. ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס ענטוזיאַזם און זיך פאַרמאָסטן איינצופירן קלאַסן פאַר לייענען נאָטן און האַלטן לעקציעס איבער מוזיק. ער האָט זיך אונטערגענומען אויפצופירן מיטן כאָר מענדעלסאָנס אָראַטאָריע „אליהו", צו וועלכער ער האָט צוזאַמען מיטן דיכטער מאַטעס דייטש אָנגעשריבן אַ נייעם טעקסט. די אָראַטאָריע איז אויפגעפירט געוואָרן מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער אין דעם גרויסן אָרקעסטער זאַל.

אָשר מאָנוסאָוויטש האָט אויך אָנגעפירט מיט דעם פאָלקס־כאָר אין מילוואָקי.

צום באַדויערן איז אָשר אינגיכן קראַנק געוואָרן און ער איז שוין מער ניט געקומען צו זיך. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 42 יאָר.

אָשר מאָנוסאָוויטש איז אויך געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר, נאָר צו באַשיידן אַרויסצוקומען מיט זיינע ווערק אין דער עפנטלעכקייט. עס איז באַוואוסט דער פאַקט, אַז ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט שייפערן ביי דער קאָנווענשאָן פון מוזיק־פאַרבאַנד אין קליוולאַנד, האָט ער שייפערן אָנגעטרויט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ קאַנטאַטע צו י. א. ראָנטשעס ליד „מען רופט". ער האָט דאָס פאַר שייפערן געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ און שייפער האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל דאָס איינזינגען מיט זיין כאָר אין מילוואָקי. אָשר האָט ניט געוואוסט, אַז שייפער האָט צו דעם ליד פון פריער געהאַט געשריבן מוזיק און אַז ער האָט שוין דאָס אָנגעהויבן איינשטודירן מיט דער „דאַון טאַונער" סעקציע אין ניו־יאָרק. ווען שייפער איז צוריקגעקומען פון דער קאָנווענשאָן, האָט ער פאַר זיין פרוי לאהה און פאַרן מחבר פון ליד דערקלערט, אַז ער וועט מער די קאָמפּאָזיציע ניט זינגען און ער האָט גלייך אויפן פּלאַץ צעריסן זיין ווערק. זיין מאָטיוו איז געווען: זאָל אָשרס „מען רופט" געהערט ווערן.

אָשר האָט אָבער באַלד פאַרלאָזט דעם כאָר. די קאָמפּאָזיציע איז ניט געזונגען געוואָרן.

מיטן פריצייטיקן טויט פון אָשר מאָנוסאָוויטש האָט די אידישע מוזיק וועלט פאַרלוירן אַ וואונדערבאַרע פערזענלעכקייט, וואָס איז געווען אַ קוואַל פון עכט אידישע ניגונים און וואָס וואָלט אונטער בעסערע אומשטענדן באַרייכערט דעם אוצר פון אידישן פאָלקס־כאָר. זיין פריצייטיקער טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער ביי די פיל תלמידים און פריינט וואָס האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט.

דער שיקאַגער כאָר אין 1921, יעקב שייפער, דיריגענט

וואָס זאָלן מיר זינגען און שפּילן?

פון יעקב שייפער

מיר זיינען אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע. אונדזער פּראָגראַם וואָלט באַדאַרפט זיין קלאָר. אין אונדזערע דעקלאַראַציעס איז אפשר פאַראַן אַ מאָס פּראָלעטאַרישע קלאָרקייט. אין אונדזער פּראַקטישער אַרבעט פאָלגן מיר אָבער קוים וועלכע־עס־איז באַשטימטע פּראָגראַם. אמת, מיר זיינען נאָך זייער יונג. קיין פּראָגראַם האָט פאַר אונדז קיינער ניט אָנגעגרייט. פון די בירגערלעכע כאָרן האָבן מיר אין דעם פּרט גאָרנישט ניט געקענט לערנען. זיי האָבן שטענדיק איין טענה — אַז אין מוזיק דאַרף מען גאָרניט וועלן. מוזיק איז מוזיק.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר דענקען אַנדערש. מיר האַלטן, אַז פון מוזיק דאַרף מען עפּעס וועלן, און מיר דענקען, אַז מיר ווייסן שוין וואָס מיר ווילן. אָבער אין אונדזער אַרבעט איז דאָס ניט צו מערקן.

שטייען מיטגלידער פון ניו־יאָרקער פרייהייט געזאַנגס־פאַראיין און אַמפּערן זיך — צי דאַרף מען זינגען אַזאַ קאָמפּאָזיציע ווי „צוועלף“. „סטייטש“, זאָגט איינער, „מיר טאָרן ניט פאַרנעמען אונדזער צייט מיט אַזאַ גרויסער קאָמפּאָזיציע. מיר דאַרפן איינזינגען קלענערע לידער. צוליב כמה וכמה טעמים. אַזאַ גרויסע קאָמפּאָזיציע מאַטערט אויס דעם כאָר. מיט קלענערע לידער קען מען דינען דער אַרבעטער־באַוועגונג“. ענטפערט דער צווייטער: „און וואו זאָל מען דיר נעמען קלענערע לידער, אַז קיינער שאַפט זיי ניט?“ און דאָ ווערט ער אַ ביסל ערנסטער און אַרגומענטירט ווייטער: „אונדזער אויפגאַבע איז אַ גרעסערע ווי דו שטעלסט זיך פאָר. ערשטנס, דאַרפן מיר זיך ניט אַראָפּלאָזן צום עולם, נאָר דעם עולם אויפהייבן צו אונדז. צווייטנס, זיינען מיר אַ פּראָלעטאַרישע קולטור־אָרגאַניזאַציע, צו אונדז באַלאַנגט די צוקונפט. מיר דאַרפן שאַפן אונדזער אייגענע קולטור. מיר דאַרפן ניט נאָר באַזאָרגן די אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ פּאָר לידלעך פאַר איצט, נאָר מיט גרעסערע זאַכן פאַר שפּעטער“.

אין דער צייט ווען אין שיקאַגע און ניו־יאָרק איז מען שוין אַזוי ווייט אַוועק, שטייט נאָך ערגעץ אין אַ שטעטל אַ דיריגענט מיט אַ כאָר און מאַטערט זיך איבער אַ באַנאַל לידל, וואָס סיי די ווערטער זיינען ניט רעוואָלוציאָנער און ניט ליטעראַריש, סיי די מוזיק איז ניט אויסגעהאַלטן.

כדי מיר זאָלן קענען אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט אויף אַ סיסטעמאַטישן

און אויסגעהאַלטענעם שטייגער, דאַרפֿן מיר זיך שטעלן און פֿאַרענטפֿערן די פֿאָלגנדיקע פּראַקטישע פֿראַגן:

1) זאָלן מיר זינגען קאָמפּאָזיציעס פֿון די וועלט־קלאַסיקער?

2) אויב יאָ — וועלכע זאָלן מיר זינגען, און צי דאַרף דער טעקסט איבערזעצט ווערן אָדער איבערגעאַרבעט ווערן?

3) דאַרפֿן מיר זינגען קאָמפּאָזיציעס פֿון אַ גרעסערן פֿאָרמאַט, אָדער נאָר קלענערע לידער?

4) דאַרפֿן מיר זינגען פֿאָלקס־לידער? אויב יאָ — וואָסערע? אויך די פֿראַגע וועגן דערמוטיקן קאָמפּאָניסטן צו שאַפֿן פֿאַר אונדז רעפּערטואַר דאַרף פֿאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ.

אויב מיר וועלן אָט־די פֿראַגן פֿאַרענטפֿערן אַהין אָדער אַהער, וועט דאָס קלאָר מאַכן פֿאַר אונדז אַליין וואָס מיר ווילן און וואָס מיר דאַרפֿן טאָן. עס וועט ניט זיין אויסערן וועג אַרויפֿצושטעלן אָט־די פֿראַגן אויף דער טאָג־אָרדענונג פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד.

דער פֿאַרבאַנד דאַרף זיך פֿאַרטראַכטן וועגן נאָך אַ וויכטיקן ענין. דאָס איז מאַסן־פֿאַרוויילונג. די אַרבעטער פֿראַווען וועטשערינקעס און פּיקניקס, אָבער ווי אַזוי צו מאַכן פֿון אָט־די פֿאַרוויילונגען קאָלעקטיווע יום־טובים ווייסט מען ביי אונדז ניט. זינגט אַ גרופּע אידישע פֿאָלקס־לידער אָדער חסידישע לידער, ווערט אַ צווייטע גרופּע אויפֿגעציטערט — וואָס זיינען מיר עפּעס חסידים? מיט התלהבותדיקן פּראָטעסט הייבט מען אָן צו זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. פּלוצים הייבט אַ דריטע גרופּע אָן צו זינגען גאָר אַן אוקראַיניש פֿאָלקס־ליד. אַזוי הערשט אַ כאַאָס, מען צעברעקלט די שטי־מונג, מען צעפּטרט די יום־טובדיקייט. מאַסן־פֿאַרוויילונג איז אַ שטיק פֿון אונדזער לעבן. מיר האָבן קאָלעקטיווע יום־טובים, אָבער מיר ווייסן ניט ווי אַזוי זיי צו פֿראַווען. דער פֿאַרבאַנד דאַרף רעאַגירן אויף דעם מו־זיקאַלישן טייל פֿון אָט־די פֿאַרוויילונגען. מיר דאַרפֿן זען שאַפֿן לייכטע לידער, קלייבן פֿאָלקס־לידער און אַרבעטער־לידער. און מיר דאַרפֿן לערנען אונדזער עולם — ניט בלויז די כאָרן — צו זינגען אָט־די אַלע לידער. דערהויפּט דאַרפֿן מיר הומאָריסטישע און אַמוזירונג־לידער. וועגן דעם ענין וועט נאָך אויסקומען צו רעדן. אויף דעם געביט פֿון מאַסן־פֿאַרוויילונג זיינען שוין געמאַכט געוואָרן איניקע פּרואוון, און ס׳וועט ווערט זיין זיך מיט זיי צו באַקאָנען.

די מאַנדאָלין אָרקעסטערס פֿאַרנעמען ביי אונדז איצט אַ וויכטיקן פּלאַץ. זיי האַלטן אין איין וואַקסן, און זיי דינען ווי אַ גוטער מיטל פֿאַר די אַרבעטער צו באַקענען זיך מיט דער מוזיקאַלישער ליטעראַטור, שוין אָפּגע־רעדט פֿון זייער ספּעציפֿישן אָפּיל צו די צוהערער. נו, איז פֿאַראַנען ביי אונדז חילוקי־דעות: איניקע זאָגן, אַז סע דאַרף בלויז זיין אַן אָרקעסטער

פון מאַנדאָלינען און מען דאַרף שפּילן קאַזאַצקעס און ניט מער. אַנדערע ווידער האַלטן, אַז מיר קענען האָבן אַ מאַנדאָלין־סימפאָניע אָרקעסטער. און זייער טענה איז אַ גערעכטע. סימפאָנישע אָרקעסטערס פון אַרבעטער־אַמאַטאָרן איז שווער צוזאַמענשטעלן, ווייל אויף די אַלע אינסטרומענטן דאַרף דער שפּילער אַליין פעסטשטעלן דעם „פּיטש״ פון טאָן, און דאָס פאָדערט יאָרן טרענירונג. מיר ווילן אָבער, אַז דער אַרבעטער זאָל דאָך קענען שפּילן אַלערליי קלאַסישע ווערק און טאַקע סימפאָנישע, און די מאַנדאָלין־אָרקעסטערס קענען אונדז דאָ זייער גוט דינען. די אינסטרומענטן האָבן דאָ אַ מעכאַניש־באַשטימטן „פּיטש״, און דאָס איז ווי געוואונטשן פאַר אונדז. די מאַנדאָלין פאַרנעמט אין דעם אָרקעסטער דעם פּלאַץ פון די שטרייך־אינסטרומענטן. די ענגלישע קאָנצערטינע — פון די הילצערנע בלאָז־אינסטרומענטן, בלייבט נאָך צוגעפינען אַ פּאַסיקן אינסטרומענט וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די מעשענע בלאָז־אינסטרומענטן, דאַן וואָלטן מיר געקענט האָבן אַ מאַנדאָלין־סימפאָנישן אָרקעסטער מיט זיין אייגנאַרטיקן חן.

מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, געפינען אָדער שאַפן פּאַסיקע מוזיק פאַר אַזוינע אָרקעסטערס. ס׳איז אמת, אַז מיר קענען איבערשרייבן אַלע מוזיקאַלישע ווערק פאַר דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער, ס׳איז אָבער ווינטשנסווערט, אַז סע זאָלן געשאַפן ווערן קאָמפּאָזיציעס וואָס פּאַסן ספּעציעל פאַר אַזאַ אָרקעסטער, וואָס זאָלן אַרויסברענגען אַלע אייגנשאַפטן און שיינקייטן וואָס די אויבנדערמאָנטע אינסטרומענטן פאַרמאָגן.

די אָנגעוואָרפענע נאָטיצן קאָנען ניט דינען ווי אַ פּראָגראַם פאַר אונדזער צוזאַמענפאָר אין אָקטאָבער, זיי זייגען נאָר אַן אָנווייז אויף אייניקע פראַגן, וואָס וועלן ביים צוזאַמענפאָר דאַרפן פאַרהאַנדלט ווערן.

מאַי, 1927.

אַמעריקען מאַנדאָלין אָרקעסטער פון ניו־יאָרק

טאָמאַס סאָקאָלאָוו, דיריגענט

וועמענס דיריגענט טאָמאַס סאָקאָלאָוו האָט מיטגעאַרבעט מיט יעקב שייפערן ערט דעם 25־יאָריקן אָנדענק פון קאָמפּאָזיטאָר און בויער פון אונדזערע מאַנדאָלין אָרקעסטערס.

יעקב שייפער האָט געהאַלטן טייער די פונקציעס פון אונדזערע מאַנדאָלין אָרקעסטערס. מיר וועלן ווייטער בויען אונדזער מוזיק־אָרגאַניזאַציע אין די אינטערעסן פון באַרייכערן אונדזער קולטור.

„ניט געדאַיגעט" כאָר, יעקב שייפער, דירעגנט, 1927

מיט י. שייפערן אין קעמפּ „קינדערלאַנד״

דער באַוואוסטער קולטור־טוער י. דאָראָשקין איז געווען פּאַרוואַלטער פון קעמפּ „קינדערלאַנד״, ווען יעקב שייפער איז געווען דער דיריגענט.

פון יעקב דאָראָשקין

מיר האָבן געהאַט אינטערעסאַנטע און פריידיקע מאָמענטן און צוזאַמענאַרבעטן מיט יעקב שייפערן אין קעמפּ „קינדערלאַנד״. מען וואָלט געקאָנט דערציילן גאָר אַ סך עפּיזאָדן, נאָר דאָס פּלאַץ איז זייער באַגרענעצט. ווילט זיך איבערגעבן בלויז אַ פּאָר זאַכן, וואָס כאַראַקטעריזירן שייפערן.

וועגן שייפערן דעם „שיכור״. ווי אַלע זיינע פריינט ווייסן האָט שייפער ליינט געהאַט בראָנפן. דאָך האָבן מיר אים געזען אַ „שיכורן״. דאָס איז געווען ביי הוליאַנקעס אַרום קעמפּ. דער עולם האָט געמאַכט אַ „לחיים״ צו ווערן פריילעך, נאָר שייפער האָט געמאַכט דעם „לחיים״ דורך אָנהייבן פאַרציען אַ לידל. און ווען דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט דעם ניגון, דאַן איז שייפער שוין פאַרשיכורט געוואָרן פון דעם געזאַנג. זיין פּנים דאַן, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זיינע אויגן האָבן געזונגען. אַלץ אין אים האָט מיטגעזונגען. דאַן איז שייפער געווען פאַרשיכורט.

אַ צווייטער עפּיזאָד, וואָס מיר וועלן אים רופן „אויס קאַנאַריק״. איינמאָל איז שייפער מיט זיין לאהן געקומען צום קינדערשן קעמפּ־פייער און דער גאַנצער אָוונט איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שייפער קעמפּ־פייער. ער האָט גלייך אויפן פּלאַץ אויסגעלערנט די קינדער מיט די קאַנצלערס אַ הומאָריסטיש לידל „אויס קאַנאַריק״. ניט בלויז האָבן אַלע ביים קעמפּ־פייער דאָס באַלד געקענט, נאָר דאָס לידל איז פון דאַן אָן יאָרן לאַנג געזונגען געוואָרן אין קעמפּ און ווען מען האָט עמעצן געוואָלט אַ קיבעץ טאָן, האָט מען אים בלויז געדאַרפט זאָגן: „מען דאַרף שוין דיר זינגען „אויס קאַנאַריק״.

דאָס איז געווען שייפערס לעצטער יאָר אין קעמפּ, זומער 1936. מיר האָבן דאַן געהאַט אונדזער באַנגעלאָ לעבן שייפערס. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ פּיאַנאָ. איינמאָל האָט ער אַ גאַנצע נאַכט אָן אויפהער געהאַלטן אין איין שפּילן און איך האָב ניט געקאָנט מיט קיין אויג צומאַכן. און אָפּשטעלן אים האָב איך אויך ניט געוואַגט, נאָר 6:30 אינדערפרי ווען מיר

האָבן זיךביידע באַגעגנט אין דרויסן, האָב איך אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט מיך ניט געלאָזט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, פאַרוואָס איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז ער אַליין זאָל אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפן און אַרבעטן, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע גוטמוטיקע אויגן און עס האָט זיך צעשפרייט אויף זיין פּנים דער פּראַכטפולער שייפּערדיקער שמייכל און פאַרקנייטשנדיק דעם שטערן און פאַנאַנדערשפּרייטנדיק זיינע קרעפּ־טיקע אָרעמס, האָט ער צו מיר אַזוי אַ זאָג געטאָן: „יאַנקל, איך האָב גע־פונען אַן אוצר. איך האָב אַריינגעקראָגן פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַ בוך מיט אַלטע אידישע פאָלקס־לידער און די גאַנצע נאַכט האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אים".

און גלייך האָט ער מיר געמאָלדן, אַז ער וויל קומען צו אַ זיצונג פון די דירעקטאָרן פון קעמפּ און פאָרלייגן אַ פּלאַן צו שאַפן אַ שפּיל פון די לידער, וואָס ער האָט געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט, כדי דאָס אויפצופירן אין קעמפּ נאָך דעם זעלבן סעזאָן.

ער איז טאַקע געקומען מיט זיין פּלאַן, נאָר עס איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג, דערפאַר, וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסגעבן עטלעכע הונדערט דאָלער, נאָר מיר האָבן פאַרשטאַנען די דאָזיקע קולטור־באַדייטונג פון קעמפּ און איך בין צופרידן וואָס איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע צו העלפן דורכפירן דעם פּלאַן, פון וועלכן עס איז רעאַליזירט געוואָרן די פאָלקס־אָפּערעטע „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע", וואָס איז נאָך היינט פּונקט אַזוי פּאָפּולער ווי זי איז געווען דאַן, ווען מען האָט זי יענעם סעזאָן, אויפ־געפירט ביי אונדז אין לאַנד ווי אויך שפּעטער אין קאַנאַדע און אין דרום־אַמעריקע.

אַזוי פיל גליקלעכע דערינערונגען זיינען מיר געבליבן וועגן דעם ליבן און טייערן יאַנקל שייפּער. איך גלויב און בין זיכער, אַז דער שענסטער און בעסטער אופן ווי צו ערן דעם אייביקן אָנדענק פון שייפּערן איז צו העלפן פאַרשטאַרקן און אויסצובררייטערן דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון יעקב שייפּערן.

פאָלקס-כאָר פון דזשאַמייקאַ, נ. י., ס. גאָלדמאַן, דיריגענט

מיט 22 יאָר צוריק

פון שמעון סאַראַף

ערשטער סעקרעטאַר פון „פרייהייט געזאַנג-פאַראיין"

•



שמעון סאַראַף

שבת נאַכט. די קלוב־צימערן פון „פרייהייט־געזאַנג־פאַראיין" זיינען העל באַלויכטן. דער גרויסער ליכטיקער זאַל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לייען־צימער. אַ פּאָר הונדערט מענטשן זיצן און לייענען אַרויס פון בלעטער. מען לייענט „משיח בן יוסף", פון בייניש שטיימאַן. דער עולם אַמפּערט זיך, מען דיסקוטירט איבער דער באַדייטונג פון „משיח בן יוסף". אַנדערע, ווייניקער־באַרעדעוודיקע, הערן זיך צו צו די געשפּרעכן און שלינגען די מאָדנע ווערטער, שוין לאַנג ניט־געהערטע: „לילית", „קץ", „צען צייכנס", „ביאת המשיח".

איבערן זאַל ווערט פּלוצלונג אַ געשושקעריי. שאַ־אַ! חבר ק. מרמר קומט. ער וועט שוין אַלץ זאָגן. ער איז אַ מומחה איבער געשיכטע. ער וועט שוין באַלד אַלץ דערקלערן. חבר מרמר דרייט זיך אַרום איבערן זאַל. ער וואַרט אויף דעם הויפּט־מחותן, אויף חבר יעקב שייפער, מיט וועמען ער וועט זיך דעם אָוונט טיילן מיט דער אַרבעט.

חבר יעקב שייפער איז באַשטימט געוואָרן צו רעדן איבער דער מוזי־קאַלישער זייט פון „משיח בן יוסף", און חבר ק. מרמר — איבער דער ליטעראַרישער זייט פון דעם זעלביקן ווערק.

עס קומען אַריין די חברים י. שייפער און ל. וויינער. עס ווערט אַ פּאַ־טשעריי, אַ געלויף צו די זיץ־פּלעצער. עס איז כמעט פון זיך אַליין שטיל געוואָרן, אַזוי, אַז דער פאַרזיצער פון אָוונט, חבר י. גאַלקאָפּ, האָט בלויז געדאַרפט פאָרשטעלן די רעדנער, אָן קיינע באַמיאונגען צו איינשטילן דעם עולם. אַלס דעם ערשטן רעדנער שטעלט ער פאָר חבר ק. מרמר.

חבר ק. מרמר האָט דערקלערט, אַז די משיח־לעגענדע איז אוניווער־סאַל. אַלע פעלקער האָבן אָנגענומען דעם משיח־געדאַנק אַלס אַ באַפרייאונג פון זייער פאָלק. דעריבער האָט זיך, לויט זיין מיינונג, בייניש שטיימאַן באַנוצט מיט דער משיח־לעגענדע, ווי מיט אַ טעמע, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט

צו די רוסישע פּאַסירונגען פון דעם יאָר 1917 און ווײַטער, ווי די פּריצײַטיקע משיחים זײַנען אומגעקומען, פאַרשטיינערט געוואָרן, און ס'האָט געפירט צו דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, צום „רויטן קינד", וואָס בײַניש שטימאַן האָט געשריבן אין איינער פון זײַנע דראַמען.

עס דערשײַנען חבר שייפער און חבר ל. ווײַנער. דער לעצטער דאַרף אילוסטרירן „משיח בן יוסף" אויף דער פּיאַנאָ. שייפער הייבט אָן זײַן רעדע. אינעם גרונט איז ער מסכים, זאָגט ער, מיט חבר ק. מרמרס אויס־טײַטשונג פון „משיח בן יוסף", און דינגט זיך דערבײַ איבער אַנדערע פּונקטן, וואָס דאַרפן, לויט זײַן מיינונג, אויסגעטײַטשט ווערן אַנדערש.

חבר שייפער דערקלערט דעם געבוי פון זײַן ווערק. ער דערקלערט ווי אַזוי די הויפּט־העלדן פון „משיח בן יוסף", ווי לילית און דאָס פֿאָלק קריגן בײַ אים אַן אײַגנאַרטיקן אויסזען דורך דעם, וואָס זיי ווידערהאָלן די זעלביקע מעלאָדיעס אויף אַ מאָדעלאַטיוון אופן, ווען זיי דערשײַנען נאָר.

חבר יעקב שייפער רעדט מיט פּאַטאָס. ער שענקט זײַער ווייניק אויפמערקזאַמקייט צום אויסוואַל פון ווערטער. ער וואַרפט אַ שטריך דאָ און דאָרט, און עס באַקומט זיך אַ בילד רײַך מיט פאַרבן, מיט שאַטירונגען. אָפּטמאָל רעדט ער אַרײַן אין דער פּיאַנאָ־אילוסטראַציע. ער בלײַבט אין אַ פאַרלעגנהייט, און עס דאַכט זיך, אַז אָט־באַלד וועט ער זיך גאָר צעזינגען, און דאָס וואָלט אים פאַרשפּאָרט רעדן. ער דערקלערט טאַקע, אַז ניט די פּיאַנאָ און אויך ניט זײַן רעדן, קאָן געבן אַ וואָסער ס'איז באַגריף וועגן דער מוזיקאַלישער זײַט פון „משיח בן יוסף". מען דאַרף דעם אָרקעסטער, דעם כאָר, כדי צו שאַפן דאָס אָרגאַניש־גאַנצעס. און דער עולם גלויבט אים, זיי ווײַסן עס שוין פון דערפאַרונג פון די „צוויי ברידער". און מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם 24טן אַפּריל, ווען „משיח בן יוסף" וועט דורכגעפירט ווערן מיט דעם פולן אָרקעסטער אין מעקאַ אודיטאָריום.

.1926

אין ליכטיקן אָנדענק פון

שמעון סאַראָף

דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון יעקב שייפער, דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, ניו־יאָרק. איינער פון די גרינדער און סעקרעטאַרן פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד.

פאַמיליע סאַראָף

אין אייביקן אָנדענק פון מײַן מוטער

יהודית גראָב

וואָס איז געשטאָרבן מיטן שייפער ליד אויף די ליפּן.

איר טאָכטער גאָסי

יעקב שייפער, בויער פון די כאָרן

(זכרונות)

פון יצחק קעריש

י. קעריש און זיין פרוי, דאָס באַליבטע פּאָרל, וואָס הייסן ביי אַלע זינגער פּאַ און מאַ קעריש, זיינען פּיאָנערן פון אונדזער כאָר-באַוועגונג איבערן לאַנד. ניט געקוקט אויף זיין טיפן עלטער איז ער אָבער נאָך אַלץ טעטיק אין דער פאַר-וואַלטונג פון לאָס אַנדזשעלעסער פּאָלקס-כאָר און מאַ קעריש איז פון תמיד אָן געוועז, סיי אין שיקאַגער כאָר, און סיי איצט אין לאָס אַנדזשעלעס, די דיוס קאָלעקטאָרן. זיי זיינען געוועז צווישן די בויער פון ערשטן כאָר אין שיקאַגע, צוזאַמען מיט שייפערן. יצחק קעריש האָט אָנגעשריבן אַ מאַסע דערינערונגען סיי וועגן שייפערן און סיי וועגן דער כאָר-באַוועגונג. דאָ גיבן מיר איבער אַ קורצן קאַפּיטל און מיר דרוקן אויך אָן אויסצוג פון זיינער אַ זאַך אין פּערזן וועגן שייפערן.

ווען דער אידישער סאָציאַליסטישער געזאַנג־פאַראיין האָט שוין אָפּגע־זונגען צוויי מאָל „מאַרטירער בלוט” און אויך די צווייטע אָראַטאָריע „בין השמשות” און געמאַכט אַ גרויסן דערפאָלג, איז שייפער אַלץ געבליבן אומ־צופרידן. „סטייטש: אין אַמעריקע האָבן מיר מיליאָנען אידן און בלויז איין פּראָגרעסיוון געזאַנג־פאַראיין” — האָט ער געשטורעמט.

היינט איז אונדז גוט, מיר האָבן דעם מוזיק־פאַרבאַנד און מען קען טאָן אָרגאַניזיר אַרבעט, אָבער ווי אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געקענט טראַכטן פון אַרויספאָרן, פון די 5 סענט דיוס וואָס די מיטגלידער האָבן באַצאָלט? איז טאַקע שייפער געבליבן מיט זיין אומצופרידנקייט.

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ניט נאָר קענען סטאָליאַרעס בויען הייזער און מעבל, נאָר זיי קענען אויך בויען קולטור־אינסטיטוציעס. שייפער אַליין איז אַ סטאָליאַר געוועזן פון דורות און דורות. אַ פּאָר פון די ערשטע גרינדער פון געזאַנג־פאַראיין זיינען אויך געוועזן סטאָליאַרעס.

אין שיקאַגע האָט זיך צו יענער צייט באַזעצט אַ מילוואָקער סטאָליאַר, און צוזאַמען מיט זיין גאַנצן אינווענטאַר האָט ער אויך מיטגעבראַכט אַ טעכ־טערל, אַ בת־יחידקע, איז דאָס געוועזן פון יענע טעכטערלעך, וואָס נאָר אַ סטאָליאַר קען זיך פאַרגינען אויסצוהאָדעווען: איר ווילט זינגען? זינגט זי, פאָרלייענען, דעקלאַמירן, שפּילן טעאַטער — איז זי אַ קינסטלערין. איר פּלאַץ איז באַלד געוועזן אין סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין, און זי איז טאַקע

יעקב שייפער כאָר ביים אידישן פאָלקס-סענטר, האַוואַנאַ, קובאַ, 1945

באַלד אַריין אין דער פּאַרוואַלטונג און אָנגעהויבן שפּילן די ערשטע פידל.

אין דער שווערער פראַגע פון בויען נאָך אַ געזאַנג־פאַראיין האָט זי געפונען אַן אויסוועג. מילוואָקי איז ניט ווייט פון שיקאַגע, אַ שטאָט וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט אידן, און אַ גאַנץ היפשער פּראָגרעסיווער פליגל איז דאָרט אויך דאָ, און אַ גאַנץ פיינע דראַמאַטישע גרופּע, וואו זי איז די סטאַריכע געווען, איז אויך דאָ, איז איר פּלאַן, אַז מיר זאָלן אַ פּאָר טאָג אין אַ שבת אַהינצו און זען וואָס מען קען דאָרט אויפטאָן. עס ווערט באַשטימט אַז דעם קומענדיקן שבת פּאָרט די גאַנצע פּאַרוואַלטונג מילוואָקי איינצונעמען. און אַזוי האָבן מיר געטאָן.

אַריינקומענדיק אין אַ אידישן רעסטאָראַן (אויב איך מאַך ניט קיין טעות) אויף וואָלנאַט סטריט, האָבן מיר געטראָפן דאָס ביסל מילוואָקער קולטור ביי דער שבתדיקער סעודה, און באַלד זיינען אַלע אויף די פיס געווען. לאה, ליזא, עטימעניע, און נאָך עטלעכע האָבן זיך איבערן רעסטאָראַן גע־טראָגן, און ווען מיר האָבן זיך ביי אַ צונויפגעשטעלטן טיש באַזעצט, האָבן זיי אַ פרעג געטאָן לאהן: ווער זיינען דאָס די אידן מיט וועלכע דו ביסט געקומען?

און ווען לאה האָט זיי דערקלערט ווער מיר זיינען און נאָך וואָס מיר זיינען געקומען, האָבן זיי באַלד איבערגעקערט עטלעכע שפּייז־צעטלען און אויף דער לינקער זייט געבומען פאַרשרייבן מיטגלידער פאַרן געזאַנג־פאַראיין. און איידער מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט די געהאַקטע לעבער מיט שמאַלץ און פיינע געפילטע פיש, האָט מען אונדז דערלאַנגט אַ פאַר־טיקן געזאַנג־פאַראיין מיט 33 מיטגלידער.

מיר האָבן צונויפגעשטעלט פון אַלע טישלעך איין לאַנגן טיש און מיר זיינען שוין אַלע צוזאַמען געזעסן ביי דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג צו אָרגאַניזירן די אַרבעט. אַ פאַרוואַלטונג איז דערוויילט געוואָרן מיט אַלע נויטיקע פונקציאָנאַרן פונקט ווי אין שיקאַגע, און אַז מיר זיינען געקומען צו דער שווערסטער פראַגע: וואו נעמט מען אַ דיריגענט? האָט זיך אויפגעשטעלט אַ שיינע מיידל און האָט דערקלערט, אַז איר טאַטע איז דער באַס אין דער מילוואָקער שול, און אויב מען זאָל איר טאַטן קענען אַריינ־קריגן אין געזאַנג־פאַראיין, וועט זייער דיריגענט מוזן ווערן אויך דער דיריגענט פון געזאַנג־פאַראיין. אויף דער פראַגע צי איר טאַטע אַלס אַ כשרער קצב (בוטשער) וועט וועלן ווערן אַ מיטגליד אין סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין, האָט זי געענטפערט, אַז איר טאַטע האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, און ער איז ניט קיין זייער פרומער און ער האָט זייער ליב זינגען און זי איז זיכער, אַז ער וועט צושטימען ווערן אַ מיטגליד.

דער מילוואָקער באַס האָט אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען, און אויסהערנדיק אונדזער פאַרלאַנג און אונדזער פּלאַן, האָט ער זיך גלייך אָנגע־שלאָסן אַלס אַ מיטגליד אין געזאַנג־פאַראיין, אָבער האָט אונדז דערקלערט,

אַז עס וואָלט געווען פיל גרינגער צו קריגן דעם דיריגענט ווען מיר קריגן אַריין אויך דעם מילוואָקער טענאָר, וואָס זינגט מיט אים אין שול. ער שיקט גלייך אַרויס אַ קינד אים צו רופן. מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַ הויכער, בלאַסער, ווי צעשראָקן אַ יונגערמאַן, זיינע אויגן האָבן אונדז אַלעמען מיט איבעראַשונג באַטאַפּט, שפּרינגענדיק שנעל פון איינעם צום אַנדערן. און ווען אונדזער גאַסטפּריינטלעכער באַס האָט אים דערקלערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, איז ער איינשטימיק געווען צו ווערן אַ מיטגליד, אָבער ער פאַרלאַנגט, אַז מיסטער שייפער זאָל אים פאַרהערן זיין שטימע, און באַלד גיט ער אַ הוסטעלע און טוט אַ קנאַק אַרויס מיטן רבונו־של־עולם פון דעם באַרדיטשעווערס „אַ דודעלע” און ווען שייפער דריקט אויס אַ וואונטש, אַז הלוואי וואָלט ער געהאַט אין שיקאַגע אַזאַ טענאָר, ווערט ער מלא גדולה און ער דערקלערט, אַז אויב דער דיריגענט וועט ניט וועלן דיריגירן דעם געזאַנג־פאַראיין, וועט ער זיין דער ערשטער צו סטרייקן, און ווען מילוואָקי האָט שוין אָפּגעמאַכט הבדלה, זיינען מיר אַוועק אַלס אַ דעפּוטאַציע צום דיריגענט.

אַן איבעראַשנדיקער האָט אונדז אויפגענומען דער מילוואָקער דיריגענט און מיט צעשראָקענע אויגן געפרעגט ביי זיינע זינגער: וואָס איז דאָס? ווער זיינען מיר? און וואָס ווילן מיר פון אים? און ווען זיינע זינגער האָבן אים דערקלערט ווער מיר זיינען און וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים, האָט ער זיך באַרואיקט, אַרויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע אַ גרויסן קאַמערטאָן און אַוועקגעלייגט לעבן זיך. ער שטעקט אָפּ שייפערן, אַלס זיין קאָלעגע, אַ ספּעציעלן שלום־עליכם, אָבער די דיריגענטיכע האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל דאָס ניט אָננעמען: „פאַרגעס זיך ניט, אַז דו שטייסט אין אַ שול”. „נעווער מאַינד די שול”, איז זיין ענטפער געווען, „די שול קומט אָן צו אונדז מער ווי מיר צו זיי, ווען מיר זאָלן ניט זינגען איז אויס שול”. און אַזוי איז ער געוואָרן דער מילוואָקער דיריגענט.

זונטיק בייטאָג איז געווען די ערשטע פּראָבע, וואָס האָט זיך אין אָוונט געענדיקט מיט אַ פיינער ליאַמע. פייערלעכע האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין קיין שיקאַגע. אַריינגעקומען זיינען מיר אין אַ זייער קאַלטן וואַגאָן. אָבער שייפער האָט זיך גענומען דערוואַרעמען אויף זיין אָריגינעלן שטייגער, וואַרפנדיק אונדז פון איינעם צום צווייטן.

שפּעטער האָט מען זיך צונויפגעקליבן אין אַ ווינקל און מען האָט גענומען רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט פון גרינדן אַ פאַרבאַנד פון אידישע אַרבעטער־כאָרן.

אָט אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען האַלב פאַרפרוירענע קיין שיקאַגע, נאָר מיט וואַרעמע געפילן, אַז עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון פאַרצווייגן אונדזער אַרבעט.

יעקב שייפער

פון יצחק קעריש

ניו־יאָרק מאַרשירט מיט קעפּ געבויגענע,
פול זיינען הערצער מיט ווייטאָגן שאַרפע,
געפּלאַצט האָבן די סטרונעס אָנגעצויגענע
אויף פאָלקס באַליבטער זינגענדיקער האַרפע.

עס גייט אַ פאָלק איצט באַגלייטן
איר זינגענדיק האַרץ,
וואָס וועט שוין מער קיין פרייד ניט שפּרייטן.
ס׳זיינען גאַסן איינגעהילט אין שוואַרץ.

מיט עקשנותדיקער גבורה,
אין שטורעם־פּלייץ טריט ביי טריט,
פירט מען שייפערן צו דער קבורה,
אָבער שייפער שטאַרבט דאָך קיינמאָל ניט.

ער האָט טויזנט לעבנס דאָך געלעבט
און זיך אייביקייט דערוואָרבן,
זיך אין גרויסן לעבן אַריינגעוועבט
נאָר בלויז איין לעבן איז געשטאָרבן.

וואו נאָר עס קלינגט דאָס אידיש וואָרט
לעבט דער זינגענדיקער ריז,
זיין מעכטיק קול צעקלינגט זיך דאָרט
אין ניו־יאָרק, וואַרשע, מאָסקווע און פּאַריז.

זיין קול אויף אייביק שטום צו מאַכן,
וועט דעם טויט קיינמאָל געלינגען,
ער וועט פון קבר דאָך דערוואַכן
און וועט הילכיק ווייטער זינגען.

עס וועט די ערד אים ניט פאַרדעקן,
איינגעשלאָסן אין זיין אָרון.
ער וועט לעבן, רופן, וועקן,
דורך זיינע קינדער, זיינע כאָרן.

ניט פאַרשניטן, ניט אָפּגעריסן
איז שייפער פון אונדז געוואָרן,
ווייל ער איז אונדזער האַרץ און ריין געוויסן
פון אונדזער בלוט און פלייש געבוירן.

איך זע אים איצט ווי איך האָב אים געזען אין 1914

פון דזשוליוס פיין / לאָס אנדזשעלעס

עס איז געווען אין יאָר 1914, אין שיקאַגע. איבערגעלייענט אַ נאָטיץ אין צייטונג „אַז די וואָס האָבן אַ שטימע צום זינגען, זאָלן קומען דינסטיק צו פּראָבע אין „היברו אינסטיטוט", צום נאָרוואָס אָרגאַניזירטן „אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין". בין איך צוזאַמען מיט פריינט זיטש, מיט וועלכן איך האָב געזונגען ביי אַ חזן, געגאַנגען צו דער פּראָבע. מיר האָבן דאָרט געטראָפן יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן גערעדט אַ זאַפטיקן אידיש. מען האָט אונדז געבעטן זיצן. עס זיינען צוגעקומען נאָך זינגער. מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן דריי פעסט־געבויטע אידן און איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן איבערשטעלן די בענקלעך. דאָס איז געווען אברהם קאָבאַנסקי. דער צווייטער העלפט אים אַרויס. דאָס איז געווען מאיר דובראָוו, דער געהילפס־דיריגענט. דער דריטער, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ בלאָנדן קאָפּ האָר מיט וואָנצעס, מיט אַ ראָזעווען פּנים. גייט צו מיט שווערע טריט צו די שטולן און זאָגט מיט אַ טיף־באַסאָווער שטימע: „נו, זאָל מען זיך אויסזעצן". דאָס איז געווען קעריש, וואָס זינגט נאָך ביז היינטיקן טאָג מיט זיין פרוי אין לאָס־אַנדזשעלעס כאָר.

צו דער פּיאַנאָ גייט צו אַ יונגער מאַן, העכער פון מיטעלן וואוקס, די פּלייצע אַ ביסל איינגעבויגן. אַ שיינער קאָפּ ברוינע עטוואָס געקרייזלטע האָר. ער באַטראַכט די זינגער, זיין שמייכלענדיקער פּנים ווערט ליכטיקער און ער נעמט אַרויס פון זיין פּאָרטפעל נאָטן און הייבט אָן שטילערהייט שפּילן אַ מעלאָדיע.

דאָס איז געווען יעקב שייפער. איינער פון די זינגער גייט צו אים צו און ווייזט אָן אויף אונדז. שייפער דרייט זיך אויס צו אונדז מיטן פּנים און מיט אַ שמייכל רופט ער אויס: „נו, וואָס זיצט איר ביי דער טיר, ווי פרעמדע. קומט צו אַהער און שעמט זיך ניט".

אַלע זינגער ווערן שטיל. עס דערמאָנט מיך, ווען מיין פאָטער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפירט צום רבין און אַלע אינגלעך האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויגן אויף מיר און מיין פּנים האָט געפלאַמט.

שייפער באַטראַכט אונדז און פרעגט מיין פריינט זיטש: „איר ווילט עפּעס זינגען?"

זיטש זינגט אַ טענאָר־סאָלאָ פון „מאַרטאַ״.

שייפער: „איר האָט אַמאָל געזונגען אין דער אָפּערע?״

זיטש: „ניין, נאָר ביי אַ חזן״.

שייפער הייסט אים נעמען געוויסע טענער און שרייט אויס מיטאַמאָל: „פּריניאַט״! און הייסט אים זיך זעצן צווישן די טענאָרן.

מיין האַרץ קלאַפּט ווי אַ האַמער. מיך פאַרדריסט דער גאַנצער עסק פון קומער אַהער, אָבער איך האָב ניט קיין צייט צו טראַכטן. איך דער־הער שייפערס שטימע: „וואָס ווילסטו זינגען, יונגערמאַן?״ — „איך וועל זינגען אַ רוסיש פאָלקס־ליד״. איך הער ווי ער באַגלייט מיין זינגען שטיל אויף דער פּיאַנאָ. ווען איך פאַרענדיק, אַפּלאָדירן אייניקע פון די זינגער. איך בין ווי צעטומלט, איך דערפיל אַ שטאַרקן קלאַפּ אין פּלייצע פון שייפערס שטאַרקע סטאָליאַרסקע הענט. ער גיט אַ קאָמאַנדע: „קעריש, זעץ אים אַוועק אַרום דיר מיט די באַריטאָנען״. עס ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן.

שייפער שטעלט זיך אויף, קוקט אַריין די זינגער אין די פּנימער מיט אַ בעטנדיקן אויסדרוק אויף זיין פּנים. דער כאָר הייבט אָן:

„אָרימעס לעבן, נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט.
כוחות די יונגע, די פרישע צעפּאַטערן
זוכנדיק אַ שטיקעלע ברויט״.

שייפער בעט זיך: „שרייט ניט, שטילער, נאָך שטילער״.

איך וויל מיטזינגען, נאָר קעריש טוט מיר אַ שטורך אין זייט מיט זיין שווערער האַנט: „הער זיך גוט צו אָפּריער״.

דאָס צווייטע ליד יענעם אָוונט וועל איך אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן.

„מיר זיינען סאָלדאַטן פון פרייהייטס אַרמיי...
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר וויי״.

איך הער זיך צו ווי צו אַ הייליקער תפילה, ווען איך בין אַ קינד געווען און געהערט מיין טאַטן זינגען ביים דאַוונען.

מיט שייפערן איז יעדע פּראָבע געווען ביי די זינגער אַ יום־טוב פון פרייד. ביי יעדן אַרויסטריט פון כאָר האָט שייפער מיט זיין פערזענלעכקייט געוואונען די ליבע פון אַלע זינגער. זיין בייז ווערן פלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן. אָט שמייכלט ער שוין ווידער און איז מיט אייך „פּאַני־בראַט״.

איך זע זיין ליכטיק סקולפּטאַריש פּנים היינט פאַר מיינע אויגן, אַזוי ווי איך האָב אים געזען אין 1915, ווען מיר האָבן געזונגען דאָס ערשטע מאָל „מאַרטירער בלוט״. מיר האָבן אים אין פּנים אַריינגעקוקט און זיינע הענט נאָכגעפאָלגט און גוט געזונגען. בעסער און נאָך בעסער, ווייל מיר האָבן שטאַרק געגלויבט, אַז מיר זינגען פאַר אַ שענערן און ליכטיקערן מאָרגן.

דער מאָנומענט וואָס שייפער האָט געבויט

פון יצחק ספּאַקאָיני

איבער צוואַנציק טויזנט מענטשן האָבן מיט 18 יאָר צוריק אין אַ גוס־רעגן באַגלייט דעם אידישן קאָמפּאָזיטאָר יעקב שייפער, ווען דער טויט האָט פון אונדז אַזוי יונג אַרויסגעריסן. אָבער שוין דענסטמאָל האָט זיך גע־פילט אַז שייפער איז אומשטערבלעך, און כאָטש מיר זיינען געווען עדות פון אַ צעוויטיקטער טרויער־פּראָצעסיע, אין וועלכער שייפערס קערפּער איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו, — איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן אַז די גרויסע מאַסן פאָלקס־מענטשן וועלן זייער העלד, זייער יום־טוב־שאַפער, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

יאָ, שייפער אַליין איז געווען אַ שטיק יום־טוב, אינעם גרעסטן טרויער און צער פון אַ פאָלק האָט ער געזוכט אָנצושלאָגן אַן אויבערטאָן פון דער־מוטיקונג, אויפלייזן דעם יאוש מיט פייערלעכע אַקאָרדן. אַזוי איז געווען ווען ער האָט געשריבן די מוזיק צו ווינטשעווסקיס ווערטער: „ווישט פון אויגן אויס די טרערן, צום וויינען איז איצט ניט די צייט", צו ראָנטשעס „אונדזער פירער", צו בראָדערזאָנס „בראַנד און פייער", אַפילו דאָס פּשוטסטע פאָלקס־ליד האָט שייפער געזוכט צו באַצירן מיט די רייכסטע יום־טובדיקע טענער.

שייפער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַז דאָס פאָלק זאָל זינגען — סיי פון זיין פרייד, סיי פון זיין פיין און צאָרן, און דאָס האָט מילא גורם געווען אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן פאָלקס־כאָרן אין אַלע גרעסערע צענטערן פון לאַנד. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, דערפאַר אָבער אַ דאַנקבאַרע. ס'איז געוואָרן לעבעדיקער אויף דער אידישער גאַס, אין שאַפּ, ביי פאַרזאַמלונגען, קולטור־אונטערנעמונגען; און שפּעטער — מוזיק קאָנצערטן אין די גרעסטע זאַלן איבערן לאַנד.

יעקב שייפער האָט אין משך פון זיין לאַנג־יאָריקער טעטיקייט אויפ־געבויט אַ ריזיקן מאָנומענט, דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד מיט צענדליקער מוזיקאַלישע אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד. ס'וועט דעם מסוד־פּראָוואָ־קאַטאָר (וואָס האַלט זיך נאָך ליידער אין אַ אידישער צייטונג) ניט גע־לינגען צו באַרירן דאָס פאָלקס־הייליקטום, דעם גרויסן קולטור־אוצר, וואָס איז אין משך פון פערציק יאָר מיט אַזוי פיל ליבע געבויט געוואָרן.

דער אידישער פילהאַרמאָנישער פאָלקס־כאָר אין ניו־יאָרק, באַגלייך מיט אַלע אַנדערע כאָרן, האַלט טייער און וועט אָפּהיטן דעם גרויסן צו־שטייער וואָס איז געמאַכט געוואָרן צום אידישן לעבן אין אַמעריקע.

שאַ! שאַ! מענדעלע שלאָפט...

פון יאַנקל פרידמאַן / ל. א.

אונדזערע רעפּעטיציעס מיט שייפערן אין שיקאַגע זיינען געווען וואונדערלעכע דערפאַרונגען פאַר די זינגער, און ניט בלויז דערפאַר ווייל דורך דער רעפּעטיציע האָט מען עפּעס איינגעזונגען, אַ נייע טייל פון אַן אָראַטאָריע אָדער אַ ליד איבערגעלייענט, נאָר אויך דערפאַר וואָס אין די עטלעכע שעה מיט שייפערן, איז מען מיט יעדער רעפּעטיציע מער באַהאַפטן געוואָרן מיט אים. נייע שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט זיינען אויפגעקומען בעתן איינזינגען, וועלכע דער זינגער האָט ליב באַקומען, און אָט די ליבשאַפט האָט דעם זינגער געוואַרעמט אין די שווערסטע מינוטן פון זיין פּערזענלעכן לעבן.

למשל, שייפער פלעגט אָפט ברענגען צו די רעפּעטיציעס פּרוואון פון נייע קאָמפּאָזיציעס, לידער וועלכע די זינגער האָבן קיינמאָל פריער ניט געהערט. האָט מען געזונגען, אינמיטן אָבער האָט שייפער דאָס דאָזיקע ליד אַוועקגעלייגט און זיך גענומען פאַר אַ נייער זאַך. די ווירקונג אויפן זינגער איז געווען אומגעהויער נאָך אַזאַ עקספּערימענט. מען האָט דערפילט, אַז ניט זיצט מען דאָ בלויז זיך אויסלערנען רעפּערטואַר כדי אויפצוטרעטן, נאָר מען איז אַ טייל פון אַ קונציע וואו צוזאַמען מיטן קאָמפּאָזיטאָר שמידט מען נייעם הייסן שטאָל. דער זינגער און שייפער ווערן איינס.

דערפאַרונגען פון אַ רעפּעטיציע מיט שייפערן זיינען אויך געווען צוליב דער געמיטלעכקייט פון דער שטימונג בעתן איינזינגען. כאָטש שייפער פלעגט זיך אָפט צעשרייען ביים איינלערנען, נאָר אין אַ האַלבע מינוט נאָכדעם האָט מען דעם מענטשן ניט דערקאָנט, ער פלעגט פאַרבייסן אַ ווינקל ליפּ און אַ שמייכל, ווי אַ רעגנבויגן אַ ליכטיקער, אַ פולער, פלעגט אַרויסשפּאַרן פון אים און באַגיסן זיין פּנים. איינער אַזאַ מאָמענט קאָן זיך ניט פאַרגעסן.

צווישן אונדזערע סאָפּראַנאָס איז געזעסן עטל לעווויט, איינע פון די ערשטע כאָריסטקעס אין שיקאַגער כאָר, וואָס האָט פיינט געהאַט, זעט אויס, צו פאַרפעלן רעפּעטיציעס. האָט זי דעמאָלט, אין 1923-24, געהאַט אַ צווייאָריק אינגעלע — מענדעלע. איר מאַן איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און קיין חשק ניט געהאַט בלייבן מיט מענדעלען אין דער היים. האָט עטל איינגעוויקלט מענדעלען, אים געבראַכט מיט דער סטריט-קאַר צו רעפּעטיציעס. אים אַוועקגעלייגט מיט אַ קאָלדרע צוקאָפּנס אויף אַ זייטיקער באַנק, און זי האָט געזונגען און מענדעלע איז זיך געשלאָפן. מאַכט זיך, אַז שייפער שטייט לעבן די סאָפּראַנאָס און עפּעס בייזערט ער זיך, מיטאַמאָל הויבט אַ באַריטאָן אויף אַ פינגער צו שייפערן: „שאַט, שאַט", מאַכט ער, „מענדעלע שלאָפט!". שייפער האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר ברוינע אויגן, פאַרביסן אַ האַלבע ליפּ און אַ וועלט מיט זון האָט באַגאָסן זיין פּנים.

יעקב שייפערס ערשטער כאָר מיט 48 יאָר צוריק

פון ב. לעווקאָוויטש / סעקרעטאַר פון שיקאַגער כאָר

ווי טייער איז דאָס פלאַץ וואו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע?

איינע פון די טרויער־סטענגעס, וואָס הענגען אַראָפּ פון אונדזער העלער פאָן, איז די פון יעקב שייפער. אַ פאַרלוסט וואָס ווערט זיך שטענדיק פילן אויף צענדליקער געביטן. אַ נאָמען וואָס מיר דערמאָנען מיט אַ הייליקן ציטער, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ שטאָלצער פרייד אין האַרצן.

שיקאַגער כאָר — איז געשיכטע. שיקאַגער כאָר איז יעקב שייפער, דער גרויסער פאָלקס־קינסטלער, דער גאָניאַלער שעפערישער כוח, דער וויזער, דער לערער, דער דערציער, וואָס האָט פאַרטיפט, אויסגעברייטערט און באַרייכערט אונדזער אידישע מוזיק, אונדזער אידיש ליד. שיקאַגער כאָר איז פיאָנערנדיק, המשך, פאָלקס־חשיבות און דורותדיקייט.

לאָמיר ברייגגען איניקע אויסצוגן פון דער געשיכטע פון שיקאַגאָר כאָר.

די ערשטע גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען חול־המועד סוכות, 1914. דער כאָר האָט זיך אַ נאָמען געגעבן, „סאָציאַליסטישער געזאַנג־פאַראיין". דערוויילט אַ פאַרוואַלטונג פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: יעקב שיי־פער, דיריגענט, י. ב.ביילין, פרעזידענט, י. זילבער, וויס־פרעזידענט, אב. קאָכאַנסקי, סעקרעטאַר, פּ. פעסאָווא, קאַסירער און ל. רובינשטיין, ביי־זיצנדער.

דער ערשטער קאָנצערט איז פאָרגעקומען זונטיק אָוונט, דעם 11טן אַפּריל, 1915, אין וו. ס. אוידיטאָריום אונטערן נאָמען „ערשטער פרילינג קאָנצערט". נאָענט צו 100 נעמען זיינען געווען פאַרצייכנט אַלס זינגער צו יענעם קאָנצערט. דער הויפּט־נומער אויפן פּראָגראַם איז געווען אברהם ליעסינס פּאָעמע „מאַרטירער בלוט". עס ווייזט אויס, אַז די טויער האָבן שטאַרק געגלויבט אין דער קאָמפּאָזיציע, ווייל זיי בעטן אין פּראָגראַם מ'זאָל ניט אַפּלאָדירן דורך דער גאַנצער צייט פון דער פּאָעמע.

ס'איז דאָ צו דערמאָנען, אַז שייפער האָט אין יענער צייט נאָך גע־אַרבעט דורך די טעג ביי סטאָלעריי, אין די אָוונטן פלעגט ער זיך לערנען פּיאַנאָ און קאָמפּאָזיציע און האָט גלייכצייטיק געגעבן לעקציעס אין פּיאַנאָ־

שפּילן, האָט דיריגירט אַ גרופּע משוררים אין אַ סינאַגאָגע, געשריבן מוזיק און אָנגעפירט ווי אַ דיריגענט מיט דעם ניי־געגרינדעטן כאָר. וואָס פאַר אַ מעכטיקער קוואַל פון ענערגיע יעקב שייפער איז געווען!

יעקב שייפער האָט איינגעפאַסט די נביאות פון אונדזערע פּראָגרעסיווע און אַרבעטער דיכטער אין ראַמען פון מוזיק און מיר האָבן געזונגען נביאות: לידער וואָס האָבן געמוטיקט דעם אַרבעטסמאַן, לידער וואָס האָבן געלערנט, דערצויגן, געמאַכט באַוואוסטזיניק און צו דער זעלבער צייט האָט ער אונדז אָנגענומען ביי דער האַנט ווען מיר זיינען נאָך גאָר אַ יונגער כאָר געווען און אונדז אָנגעהויבן פירן אויפן ברייטן מוזיקאַלישן שליאַך. ער איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר און דיריגענט און דערצויגן ניט בלויז אַ נייע דורשטיקע אוידיענץ אין שיקאַגאָ. ער האָט זי דערצויגן אויך אין אַ רייע אַנדערע שטעט, הויפּטזעכלעך אין ניו־יאָרק. ער האָט דערצויגן מוזיק־אָרגאַניזאַטאָרן, טוער און אויך דיריגענטן.

פון אַ מאַנדאָלין שפּילער

איך וויל פאַרצייכענען, אַז איך האָב געשפּילט אין דעם ניו־יאָרקער פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער אונטער שייפערס דירעקציע בלויז אַ קורצע צייט. אָבער איך האָב געפונען אין שייפערן אַ טייערן פריינט און חבר.

ער האָט זיך געפרייט מיט מיר בלויז, אָדער ספּעציעל דערפאַר, וואָס איך בין געווען דער גרינדער פון דעם לאָס־אַנדזשעלעסער פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

עס איז געווען אַ יום־טוב פאַר אַלע שפּילער צו זיין ביי אַ רעפּע־טיציע מיט שייפערן. ער האָט פאַרבונדן פריינטשאַפט מיט מוזיקאַלישער האַרמאָניע און קענטעניש צו דינען זיין קלאַס, דערפאַר אַזוי דערפאָלגרייך.

איך און מיין חברטע וועלן אים שטענדיק געדענקען און דערמאָנען צום גוטן.

אייב קענדזער / לאָס אַנדזשעלעס

מאיר דאָבראָוו

מאיר דאָבראָוו, פּיאָנער פון שיקאַגער כאָר

דעם 16טן אַפּריל, 1949 איז אין עלטער פון 55 יאָר געשטאָרבן איינער פון די גרינדער פון אידישן פאָלקס־כאָר אין שיקאַגע, מאיר דאָבראָוו. ער איז אַ צייט לאַנג געווען דער געהילף דיריגענט פון יעקב שייפער.

אין 1914 לייענט ער אין דער אידישער פרעסע אַן אויפרוף פאַר זינגער, וועלכע ווילן זיך אָנשליסן אין אַ סאָציאַליסטישן כאָר. ער קומט אַריין אין זאַל און ער הערט, אַז מען וואַרט אויף דעם דיריגענט, וואָס וועט אויסהערן די זינגער. דער פאָרזיצער פון כאָר י. ב.ביילין בעט דאָבראָוון, אַז ער זאָל דערווייל אויסהערן די זינגער ביז שייפער וועט קומען. אַזוי איז ער געוואָרן דער געהילף־דיריגענט פון כאָר.

ער האָט אויך דיריגירט דעם רוסישן און אוקראַינישן כאָר, אָנגעפירט מיט אַ יוגנט־כאָר ביים געזאַנג פאַראיין און געווען געזאַנג־לערער ביי די קינדער־שולן.

אין משך פון 35 יאָר האָט דאָבראָוו זיך אָפּגעגעבן צום אידישן פאָלקס־ליד ווי אויך צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. זיין פרוי דאָראַ איז אויך געווען אַ זינגערין אין כאָר און זייערע צוויי זין זיינען דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון די עלטערן.

זיין טויט אין 1949 האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער ניט בלויז אין שיקאַגע, נאָר ביי די כאָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין דער געשיכטע פון די כאָרן ביים אידישן מוזיק פאַרבאַנד, וועט דער נאָמען מאיר דאָבראָוו בלייבן ווי אַ ליכטיקער זייל אין דער כאָר־באַוועגונג.

איין געשריי: שייפער מוז בלייבן!

פון בען געווירץ

פון רעדאַקציע: בען געווירץ, אַ וועטעראַן-בויער פון אונדזערע כאָרן איז מיט יאָרן צוריק געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם אידישן פאָלקס-כאָר אין נואַרק. ער וואוינט איצט אין סאַן-פראַנציסקאָ.

דאָס האָט געמוזט זיין אין די סוף צוואַנציקער אָדער אָנהייב דרייסיקער יאָרן. דער נואַרקער כאָר האָט דעמאָלט געציילט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער אַכציק — די סאַמע בלי־צייט פון זיין עקזיסטענץ.

אונדזער אומפאַרגעסלעכער יעקב שייפער פלעגט קומען פון ניו־יאָרק אָנפירן מיטן כאָר אין נואַרק. דיריגירן אַליין איז פאַר שייפערן ניט געווען גענוג. אים איז געגאַנגען אין לעבן אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל פונקציאָנירן גוט, און די קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן די מיטגלידער זאָל זיין אַ פריינט־לעכע און האַרמאָנישע.

איך האָב דעמאָלט געהאַט די פריווילעגיע צו זיין דער פאַרוואַלטער פון כאָר, און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו שטיין ביים רודער. קיין פינאַנציעלע דאגות זיינען ניט געווען, און אַז מיר זיינען געווען גליקלעך מיט אונדזער דיריגענט דאַרף מען דאָך ניט זאָגן. יעדע רעפעטיציע איז געווען אַ יום־טוב.

נאָר אָט איז די אידיליע פלוצעם צעשטערט געוואָרן. ווי אַ דונער פון קלאָרן הימל איז אָנגעקומען אַ ידיעה פונעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד, אַז שייפער קאָן לענגער ניט בלייבן אונדזער דיריגענט, און מיר מוזן אים פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן.

זאָלט איר שוין ניט פרעגן וואָס ס׳האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן! די פירערשאַפט פון כאָר און די זינגער זיינען ניט נאָר געוואָרן אומרואיק, נאָר ממש אַריין אין אַ שטימונג פון רעוואָלט: סטייטש, ווי קאָן מען אונדז אַזוינס אָפּטאָן? וואָס הייסט מען נעמט ביי אונדז צו שייפערן?

פאַרוואַלטונג־זיצונגען זיינען פאָרגעקומען יעדן אָוונט, און אויב אין אַנדערע פראַגן זיינען אַמאָל געווען סכסוכים, איז אָבער דאָס מאָל געווען פולשטענדיקע אייניקייט: מיר וועלן שייפערן ניט אָפּלאָזן — מ׳זאָל אפילו מוזן אויפשטעלן באַריקאַדן!

און אַפּנים, אַז אין מוזיק־פאַרבאַנד איז מען אויך ניט געווען רואיק.

אַ קאָמיסיע פון פאַרבאַנד איז געקומען קיין נואַרק פאַרהאַנדלען מיט אונדז, און ס׳האָט ניט געפעלט קיין הייס בלוט.

אינמיטן דער אויפרודערונג רופט מיך אָוועק דער נאַציאָנאַלער סע־קרעטאַר פון פאַרבאַנד (איך קאָן זיך לײַדער ניט דערמאָנען זײַן נאָמען) אין אַ זײַט, און גיט מיר צו פאַרשטיין סודותדיק, אַז דאָ גייט ניט אין אַ קאַפּריז. מען בייט ניט קיין דיריגענטן גלאָט אַזוי זיך. „מיר האָבן גע־מיינט״, דערקלערט ער מיר מיט אַ געפאַלן געמיט, „אַז מיר וועלן אײַך ניט דאַרפן דערקלערן די סיבה פאַרוואָס מיר נעמען צו שייפערן, אָבער וויסן זאָלט איר, אַז מיר מוזן זיך שטאַרק זאָרגן פאַר זײַן געזונט. שייפער אַליין ווייסט דאָס ניט, נאָר זײַן דאָקטאָר האָט אונדז אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז מיר טאָרן שייפערן ניט אָנשטרענגען, ווײַל זײַן האַרץ איז אָנ־געגריפן״...

איך בין געבליבן שטיין אַ פּריטשמעליעטער, און אַלע אַרגומענטן מײַנע זײַנען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז.

איך האָב זיך אומגעקערט צו די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, און גענומען אײַנטענהן מיט זיי, אַזוי דיפּלאָמאַטיש ווי ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, אַז סוף־כּל־סוף דאַרפן מיר ניט זײַן אַזוי אײַנגעשפּאַרט. צווישן די חברים האָט זיך צעטראָגן אַ געמורמל: „אַהאַ! געווירץ האָט זיך שוין איבער־געקוליעט!״

און, וואָס האָב איך זיי געקאָנט זאָגן? האָב איך זיי טאַקע גאָרניט געזאָגט. כ׳האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט מײַן פאַרלעגנהייט — און בין גע־בליבן שולדיק אָן ענטפער...

***

יאָרן זײַנען אַוועק. איך און מײַן פרוי ראָזע האָבן דורך דער צײַט אַריבערגעוואַנדערט קיין סאַן־פראַנציסקאָ. מיר זינגען נאָך אַלץ. אונדזער דיריגענט איז דער באַגאַבטער מוזיקער זאַרי גאָטפריד. די טראַדיציע פון די ערשטע יאָרן ווערט פאָרגעזעצט. מיט שטאָלץ באַרימען מיר זיך, אַז עס ווערן אָנגעהאַלטן די פּאָזיציעס אין די כאָרן וואָס יעקב שייפער האָט געבויט.

יעקב שייפער — אַ נאָמען, וואָס מיר וועלן אַלעמאָל דערמאָנען מיט ליבשאַפט און כבוד.

„אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע", מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1938, אונטער דער רעזשי פון לאה שייפער

שייפער דער פאָלקס־מענטש

פון סעם באראק

אין די יאָרן 1919־20 בין איך געווען דער פאַרוואַלטער פון געזאַנג־פאַראיין־צענטער אין שיקאַגע. מיר פלעגט אָפט אויסקומען צו פאַרדינגען דעם זאַל שבת פאַר באַנקעטן. און דער געזאַנג־פאַראיין פלעגט אָפט אַדורכפירן זונטיק אָוונט ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע אונטערנעמונגען.

אַזוי ווי די שבתדיקע באַנקעטן האָבן זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט, פלעגט מיר אויסקומען מיט נאָך אַ חבר אָדער צוויי, און אַמאָל אַליין קומען זונטיק פרי אויסרייניקן דעם זאַל און צוגרייטן פאַרן אָוונט.

איין מאָל אַ זונטיק פרי, גייענדיק צום זאַל, טראַכט איך: זאָל כאָטש עמעצער קומען מיר אַרויסהעלפן. צוקומענדיק צום טיר פון זאַל, דערזע איך שייפערן אָנגעטאָן אין אַ פאָר אַלטע הויזן. פרעג איך אים: וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי? ענטפערט שייפער: „רויטער (איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ רויטן קאָפּ האָר), איר ווייסט ניט, אַז מיר דאַרפן היינט דורכפירן אַן אָוונט?“ ער גיט אַ געשריי אויפן קול: „עפנט אויף די טיר, לאָמיר זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט“. אַז מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, זאָגט ער מיר: „נו, רויטער, אַרונטער אַ יאָך פון קאָפּ“.

דאָס איז געווען שייפער דער פאָלקסמענטש.

אין שייפערס צייטן אין שיקאַגע, פלעגט דער כאָר אָפט אַרויספאָרן זונטיקס אין אַ וואַלד צו אַ פּיקניק. שייפער האָט זייער ליב געהאַט גיין מיט נאָך איינעם און צוגיין צו אַ צווייטן און אים אומוואַרפן. איך פלעג זיך אַוועקלייגן מיט דער פּלייצע אַרויף און שייפער פלעגט זיין דער אומוואַרפער. ווען די זינגער האָבן דערזען שייפערן מיט מיר, פלעגן זיי זיך אַוועקרוקן, ווייל זיי האָבן שוין געוואוסט פון שייפערס שטיפעריי. און שייפער האָט מער הנאה געהאַט פון זייער אָפּרוקן זיך ווי פון איבערקערן. ער פלעגט זיך פאַנאַנדערלאַכן און אַ געשריי טאָן: „חברה האָבן מורא“. און אַזוי אַרומגייענדיק זוכן קרבנות דערזעען מיר, ווי עס קומט צו איינער אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אָנצוג מיט ווייסע שיך און פרעגט איינעם פון די זינגער: „ווער איז דאָ דער שייפער, דער דיריגענט פון סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין?“ דער זינגער ווייזט אָן אויף שייפערן. דער מאַן באַטראַכט שייפערן און זאָגט: „ווער — ער?“ און דרייט זיך אויס און גייט אַוועק. זאָגט שייפער צו מיר: „רויטער, איידער ער גייט אַוועק, לאָמיר מאַכן די קונץ“. ענטפער איך אים: „„איר זוכט זיך צרות?“ מיטאַמאָל גיט שייפער אַ געשריי: „חברה! נעמט זיך צוזאַמען און לאָמיר אַ זינג טאָן“. איך געדענק ניט וואָס מיר האָבן געזונגען.

ווען מיר האָבן פאַרענדיקט זינגען און דער איד האָט אונדז געהערט

פון דער ווײַטנס. זע איך, ווי ער גייט צו צו שייפערן און זאָגט אים: „מר. שייפער, עקסקיוז מי, דאָס געזאַנג איז געווען וואונדערבאַר. איך בין אַ חזן. טענק יו״, און גיט דערבײַ אַ קוק אויף שייפערן און גיט אַ הייב די פּלייצעס און גייט אַוועק.

אידישער פאָלקס-כאָר, קליוולאַנד, 1947, הענרי גאָלדבערג, דיריגענט

זינגענדיק מיט יעקב שייפערן

פון אייב סטיין / מאַנהעטן פילהאַרמאָנישער כאָר

געקומען אין 1923 פון פּאַלעסטינע קיין ניו־יאָרק. איינער אַליין אין דער גרויסער שטאָט, האָט מיך געצויגן צו מיין פּראָגרעסיווער סביבה, וועלכע איך האָב דאָן געפונען אין פּראָספּעקט־פּאַרק, הערנדיק ווי אַ גרופּע יונג־וואַרג האָט געזונגען אויף מאַמע־לשון. און אַזוי בין איך געקומען אין בראָנזווילער לעיבאָר לייסעאום צו אַ פּראָבע.

דער דיריגענט איז געווען יעקב שייפער. ער האָט מיך אויסגעהערט און איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון „פרייהייט געזאַנגס־פאַראיין". מיר האָבן דאָן געזונגען זיין „ציגיינער ליד".

מיר האָבן זיך געפילט מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם, מיט אַ פריינט און אַ חבר, איינפאַך, ניט פאַרריסן ווי אַנדערע קינסטלער. אין דעם איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט. דערפאַר איז ביי אונדז זינגער געבליבן אַן אומ־באַגרענעצטע ליבע צו אים.

פאָרנדיק אַהיים מיט שייפערן אין דער קאַנאַרסי סאָבווי, פלעגט ער ליב האָבן צו רעדן וועגן סטאָלעריי. אַזוי ווי איך בין דאָן געווען פון זעלבן פאַך, פלעגט שייפער זיין פאַראינטערעסירט וועגן דער אַרבעט. איינמאָל פרעגט ער מיך, צי שטעל איך אַריין ראַמען פאַר די פענצטער און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער דערציילט מיר שייפער אַ מעשה ווי אַזוי ער האָט געשריבן די מוזיק צו דער „ציגיינער ליד". ער איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט אַלס אַ סטאָליער אַריינשטעלנדיק ראַמען פאַר פענצטער, איז אים פלוצלונג איינגעפאַלן אַ געדאַנק וועגן דער מוזיק פאַר „ציגיינער ליד". האָט ער איבערגעלאָזט די אַרבעט אינמיטן טאָג און ער האָט שיעור ניט פאַרלוירן די שטעלע צוליב דעם.

מיר פלעגן פאָרן קיין פּעטערסאָן רעפּעטירן. אויף דער פּערי איבערן האָדסאָן פלעגט שייפער מיט אונדז רעפּעטירן. אויף דער באַן קיין פּעטער־סאָן האָט שייפער מיט אונדז געמאַכט רעפּעטיציעס. וואָס מער ער פלעגט אויף אונדז „וואַרפן די פּיאַנאָ", אַלץ מער פלעגן מיר אים ליב האָבן. פרוכט־באַרע, שיינע, פריילעכע יוגנט און זינגענדיקע יאָרן, וואָס מען וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן. פון „ציגיינער ליד" צו „געוויטער", פון „קיין איינציקער שפּאַן", צו „שטורעם פויגל" און נאָך און נאָך גרעסערע און קלענערע לידער.

שטאָלץ בין איך צו זיין אַ מיטגליד אין דער זינגער־משפּחה און אָפּ־צוהיטן די טייערע ירושה פון יעקב שייפער.

עס געדענקט זיך...

מאָמענטן מיט יעקב שייפערן

פון משה שעק / לאָס אַנדזשעלעס

איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע צו אַרבעטן נאָענט מיט יעקב שייפערן. און אַזוי פיל העלע מאָמענטן האָבן פון יענער צייט זיך אָפּגעשטעלט אין זכרון!

אויף וויפל דאָס באַשרענקטע אָרט וועט דערלויבן, ווילט זיך כאָטש אַ ביסל דערציילן פון יענער וואונדערלעכער עפּאָכע.

...אַט פאָרן מיר צו אַ קאָנצערט פונעם כאָר אין קליוולאַנד. די רייזע האָבן מיר געמאַכט אין דעם אויטאָמאָביל פון חבר לעאָן קאָהן (אַקון).

אויפן וועג צוריק האָט דער אויטאָמאָביל פּלוצים „פאַרסטרייקט" — און ניט פון אָרט! חבר קאָהן הויבט אויף דעם „הוד" פון דער מאַשין, און פּירט איבער אים מיט זיינע הענט. מאַכט שייפער: „אַ־האַ! איר טוט דאָך אַלעמאָל אַזוי, ווען די קאַר בלייבט שטיין. איר נעמט זי גלעטן, — און זי דאַרף, הייסט עס, ווידער פאָרן... זאָג איך אייך, אַז ס'וועט ניט העלפן, מ'וועט דאַרפן טאָן עפּעס מער".

דער לייכטער, וויציקער טאָן האָט אונדז אַלעמען דערקוויקט. סוף־כל־סוף איז אָנגעקומען אַ מעכאַניקער — און ס'האָט טאַקע געהאָלפן. און ווי נאָר די קאַר האָט זיך אַ ריר געטאָן רופט זיך אָפּ שייפער מיט גדולה: „האָב איך אייך דאָך טאַקע געזאָגט, אַז מיט בלויז גלעטן די קאַר וועט איר גאָר־ניט אויספירן!".

ס'איז שוין געווען אַ פריילעכע יאַזדע צוריק קיין ניו־יאָרק.

...און אָט — זומער אין די קעמפּס, פריער אין „ניטגעדאַיגעט" און דערנאָך אין „קינדערלאַנד", וואו איך האָב געאַרבעט אַלס סטאָליער און שייפער איז געווען דער מוזיק־דירעקטאָר. אין יענע יאָרן איז גע־בוירן געוואָרן די צוויבערדיקע אָפּערעטע „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע", און צו דער זעלבער צייט האָט שייפער קאָמפּאָנירט נאָך אַנדערע גרויסע מוזי־קאַלישע ווערק.

שייפער, ווי אַ סך ווייסן, איז אַמאָל אַליין געווען אַ סטאָליער, האָט ער ניט אַנדערש נאָר געוואָלט וויזן, אַז ער קען נאָך אַריינקלאַפּן טשוועקעס פונקט ווי איך. און איר האָט באַדאַרפט אַ קוק טאָן, ווי דאָס פּייערל אין זיינע אויסדרוקספולע אויגן האָט זיך צעפינקלט!

ער האָט טאַקע געקאָנט!

אַ לאַנגער שפּאַציר פלעגט שייפערן אָפּפרישן. אָפט פלעגן מיר נאָך אַ רעפּעטיציע זיך אַרויסלאָזן איבער בראָנקס פּאַרק, אינאיינעם מיט אַ לוס־

טיקער כאַפּטע זינגער, וואָס האָבן געוואוינט אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָ־לאָניע, אָדער נאָענט דערביי. שייפער פלעגט זיך דעמאָלט צעשטיפן ווי אַ זאַרגלאָז אינזל. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרגנבענען זיך וואוילעריש הינטער יענעמס פלייצעס, דערלאַנגען דעם אַ שטופּ, יענעם אַ גוט־ברודערשן קלאַפּ אין פלייצע — אָבער טאַקע אַזוי, אַז מ׳האָט עס געקאָנט דערפילן — און שטעלן פּיס. דער „קרבן" האָט געדאַרפט טרעפן ווער דאָס האָט אים אַזוי מכבד געווען.

ס׳איז געווען אַ מהיה צו געפינען זיך מיט שייפערן אין איין קאָמפּאַניע.

יעקב שייפער איז געווען אַ קולטור־מענטש אין פולן זין פונעם וואָרט, און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַלץ וואָס איז שיין און עסטעטיש. ער איז געווען ענג צונויפגעבונדן מיט זיינע זינגער, און ס׳איז אים דערפאַר ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז ווען מען קומט זיך צונויף צו אַ רעפּעטיציע, זאָל דער זאַל זיין פריש־אויסגעלופטערט און ציכטיק. און אַזוי איז טאַקע געווען.

אַ סך פון די ניו־יאָרקער זינגער מוזן נאָך געדענקען דעם זאַל, וואָס מיר האָבן געבויט אויף בראָדוועי, אַרום טאַימס סקווער, אָדער דעם ליידיקן גרויסן פּלאַץ, וואו די בראָנקסער סעקציע האָט געהאַט אירע פּראָבעס, און וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעמפּל פון מוזיק. אַזוי אויך דער זאַל פון דער קאָאָפּעראַטיווער־קאָלאָניע, וואו די דאָרטיקע כאָר־סעקציע האָט געהאַט אירע רעפּעטיציעס, און וואו שייפער האָט אָנגעפירט מיט דעם דיריגענטן־קלאַס פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד.

און אַז מ׳רעדט וועגן יענע פּראָיעקטן קומט אומפאַרמיידלעך פאַר די אויגן דאָס געשטאַלט פון דעם ליבן חבר יצחק ספּאָקאָיני, וועלכער איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט. ספּאָקאָיניס אַרבעט איז געווען צו באַמאָלן און באַצירן די זאַלן, און ער האָט עס געטאָן מיט אַ טיפן קינסטלערישן געשמאַק. שייפער פלעגט אָנקוועלן. פאַר אים איז עס געווען נאָך אַ באַווייז וויפל שע־פערישע כוחות עס ליגן אין דעם פאָלק.

עס דערמאָנט זיך, ווי אַזוי מיר האָבן, אויף אַ פּיקניק פונעם ניו־יאָרקער כאָר אין אַ גרויסן פּאַרק סצעניִרט אברהם רייזענס ליד „קירכן־גלאָקן", מיט שייפערס מוזיק. שייפער איז באַשטאַנען, אַז מען מוז אומבאַדינגט האָבן גלאָקן, צו געבן דעם געהעריקן עפעקט. איך האָב געוואוסט, אַז אין דער „מאָרגן־פרייהייט"־געבידע אויף דער 12טער גאַס געפינען זיך גרויסע, שטאָ־לענע רערן, וואָס קומען פון די ראָלן דרוק־פּאַפּיר. זיינען מיר, שייפער און איך, אַוועק אַהין, אָפּגעקליבן אַ צאָל רערן, צוגעשניטן זיי אין פאַרשיידענע מאָסן, און אין טאָג פונעם פּיקניק האָבן מיר זיי געבראַכט אויפן אָרט.

מיר האָבן זיי צעהאַנגען אויףביימער אין פאַרשיידענע טיילן פון פּאַרק, און דורך אַ צייכן פון שייפערן האָבן די גלאָקן זיך גענומען צעקלינגען. די טענאָר־סאָלאָ פון „קירכן־גלאָקן" האָט דעמאָלט געזונגען אונדזער באַ־קאַנטער כאָר־טוער אילאַי שוואַרצבערג. און ווען שייפער האָט געגעבן

דעם סיגנאַל, און ס'האָט זיך פּלוצים צעטראָגן אַ געקלאַנג פון גלעקער. איז דער עולם פּשוט פאַרכאַפּט געוואָרן. שייפער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד.

שייפער איז געווען ווי אַ טאַטע צו אינגערע מוזיקער, און האָט ער אַנטדעקט אַזאַ איינעם, איז ער געווען איבערגליקלעך. ער האָט געאַרבעט האַרמאָניש מיט לאַזאַר ווײַנערן און שפּעטער מיט אונדזערע אייגענע יונגע מוזיקער און דיריגענטן, וואָס זײַנען געווען זײַנע תלמידים.

ס'האָט זיך געמאַכט אַז שייפער האָט מער ניט געקאָנט אָנפירן מיט די כאָרן אין פּעטערסאָן און פּאַסעיִק, און מ'האָט געזוכט אַן אַנדער דיריגענט. דער באַקאַנטער טוער פון פּאַסעיִקער כאָר, חבר סמעלקינסאָן, האָט פאָר־געשלאָגן אַ נאָמען: מאַקס העלפּמאַן. ער איז אונדז ביז דעמאָלט ניט גע־ווען באַקאַנט.

איינמאָל, אין אַ פרייטיק אָוונט, רופט מיך שייפער צו אויף גיך. ער איז פול מיט באַגייסטערונג. „שעק", זאָגט ער אַ צעפלאַמטער, „מיר האָבן גע־פונען אַ מוזיקאַלישן אוצר". העלפּמאַן איז אַ מוזיקער פון העכסטן גראַד. מיר דאַרפן אים גלייך אָנשטעלן!".

דאָס איבעריקע דאַרף מען דאָך שוין ניט דערציילן. מיר ווייסן ווי אַזוי העלפּמאַן האָט איבערגענומען דעם כאָר אין ניו־יאָרק, נאָך דעם ווי שייפערס לעבן האָט זיך אַזוי פּריצייטיק איבערגעהאַקט. העלפּמאַן האָט דורכגעפירט די שליחות מיט זײַן ברייטן מוזיקאַלישן וויסן, מיט ענערגיע און אחריות. ביז הײַנט צו טאָג דערמאָנט העלפּמאַן שייפערן מיט גרויס דרך־ארץ ווי אַ מוזיקער וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע עלעמענטן מיט וועלכע גאָר גרויסע קינסטלער זײַנען באַשאָנקען.

אין אָנדענק פון מײַן מאַן

בען מאָטיק

סאָליסט אין אַ „בונט מיט אַ סטאַטשקע" און אַנדערע אויפטריטן.

לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון פילהאַרמאָנישן כאָר אין ניו־יאָרק.

טײַערער יצחק,

דעם 7טן מאַי איז דרײַ יאָר, אַז דו האָסט אונדז אַזוי פרי פאַרלאָזן. מײַן האַרץ קאָן קיין טרייסט ניט געפינען.

שווער איז צו לעבן אָן דיר, ליבער

דײַן מיכלע (ספּאָקאַני)

מאַשאַ און פאַמיליע

מיין שכן יעקב שייפער

פון ר. סעמועלסאָן

דאָס איז געווען אַן ערך אַ יאָר פאַר מיין אָפּפאָרן מיט מיין פאַמיליע קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין 1930.

מיין וואוינונג איז דאַן געווען אין דער „קופּ" (קאָאָפּעראַטיווע הייזער) אויפן „גראַונד פלאָר", איבער דער שולע, אין דעם זעלביקן „סעקטאָר" מיט אונדזער יאַנקלען.

את חטאי אני מזכיר — איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך פלעג אָט דעם פאַקט גאַנץ אָפט דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט מיט אַ ביסל גאווה, ווי דאָס וואָלט געווען מיינער אַ פּערזענלעכער פאַרדינטער זכות.

אין אַלגעמיין האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי מיר פון קינדוויייז אָן אַ ספּעציעלער קוק אויף שרייבער, קינסטלער און גאַנץ באַזונדערס אויף קאָמפּאָזיטאָרן, אויף וועמען איך פלעג קוקן ווי אויף „איבערמענטשן" פון אַ ספּעציעלן מין — און דאָ האָב איך די זכיה צו האָבן אונדזערן אַן אייגענעם חבר אַ קאָמפּאָזיטאָר פאַר אַ „נעקסט-דאָריקן" שכן.

איינמאָל, נאָך אַ רעפּעטיציע אין יאַנקלס „פרייהייט געזאַנג כאָר", וואו איך האָב דאַן געזונגען און מיין פרוי איז געזעסן לעבן פענצטער און געקליבן נחת, איז זי צוגעלאָפן צו מיר אינגאַנצן אַ צערודערטע און מיט באַגייסטערונג פאָרגעשלאָגן איינצולאַדן יאַנקלען מיט לאהן און יעדן פון כאָר, וואָס וועט זיין ווילִיק, אויף אַ גלעזל טיי מיט כיבוד לכבוד אונדזער אָפּפאָרן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. די שייפערס מיט אַ צאָל זינגערס האָבן זיך צופיל ניט געלאָזט בעטן און זיך צעזעצט אין אונדזער רחבותדיקן „ליווינג רום" וואו מיין פרוי האָט שוין געהאַט פון פריער צוגעגרייט אַ טיש מכל טוב.

די אַטמאָספערע איז געווען אַ יום-טובדיקע און דער עולם האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט אידישע פאָלקס-לידער, כאָטש ס'איז שוין געווען היפּשלעך שפּעטלעך אין אָוונט.

איך געדענק נאָך ווי איצט, ווי איך האָב ניט געקאָנט מיינע אויגן אַראָפּנעמען פון יאַנקלען, און אין מוח האָט אַלץ געעקבערט איין געדאַנק: וואו איז דער סוד פון דעם כוח וואָס שאַפט דעם וואונדער פון אַ מעלאָדיע, דעם וואונדער פון צוזאַמענשטעלן קלאַנגען, וואָס שפּיגלען אָפּ אַ וועלט מיט געדאַנקען און געפילן.

איך האָב זיך צוגעזעצט גאַנץ נאָענט צו יאַנקלען און געקוקט אויף אים, ווי ס'ווייזט אויס, מיט גאַנץ זשעדנע און דורכדרינגלעכע אויגן.

יאַנקל האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט: „איר ווילט מיך עפּעס פרעגן, חבר?" „יע געוויס, חבר שייפער" — האָב איך געענטפערט.

„איך וויל דערגיין דעם סוד פון דער נאַטור, וואָס גיט דעם אויסגעקליבענעם באַגאַבטן מענטשן, די פייאיקייט צו באַשאַפן און קאָמבינירן קלאַנגען, וואָס שפּיגלען אָפּ פּערזענלעכע געפילן אַזוי גוט ווי וועלט־פּאַסירונגען אין זייער ווירקונג אויף אונדזער געמיט".

„זייער אַ גרויסע אויפגאַבע גיט איר מיר, חבר" — האָט יאַנקל זיך אָפּגערופן נאָך אַ קורצע שווייגן, — „איך קאָן ניט רעדן פאַר אַלע קאָמפּאָזיטאָרן נאָר וואָס שייך מיר, אויף וויפל איך פאַרשטיי זיך אַליין, שטאַמט מיין באַגייסטערונג צו שאַפן מיינע קאָמפּאָזיציעס פון דריי לאַמעדן: די איניציאַלן פון ליבע, ליבע און ליבע. ליבע צום אַרבעטער־קלאַס, פון וועמען איך שטאַם און צו וועמען איך באַלאַנג מיט מיין גאַנצן לייב און לעבן; ליבע צום סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס וועט אָפּווישן דעם גאַנצן אָנגעקליבענעם שימל פון לעבן פון אַזויפיל דורות, און" — יאַנקל האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטראַכט.

„— נו, און דער דריטער לאַמעד?" — האָב איך איבערגעשלאָגן יאַנקלס געדאַנקען.

יאַנקל האָט אַלץ געשוויגן. אַ בלאַסע, קוים זעבאַרע רויטקייט האָט פּלוצלונג באַדעקט זיין טונקל געזיכט, אויף וועלכן ס'האָט איצט גערוט אַ מין קינדערשע באַהנטע שעמעוודיקייט. נאָך אַ ווייל שווייגן, האָט ער פּלוצלונג זיך אָנגערופן:

„דאָס איז שוין אַ צו פּערזענלעכע זאַך". לאָה האָט זיך אין דער מינוט אומגעקערט מיט איר געזיכט צו יאַנקלען. — זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

אין אָנדענק פון

קלאַראַ סעמועלסאָן

שוין אַכצן יאָר ווי דו, אונדזער אומפאַרגעסלעכע קיילקאַלע (קלאַראַ) ביסט אַזוי פּריצייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדז.

די וואונד איז נאָך אַלץ אַזוי פריש און ברענענדיק.

צום ליכטיקן אָנדענק פון דיין מענטשן־ליבנדיקער, קינדערשער, זיל־בערנער נשמה.

דיין מאַן סאול, קינדער און אייניקלעך

יעקב שייפער אין פּאַריז

פון סאָניאַ גיטמאַן / בראָנקס כאָר

ווען איך בין לעצטן דעצעמבער 1 געזעסןביים שייפער אָנדענק־אָונט אין „איקוף״־לאָקאַל און מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רעדנער, האָב איך זיך אין געדאַנק אַוועקגעטראָגן אין קאַלטן פאַררויכערטן לאָקאַל אין פּאַריז, אין יאָר 1932, צו אַ רעפּעטיציע פון כאָר, וואָס האָט פאַרמאָגט 70 זינגער. דער דיריגענט איז געווען דער באַליבטער אַריע קויפמאַן, וואָס האָט מיט זיין חברשער באַציאונג דערמאָנט אין יעקב שייפערן.

אין זיין רעפּערטואַר האָט ער געהאַט אַריינגענומען שייפערס „הויב זיך האַמער״. פאַר אונדז כאָריסטן איז דאָס געווען זייער שווער צו פאַרוואַנדלען דעם בלאָזאַק אין אַ וויכער, ווי קויפמאַן האָט געוואָלט. דער כאָר איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, אימיגראַנטן, אַ סך האָבן ניט געהאַט קיין וואוינרעכט, דאָך האָט דאָס קיינעם ניט געשטערט צו קומען פּינקטלעך צו די פּראָבן און צוגרייטן זיך צו די קאָנצערטן.

אין יענעם יאָר האָט שייפער זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, צוריקפאָרנדיק פון סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז געקומען צום כאָר און מיר האָבן געהאַט די זכיה צו זינגען מיט אים „הויב אויף דיינע אויגן״. מיר זיינען אַלע געווען אַזוי באַגייסטערט פון זיין אויסטייטשן דאָס ליד, אַז מיר וועלן דאָס געדענקען אויף שטענדיק. פון דאַן אָן האָבן מיר ביי אַלע קאָנצערטן געזונגען דאָס ליד און אינזינען געהאַט שייפערן.

ווען מיר האָבן באַקומען די טרויעריקע נייעס וועגן שייפערס טויט, האָבן מיר זיך געפילט פאַריתומט. מיר האָבן אויסגעדריקט אונדזער ווייטיק זינגענדיק ראַנטשעס „אונדזער פירער״.

אַזוי האָב איך געדענקט שייפערן פּערזענלעך, מיט זיין ענערגישן און גוטמוטיקן אויסדרוק צו מענטשן.

איך וויל דאָ צוגעבן, אַז אין דער אויסגאַבע „20 יאָר אידישער פאָלקס־כאָר אין פּאַריז״ האָט אונדזער דיריגענט קויפמאַן אָן איינדרוקספולן אַרטיקל איבער דעם לעבן און שאַפן פון יעקב שייפער.

דער בעסטער אָנדענק צו שייפערן איז ווייטער צו זינגען אין כאָר און דאָס טו איך טאַקע.

אין ליכטיקן אָנדענק פון

משה יאַראָוו

בויער און זינגער פון פילהאַרמאָנישן כאָר אין ניו־יאָרק.

זיין פאַמיליע

דערינערונגען וועגן יעקב שייפער

פון דזשין צעפקין—גאָלדסמיט

אַט אַזוי איז אַוועק אַ פערטל יאָרהונדערט זינט עס איז פון אונדז אַרויס־געריסן געוואָרן אַזוי פּריציייטיק מיין טייערער לערער יעקב שייפער, וואָס האָט באַגייסטערט מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

ער איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, איבערגעגעבן צו איר מיט לייב און לעבן. ער האָט ניט געשאַנעוועט זיין געזונט, אַזוי ווי ער וואָלט געפילט, אַז די צייט איז צו קורץ.

יעקב שייפער האָט געוועקט, באַגייסטערט, אָבער אויך געמאָנט אין אונדזערע זינגער אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט שאַרף, קלאָר מיט נויטיקער טאָן־קוואַליטעט און נשמהדיקער סענסיטיוויקייט.

ער האָט שטענדיק אילוסטרירט און פיל מאָל איבערגעזונגען די באַזונ־דערע פראַזן פון אַ קאָמפּאָזיציע. געפיילט און געפוצט אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג און אַט די אַרבעט איז אים קיינמאָל ניט דערעסן געוואָרן.

ער איז געווען פון דער נאַטור אַ באַשיידענער מענטש. אים זיינען געווען פרעמד פאַריסנקייט, פּוסטע גאווה. ער האָט אויך געקאָנט אַ שטיק טאָן ווי אַ אינגל. זיך וואַרפן מיט שניי־קוילן, אַריינשליידערן אין אַ קופּע שניי און דערנאָך גוטמוטיק אַרויסשלעפּן.

יעקב שייפער האָט זייער שטאַרק געשאַצט גוטע זינגער, אָבער זיי ניט געבאַלעוועט. אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז איך בין געוואָרן הייזעריק און ניט געקאָנט זינגען. איך בין אָבער געקומען צו אַלע פּראָבן, כדי לערנען דורך איינהערן זיך. ביי איינער אַזאַ פּראָבע האָט ער באַמערקט, אַז איך זיץ און שווייג. שטעלט ער אָפּ דעם כאָר און צעשרייט זיך: „פאַרוואָס זינגסטו ניט״?

איך ווייז אים אָן מיט דער האַנט אויף מיין האַלדז, אָבער ער וויל פון גאָרניט וויסן.

„זינג, דער טייוול וועט דיך ניט נעמען״. איך האָב געפאָלגט, עס איז אַרויסגעקומען ניט שלעכט. ער האָט זיך צעשמייכלט.

איך האָב געהאַט דעם גרויסן פאַרגעניגן און פּריווילעגיע צו זינגען מיט אים אַ סך יאָרן און ניט נאָר איך אַליין, נאָר מיר אַלע זינגער וועלן אייביק געדענקען שייפערס גרויסקייט און מיט ליבע פאָרזעצן די אַרבעט וואָס ער האָט ניט פאַרענדיקט.

דער געפיל וואָס איז אין מיין האַרצן פאַרפלאַנצט געוואָרן צו שייפערן און זיין אַרבעט וועט ביי מיר קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן און וועט באַלייכטן מיין לעבנס־וועג.

מיר פיר האָבן געזונגען מיט יעקב שייפּערן

פון שוירלי ראָזענפעלד

איך, מיינע צוויי שוועסטער און מיין ברודער האָבן זיך געלערנט אין דער אידישער קינדער־שול פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, וואו מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער איז יאָרן־לאַנג געווען פּראָטאָקאָל־סעקרעטאָר פון דער פאַרוואַלטונג און מיין מוטער איז געווען אַקטיוו אין דעם עלטערן פאַראיין.

יעדער שבת אינדערפרי איז ביי אונדז געווען אַ יום־טוב, דערפאַר וואָס מיר האָבן געזונגען ביי יעקב שייפּערן, וואָס איז געווען דער דירי־גענט פון אונדזער שול־כאָר. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַרויסגייענדיק פון זאַל וועלן מיר האָבן איינגעזונגען אַ ניי אידיש ליד. צו זינגען מיט שיי־פּערן האָט אויך געמיינט צו האָבן אַ סך שפּאַס. שייפּער האָט ליב געהאַט צו שטיפן מיט אונדז נאָך דער פּראָבע. איבערהויפּט האָט ער הנאה געהאַט פון קינדער וואָס האָבן געהאַט גוטע שטימעס. מיר דריי מיידלעך האָבן זיך אויסגעצייכנט, נאָר מיין ברודערס שטימע האָט זיך געביטן. שייפּער האָט געלאָזט מיין שוועסטער רוט ניט איינמאָל דיריגירן דעם כאָר און איר פאָר־געשלאָגן צו ווערן אַ דיריגענטקע. מיין שוועסטער מרים, — דאָס זעלבע, זי איז טאַקע געוואָרן אַ מוזיקער. אים איז געפעלן געוואָרן מיין סאָפּראַנאָ־שטימע און ער האָט מיך שטענדיק צוגערעדט, אַז איך זאָל שטודירן מוזיק.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי מיר האָבן געזונגען די „צוויי ברידער" און ווי שייפּער האָט אויסגעטייטשט די מוזיק צו דער פּאָעמע. ווי שטאָלץ זיינען מיר געווען ווען מיר האָבן אויסגענומען אויף די קאָנ־צערטן. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען שייפּערס איינפלאַנצן אין אונדז די ליבע צום געזאַנג, זיין געדולדיק לערנען מיט אונדז און פאַרשטיין אונדז.

עס איז געווען דער וואונדערלעכער גייסט וואָס האָט אונדז באַוועלטיקט ווען שייפּער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און באַלד האָבן מיר געזונגען צוזאַמען אַזעלכע שיינע לידער און פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט און ווי שטאָלץ זיינען מיר געווען ווען שייפּערס פּנים האָט אויפגעלויכטן און מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז צופרידן מיט אונדז און אַז נאָך דער פּראָבע וועט ער זיך פילן ווי איינער פון אונדז, שטיפן, שפּאַסן און געזעגענען זיך מיט אונדז פריילעך.

שייפּערס גייסט לעבט אין אונדז. דער יונגער דור וועט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אין אָנדענק פון דזשעק זילבערט

פון לאה זילבערט

דעם ערשטן יולי 1953 איז אַוועק פון דער וועלט דער מוזיקער, דירי־גענט און דערציער דזשעק זילבערט. זיין טויט האָט אַרויסגערופן טרויער ביי ווייסע און נעגערשע קינדער אין ברוקלין און אין בראָנקס, אומעטום וואו דזשעק האָט זיך באַליבט געמאַכט מיט זיין פאַרשפרייטן מוזיק צו דערמוטיקן און צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן.

אויפן אויסזען האָט מען ניט געקאָנט דערקענען, אַז ער איז אַ סענסיטי־ווער מוזיקער, ער איז געווען פול־געפּאַקט מיט אַ רונדיקן אָפן פנים, וואָס האָט גאַנץ אָפט האַרציק געלאַכט.

דזשעק זילבערט האָט פאַרשטאַנען, אַז מוזיק דאַרף איבערגעגעבן ווערן פון האַרץ צו האַרץ. ער האָט ליב געהאַט צו לערנען מיט קינדער אין איינפלאַנצן אין זיי די ליבשאַפט ניט בלויז פאַר מוזיק, נאָר אויך פאַר פריינטשאַפט. דערפאַר איז ער שטענדיק געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט זיינע געוועזענע שילער, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן מוזיקער.

דזשעק איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס, רוסלאַנד, אין 1890. ער האָט שטודירט אין דער סט. פּעטערבורגער מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע. אין 1923 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דער וולאַדיוואָסטאָקער פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע.

אין 1925 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אָנגעזעענע אָרקעסטערס און אויפגעטראָטן מיט דער „וויקטאָר הויר־בערט" גרופּע אַלס סאָליסט.

צום נאָענטסטן איז אים געווען צו דינען דער אַרבעטער־זאַך. ער האָט אַריינגעבראַכט מוזיק אין דער אינטערנעשאָנאַל לעדידיס גאַרמענט וואָרי־קערס יוניאָן, אין דער פאַריערס־יוניאָן, אין דער פּעינטערס־יוניאָן. אויסער דעם האָט ער אינזינען געהאַט די קינדער פון אָרעמשאַפט און געהאָלפן וואו ער האָט נאָר געקאָנט אַנטוויקלען די מוזיקאַלישע פעאיקייטן פון נעגער קינדער און אונטערפּריווילעגירטע. ער האָט איבערהויפּט געהאָלפן אַנטוויק־לען מוזיק־שולן אין די אָרעמע געגנטן. די מעטראָפּאָליטאַן מוזיק סקול איז געווען איינע פון זיינע הויפּט־ליבלינגען.

די טראַגעדיע וואָס האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דזשעקן איז געווען דער טויט פון זיין יונגן זון עלעקס, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ביזן היינטיקן טאָג געפינען זיך הונדערטער און הונדערטער געוועזענע

שילער וואָס גייען אויף די וועגן פון דזשעק זילבערט, געדענקען אים מיט ליבשאַפט. זיין גייסט לעבט אין די הערצער פון אַלע זיינע פריינט. מיר וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דזשעק זילבערט דיריגירט מיט אַן אָרקעסטער

אין ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער זון אַלעקס זילבערט.

מאָנטיק, דעצעמבער 7, 1941, האָסטו פאַרלאָזן דיין וואַרעם בעט, דיינע עלטערן, דיין קאַלעדזש, דיינע פריינט, דיין אַטמאָספערע. דו האָסט זיך אָנגעשלאָסן פון די ערשטע און בעטנדיק ביי אונדז דערלויבעניש, קלינגט נאָך אין מיין האַרץ און אין מיינע אויערן דיינע ווערטער: „דערפאַר וואָס איך בין אַן אַמעריקאַנער און אַ ציוויליזירטער מענטש, מוז איך קעמפן קעגן נאַציזם, אָפּגעזען פון מיין יונגן עלטער און וואוהין איך וועל געשיקט ווערן".

איך געדענק נאָך דעם סקריפּ פון דער טיר, ווען דו האָסט פאַרלאָזט דאָס הויז. אַ יאָר און אַ חודש זיינען אַוועק און אַ טעלעגראַמע איז אָנגעקומען: „אַלעקסאַנדער זילבערט, מיסיע דורכגעפירט, פעלט אין שלאַכט". בלויז זיבן ווערטער און דו ביסט מער ניט געווען, כאָטש מיר האָבן געהאָפט אויף אַ נס, אַז דער טאָג וועט קומען און דו וועסט זיך באַווייזן.

מאָנאַטן זיינען אַריבער, יאָרן זיינען פאַרביי, בלויז טרערן זיינען געבליבן און מיר געדענקען דעם גרעסטן קרבן וואָס דו האָסט באַצאָלט.

מיר טראָגן אין האַרצן דעם אָנזאָג, אַז אַלע די אַלעקסאַנדערס זאָלן ניט האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אומזיסט. נאַציזם מוז אויסגעראָטן ווערן פון דער וועלט. מיר וועלן אַלעקסאַנדערן קיינמאָל ניט פאַרגעסן.



Alex Zilbert

צום 6טן יאָרצייט נאָך משה כאסיד, ע"ה

פון יודל טאוב / פילאַדעלפיע

איינער פון די איבערגעגעבנסטע זינגער און פאַרערער פון יעקב שייפער, איז געווען דער פריציייטיק פאַרשטאָרבענער משה כאסיד פון פילאַדעלפיער פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, שפעטער — דער „אידישער פאָלקס־כאָר".

משה כאסיד איז געבוירן געוואָרן אין 1890, אין סניטיוקע, פּאָדאָליער גובערניע. יונגערהייט וואַנדערט ער אויס קיין אַרגענטינע, וואו ער ווערט אַ קאָלאָניסט. אין 1913 פאַרלאָזט ער אַרגענטינע און קומט קיין אַמעריקע. ער באַזעצט זיך אין פילאַדעלפיע, און ווערט אַן אַרבעטער ביי מאַנטלען. משה כאסיד ווערט אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און קולטור־בויער אין אַר־בעטער־רינג. ער שרייבט אַרטיקלען און דערציילונגען אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט". שפעטער ווערט ער דער שטענדיקער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער „פרייהייט" אין פילאַדעלפיע.

אין יאָר 1931 זעען מיר שוין משה כאסיד אַלס אַ מיטגליד אין פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, שפעטער — „אידישער פאָלקס־כאָר", וואו אין פאַרלויף פון אומגעפער 25 יאָר איז ער געווען דער זינגער, דער סעקרעטאַר, דער אָרגאַניזאַטאָר, דער אויסטייטשער פון לידער, דער שרייבער און פאַר־זאָרגער פון די יערלעכע כאָר־זשורנאַלן, דער וואָרט־זאָגער און דער בויער פון דער אָרגאַניזאַציע.

ווי שוין דערמאָנט, איז משה כאסיד געווען אַ פאַרערער פון יעקב שיי־פער און זיינע שאַפונגען. איינער פון די גליקלעכסטע מאָמענטן איז ביי אים געווען, ווען אין יאָר 1936 איז אין פילאַדעלפיע פאָרגעקומען די קאָנ־ווענשאָן פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד, וואו עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטן פון אַלע אָנגעשלאָסענע כאָרן און אָרקעסטערס איבערן לאַנד, און וואו די כאָרן פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע (צוזאַמען 300 זינגער) האָבן אויפגעפירט אין גרויסן מעטראָפּאָליטן אָפּערע הויז די אָראַטאָריע „קיין איינ־ציקן שפאַן", מיט דעם דעמאָלטיקן דיריגענט פון פילאַדעלפיער פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, נ. סאמאראָף, און די אָפּערעטע „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע", דיריגירט פון יעקב שייפער. משה כאסיד (אַלס פאַרוואַלטער) האָט דעמאָלט געאַרבעט איבער די כוחות, קאָן מען זאָגן, פאַר דעם דערפאָלג פון די גרויסע צוויי אונטערנעמונגען, די קאָנווענשאָן און דעם קאָנצערט אוןביידע זיינען טאַקע געקרוינט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג.

גרויס איז געווען דער צער ווען מיט בלויז עטלעכע חדשים שפעטער, אין חודש דעצעמבער, איז געקומען די פינצטערע בשורה וועגן דעם

פלוצעמדיקן טויט פון יעקב שייפער, און משה כאסיד מיטן גאַנצן כאָר, זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק צו דער לוויה.

אויסער אין פרייהייט געזאַנג פאַראיין איז משה כאסיד געווען טעטיק אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי ברײַנע, איז אויך גע־ווען אַקטיוו אין די אידישע קינדער־שולן פון אידישן אַרבעטער־אָרדן, וואו זייער איינציקער זון איז דאָרטן געווען אַ תלמיד, און פאַר אַ צייט לאַנג איז משה געווען זייער סעקרעטאַר. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין איקוף שטאָט־קאָמיטעט, און איינער פון די גרינדער פון דעם ב. עפּעל־בוים לייען־קרייז. זייענדיק דאָרטן דער שטענדיקער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר האָט ער פיל בייגעטראָגן מיט זיין וואָגיק וואָרט, און מיט זיינע באַלערנדע פאָרטראָגן.

אין חודש יוני, 1955 האָט משה כאסיד דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע, וועלכע האָט אים מער ניט געקאָנט צוריקברענגען צום געזונט, ביז דער גרויזאַמער טויט האָט אים דעם 8טן נאָוועמבער, פון זעלבן יאָר, אַרויסגעריסן פון די לעבעדיקע רייען. פון די רייען — וואו זיין וואָגיק וואָרט און שריפט וועט אַלעמאָל אויספעלן.

כבוד זיין אָנדענק!

צום אייביקן אָנדענק פון מיין ליבער מוטער

שרה לעסנאָוו

מרים (פילאַדעלפיע)

אין ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער

יונג־פאַרשטאָרבענעם

וויקטאָר איצקאָוויטש

צום ערשטן יאָרצייט פון דיין פאַרלאָזן אונדז, ווילן מיר זאָגן, כאָטש פיזיש ביסטו פון אונדז אַוועק, אָבער דיין גייסט און דיין אידעאַל וועט בלייבן מיט אונדז כל־זמן מיר וועלן לעבן.

פאָטער ב. איצקאָוויטש, דיין פרוי קעי מיט די קינדער
דיין שוועסטער העניע, ציפּע מיט איר פאַמיליע און
דיין ברודער מיט זיין פאַמיליע.

אידישער פאָלקס-כאָר פון פילאַדעלפיע, מענדי שיין, דיריגענט, 1951

מלכה און מארסי שיין
י. און ד. קוירשבאום
ד. און ב. ליפּאָוו
מ. און ד. גאָדיק

א. און פּ. ביקסטיין
שלום־עליכם קלוב
פוירל ליפשיץ
א. און אי. קוירשבאַום

ר. שוכמאַן
פּ. און ט. פייפער
נאָרט איסט קלוב

מענדי שיין



מענדי שיין איז געווען דער זון פון אַ חזן אין שיקאַגע. צו 14 יאָר האָט ער שוין אָנגעפירט מיט כאָראַלע גרופּן. צו יענער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט יעקב שייפער, וואָס איז געווען דער דיריגענט פון ערשטן אידישן אַרבעטער־כאָר. פון דאַן אָן האָט מענדי געווידמעט זיין טאַלאַנט און פּאַקטיש זיין גאַנץ לעבן צו דער אידישער כאָר־באַוועגונג.

מענדי שיין איז געווען דער געטרייסטער נאָכפאָלגער פון יעקב שייפערס מוזיקי און ער האָט אָנגעפירט מיט כאָרן אין שיקאַגע, דעטראָיט, וואַשינגטאָן, פילאַדעלפיע, פּעטערסאָן, נואַרק, ניו־יאָרק. איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס מוזיק־דירעקטאָר אין די קעמפּס „ניט געדייגעט" און „לעיק־לאַנד־קינדערלאַנד". ער איז געווען דיריגענט פון די קינדערשולן.

מענדי שיין איז געשטאָרבן פּריצייטיק, יוני 7, 1953, ביים דיריגירן דעם קאָנצערט פון אידישן פאָלקס־כאָר אין נואַרק.

משה חסיד

בריינע כאָסיד
א. און פּ. ווינאָקור
ראָוז
פּרענסיס
פרידא
ס. ראָזענטאַל
ס. און ה. דאַווידסאָן
מר. און מרס. אַלטמאַן
ד. און י. ביבערמאַן
י. און ל. בראונסטיין
ע. ערליך
י. און פּ. עלסאָן
י. און א. גאָלדבערג
י. הערצבערג
י. און ע. לעווענטאַל
ד. און ס. מילגראָם
פּ. און י. ראַבינאָוויטש
ס. זאַלצמאַן
י. בראָדקין
ל. און ב. פרענקל

מ. און מ. רובין
ה. און ב. רובינסטיין
מ. שענקראָף
א. און ר. שולמאַן
ס. ספּיוואַק
נ. און ל. סטריקער
ס. און ס. יוטין
א. בערענסאָן
א. און ע. קראַוויץ
ל. גליק
מ. גלוזמאַן
ל. און א. גרינבלאַט
ס. און ר. דזשערינקעס
ז. קליינער
ב. און ס. סקלאַר
מאַקס טאַבאַטשניק
מאָריס טאַבאַטשניק

י. קורץ
ל. קושנער
ב. לאָוו

נ. געלער
מ. און ס. רובין
ר. שיפּאָטאָוו

יאָרצייט נאָך יעקב שייפער דורכגע־פירט אויף אַ ווירדיקן אופן אין פילאַדעלפיע

פון משה כאַסיד

זונטיק אָוונט, דעם 15טן דעצעמבער, האָבן די פילאַדעלפיער פּראָ־גרעסיווע אידישע מאַסן דורכגעפירט אויף אַ ווירדיקן אופן דעם צענטן יאָרצייט נאָך דעם פאַרדינסטפולן מוזיקער, בויער פון די צאָלרייכע כאָרן און טרעגער פון אַ אידישער קולטור, יעקב שייפער.

יעקב שייפער האָט זיך באַליבט געמאַכט ביים פילאַדעלפיער עולם אויך צוליב דעם פערזענלעכן קאָנטאַקט, וואָס ער האָט מיט זיי אָנגעהאַלטן דורך זיינע אָפטע באַזוכן, וואָס ער פלעגט דאָ אָפּשטאַטן צו יעדן וויכטיקן אַרויסטריט פונעם כאָר, און פלעגט זיך שייפער באַווייזן, איז געוואָרן יום־טוב אין שטאָט. די זינגער פלעגן מיט גרויס יראת הכבוד זיך צוהערן צו זיין קריטיק און קוים האָבן זיי דערפילט, אַז ער געפינט זיך אין זאַל, איז מען געוואָרן ערנסטער, דיסציפּלינירטער און אויפמערקזאַמער. אַיין קלייניקייט, מען זינגט דאָך עפּעס פאַר שייפערן!

איין מאָמענט וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון, איז כדאַי צו דערמאָנען. דאָס איז געווען אין פרילינג פון 1936. דער פילאַדעלפיער פריהייט געזאַנג־פאַראיין, דיריגירט פון נ. סאַמאַראָוו, האָט געוואונען דעם פאַרמעסט מיט די אַנדערע כאָרן איבערן לאַנד, און די פינפטע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פי־לאַדעלפיע. די שטאָט האָט ווי אויפגעלעבט. גרויסע פּלאַקאַטן האָבן אָנ־געזאָגט וועגן דער היסטאָרישער געשעעניש. די גרויסע מעטראָפּאָליטאַן אָפּע־רע־הויז איז גענומען געוואָרן פאַר דעם קאָנצערט. דער פילאַדעלפיער כאָר האָט געפיבערט מיט ענערגיע. יעקב שייפער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם גאַנצן ניו־יאָרקער פריהייט געזאַנג־פאַראיין, אַ פאַר הונדערט זינגער. ווי אויך דעם מאַנדאָלין אָרקעסטער, מיט אַלע דעקאָראַציעס, און האָט דאָ צום ערשטן מאָל אויפגעפירט זיין באַרימטע אָפּערעטע: „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע". די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כאָדאָראָם. פילאַדעלפיע האָט נאָך אַזעלכעס ניט געזען און וועט שוין אפשר קיינמאָל ניט זען!

1946.

אידישער פילהאַרמאָנישער כאָר, ניו-יאָרק (מאַנהעטן, בראָנקס, ברייטאָן)
משה ראַיך, דיריגענט, 1961

נאָענטע פריינט פון יעקב שייפער

סאָפי און לעאָן
צמח און ענא פיינבאום
ראָוז און יאנא מילענקי
הערי און חנה איגער

פאָלגנדיקע פריינט פון ניו־יאָרק ערן דעם אָנדענק פון יעקב שייפער

הערי קעסלער
ראובן האָך
יאַנקל טוטשין
א. קאַגאַן
חנה און שימען סיימאַן
(אַראָנאָוו סאָסייעטי)

ג. ה.
אייב לעכאָוויצקי
י. און מ. פישמאַן
(פון קרעמענעץ)
סעם סטוירן
טשאַרלס און בעסי נעמעראָף

לינא סטארק
רוט און הערי סעקלער
י. זיסמאַן
סערע געלפאנד
מר. און מרס. לאכמאן
לינא מאגיד
אידיט און דזשעק פרץ
ר. און ש.
דינא לאנדאו
קלאַרא און הערי קאַרסאַן
ליבע וואָלפסאַן
אוירווינג טאוב
ב. איצקאָוויטש
סיי און בעסי מעידמאַן

זינגער פון פילהאַרמאָנישן כאָר ערן דעם אָנדענק פון שייפּערן
ציפּא זלאטניק
ס. קרוזשקא

סאָפי און דייוו ראָזען
(זינגער און בויער פון כאָר)

ראָוז ליטווינאָוו
(געזונגען מיט שייפּערן אין דער בראָנזווילער סעקציע
פון ערשטן טאָג אָן)

אייזיק אייווער
וועמענס טאָכטער האָט זיך געלערנט פּיאַנאָ ביי שייפּערן אין שיקאַגאָ

אין אָנדענק פון מיין פרוי
ראָזע סטיין
מיטגליד פון מאַנדאָלין אָרקעסטער
היימאַן סטיין

אין אָנדענק פון מיין ברודער דזשאָו
העלען פשיגאָדא

צום אָנדענק פון אונדזער מוטער
שרה פריילעך
געשטאָרבן אָקטאָבער1, 1958.
פאַמיל'יע דוקאלסקי
קינדער און אייניקלעך און אוראייניקלעך

אין אָנדענק פון מיין מאַן, דעם שוישפּילער
יאָסל פּאול
וואָס איז געשטאָרבן פעברואַר 12, 1958.
זיין פרוי ראַשעל, ליאַ און די קינדער

מיט ווייטאָג און צער דערמאָנען מיר דעם יאָרצייט פון אונדזער שוועסטער
ליבע סטעף-ווײנרוט
די פאַמיליע סטעף-ווײנרוט

אידישער פילהאַרמאָנישער פאָלקס־כאָר, מאַנהעטן

היימאַן און סיליע
גאָסי סטיינמאַן
דזשעני גאָלדסטיין
פאולין און הערי גרעיווער
אָסקאַר
מאָריס
שרה און אברהם שקאָלניק
סאָניאַ פריטקין
רעי לוירנער
דיינא אַנטאָנאָוו
קלאַראַ שעכטער
רובי זינגער
חיים זינגער
וואָלטער נעלסאָן
אסתר גראָסמאַן
בערטאַ מילער

ל. קורץ
סיליאַ לענגערט
האָדעס
מאַניאַ און זעליק זוראָוו
מאַשאַ באראש
פעני אווערבאַך
דזשודי ראָזען
דזשאָזעף קליין
קלאַראַ ווייסמאַן
בלענטש גודמאַן
דזשין עסטערקין
בעסי קאָלטער
י. וואַקס
עטל ביילעס
נעיטן ביילעס
לעאָן און סאָפי פענקין

Ben Hoffman
Sonia Garber
Goldie Levitt
Mr. & Mrs. S. Levin
Mr. & Mrs. Moss
Pauline Kreas, New Haven
Max & Ida Silverstein,
Rita Bauman
Bluma Feinstein
Anne M. Miller
Rose Manzi
Meyer Gerst
Alfred & Emma Posnick

M. Levin
Anna Papernick
Sylvia Hersher
J. Burman
Sam Marder
Harry Brofman
Esther Edid
Ethel Delman
Jacob Kaider
Leah Rubin
Helen Taghon
May Hughes
Jerry Trauber

אַ גרופּע כאָריער אין ניו־יאָרק ערן אָנדענק פון י. שייפער

דאָריס און הערי טשאַנאָווסקי
רוט סטרים
בערנאַרד מאָנדשיין
מיני ראַפּעלאָ
פעני גלאָצער
בען און דזשעני קליגער
פעני גוירשמאַן
נעדי מאַנדעל

אַנאַ באָגדאַנסקי
סאל לאפין
משה גראָס
לואיס ספּיוואַק
מייער לערנער
היימי קעץ
נעניע פרידמאַן

פאָלגנדיקע פריינט פון ניו־יאָרק ערן דעם אָנדענק פון יעקב שייפער

יעקב הערש קליימאַן
יעטאַ מאַרק
ט. און ג. וואָלף
ל. און מ. טענפּיעלד
ס. כאלפין
ג. יאקיר
ענא פעל
בערטא וועלנער
א. מענדעלסאָן
בערטא קאָהען
טילי
ג. ווייסמאַן
דיאנא בלאַק
סערע פרידמאַן
פּוירל גרינבלאַט
קלאַראַ ראָזענבערג
ה. קאָהען
איימאַן טאמס
ד. פענט
ס. וואַסערמאַן
ש. וואסיליעווסקי
ל. און ג. אָלאַנאָף
א. ראמבאס
בערטא קאָהען
ל. קאָהען
הירשקע האַלפערן
סעם קאַרסאָן
ס. רוטמאַן־ראַסקין
פ. שעוועלאָף

ג. קוירש
חנה פרידמאַן
א. טשערני
ט. און פ. דאַווידאָף
מ. קוטשיאַראָ
סערע שטילער
דזשעי בערנסטיין
פרענק באַרענפעלד
סאָפי עפשטיין
איוואַ פאָרעסט
מאַקס אייזענבערג
אידיט סעקס
סערע זינגער
מאַקס בערענשטיין
מינאַ לאָפּעז
סאָניאַ סאקס
בערטא פיינסטיין
ר. ראָזענסטיין
ג. ליפשיץ
עטל מייעראָוויטש
ענאַ קליין
א. בלאנק
פרענצעס בעקער
פיליפ בעקער
אייב סטיין
ווילי און סאָניאַ סורענקאָ
יעטקא ענגל
יוסף דראָגין

אין אייביקן אָנדענק פון מיין מאַן הערי
איידאַ וויניק

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין געליבטן מאַן
נאָרמאַן שניידער
געשטאָרבן דעם 3טן אויגוסט, 1949.

ראָוז שניידער

ליזאַ מאַסלאָוו

מיט כבוד פאַרצייכענען מיר דעם אָנדענק פון אונדזער ליבער מוטער, באָבע, שוועסטער און האַרציקן פריינט

ליזאַ מאַסלאָוו

אַוועק אין דער אייביקייט, מאַי דעם 14טן, 1959.

זי איז געווען אַ לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון פילהאַרמאָנישן פאָלקס־כאָר אין ניו־יאָרק. געזונגען אונטער יעקב שייפערס פירערשאַפט, שפּעטער אונטער די נאָכפאָלגנדיקע דיריגענטן: מאַקס העלפמאַן און דר. לעאָן קאָפּף.

ווי אַ קולטור באַוואוסטזיניקער מענטש האָט זי הויך אָפּגעשאַצט דעם בייטראָג פון יעקב שייפער צו דער פּראָגרעסיווער קולטור.

ערן מיר דאָ איר אָנדענק אין דעם ווערטפולן בוך, וועלכער פאַרצייכנט דעם 25סטן יאָרצייט נאָך יעקב שייפער.

קינדער, אייניקלעך, משפחה און נאָענטע פריינט:

טאָכטער סאָפי
איידעם מאַקס
זון בערנאַרד
שנור קלאַראַ
אייניקלעך, דזשאַני, דזשעין און עבי
ברידער און משפחה
פריינט:
חברים שלום און ליובא לעווין
חברים גענזעלאָוו
חבר שווידעל
באָריס און יעטאַ גורשטיין
פּעטאַלומאַ

חבר אַראָנסאָן
בערטאַ מילער
בלענטש גודמאַן
דזשעני קליין
חברים מאָס
מישאַ און פּירל ראָזמאַן
אַניוטאַ סאָשען
סיליע בלאַק
פּעי לאָגאַן
חבר סטאַר

מיט ווייטאָג און בענקשאפט אין אונזערע
הערצער פארצייכענען מיר דעם 4טן יאָרצייט
פון אונזער ליבן, אומפארגעסלעכן מאן, פאָטער און זיידע
מעקס שווארץ
וועלכער איז געשטאָרבן דעם
6טן דעצעמבער, 1957
צו שנעל איז אויסגעלאָשן געוואָרן דיין לעבן.
דיין הייטיגער קאמף פאר דער פראָגרעסיווער יידישער
קולטור און פאר דער ארבעטער קלאס וועט שטענדיג
זיין אן אינספיראציע פאר אונז. מיר וועלן דיך
קיינמאל ניט פארגעסן.
דאָס יידישע ליד און דער פילהארמאנישער
פאָלקס כאָר, וואָס דו האָסט געווידמעט איבער
30 יאָר, איז דיר געווען זייער טייער. אין דיין
נאָמען, ערן מיר דעם 25טן יאָרצייט פון דיין לערער,
יעקב שייפער
וואָס זיין לעבן איז אויסגעלאָשן אזוי יונג. מיר
זאָגן צו אז מיר וועלן שטענדיג האלטן דאָס יידישע
ליד טייער, וואָס איז אייך געווען אזוי ליב.
דיין פרוי עסטער
קינדער און אייניקלעך

פּאָול צוויק
ד. ערליכמאַן
ד. דאָרפמאַן
ג. לעווין
י. מילער
מעקס דזשענקינס
ס. גארבער
לינא ברעזענאָף
י. פעשאנסקי

צום 25סטן אָנדענק פון אונדזער יעקב שייפער, וואָס האָט אונדז איבער־געלאָזט אַזאַ ווערטפולע ירושה, ווייִנטש איך אַז דער מוזיק־פאַרבאַנד זאָל זען, אַז דאָס פאָלק זאָל וואָס מער געניסן פון דער זאַמלונג פון די אוצרות פון דער פאָלקס־נגינה.

סאָפי און לעאָן פענקין

פּאָליאַ שאַפּיראָ

געבוירן אין גאָראָדישטשע, קיעווער גובערניע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1912.

פּאָליאַ שאַפּיראָ האָט געזונגען מיט שייפערן אַלס סאָליסטקע אין קעמפּ „ניטגעדאַיגעט", ווי אויך אין קעמפּ „קינדערלאַנד", מיט שייפערן און מיט מענדי שיין.

זי איז געשטאָרבן פּריצייטיק, אַפּריל 18, 1956, אין ניו־יאָרק. זי איז געווען באַליבט ביי טויזנטער ווען זי האָט פאַרשאַפט פאַר־געניגן מיט איר פיינעם געזאַנג און מיט איר זוניקער פּערזענלעכקייט.

מאַן: סעם, זון: אַלעקסאַנדער, שנור: אַניטאַ,

אייניקלעך: וועגדי און בערי.

פאַמיליע:

ראָוז, יעטאַ, בעלאַ, קלאַראַ, אווראם קראָל, אַראָן, בעקי, יאני, ליליען, ווירא, דזשאָרדזש, נעיטן און גוירטרוד פּעקערמאַן, היימי און פעני, אווראם און ראָוז, גאָסי באָגוס, עלטשיק, לאַטי און מאריס.

פריינט:

רובין און קלאַראַ אָן; הערמאַן און כאָפּי פּאול; בוירגי אין אַדעל פּעדערמאַן, מאַיקי נורען.

אין אייביקן אָנדענק פון

דוד טוירנער

באַליבטער געזעלשאַפטלעכער טוער פון די כאָרן פון דרעסמאַכער־יוניאָן, פון איקוף.

געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, מערץ 6, 1961.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער ביי זיינע צאָלרייכע פריינט. זיין נאָמען וועט ניט פאַרגעסן ווערן.

פרוי: **זאָשא**

קינדער: **בלענטש, מאַרי, מעי,** שוועסטער: **אסתר שטראסבערג**

אייניקלעך: **מעדעלין און בעריל** ברידער: **דזשאָו טוירנער, מ. מ. טוירנער**

פריינט: **יוסף און בעלאַ טשערנאָווער, הערי ראַבינאָוויטש, רעבעקאַ לוירנער, מאָריס קאַרפּ, ל. געלבאַרט, לינאַ לעווין, משה און ליבע וואָלפסאָן.**

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין פרוי

לילי סעקער

וואָס האָט יאָרן לאַנג געזונגען אין כאָר מיט יעקב שייפערן און איז געווען באַליבט ביי אַלעמען.

מאַן אהרן, קינדער און אייניקלעך

אין ליכטיקן אָנדענק פון

ראָוז זיגעלבאום

איבערגעגעבענע זינגערין פון אידישן פילהאַרמאָנישן כאָר.

אהרן און סערע

In memory of Helen Stern Elbaum who was one of the first members of the Freiheit Gesangs Ferein when it was organized. She sang with the chorus for a number of years under Jacob Schaefer and continued to support the chorus even after being forced to leave it due to ill health.

פאָלגנדיקע פריינט פון ניו־יאָרק סטייט ערן דעם אָנדענק
פון יעקב שייפער

פאולין גאָלוב, מאָנטיסעלאָ

פריינט גודמאַן, ליווינגסטאָן מענאָר

ה. גאָפער, ביוקענען

מ. אַראָנסאָן, ניו־בורג

אידישער פילהאַרמאָנישער פאָלקס־כאָר, בריטאָן

דזשוליוס עפשטיין
מיני און איזידאָר מאָסקאָוויטש
סערא און היימען אָקון
בוירטא און יאָסל טענדלער
אייב און ביטריס שאַבעסאָן
סאָלאָמאָן און סערא גאַרבער
ראָוז קאָהען
לילי אייכלער
ענאַ פרידמאַן
הערי בלומסטיין
בעני אַקסעלראָד
מאַקס און ענאַ קאָהען
איידא סילווער
פעי
ענא
סאָניאַ קענטאָר
עטל רעכטמאַן
איידא באָראָדין
דאָראַ רייניש
סאָפי פישבוירג
מרים עדעמס
אסתר און לואי מאָזלין
וויליאַם גאָלד
אסתר און סעם טייפעלד
בערטא קוירשענבלאט
גאָלדע ראקער
פערל שוואַרץ
סערא נידל
גאָלדע אייזענבערג
בען ליובעראָוו
סאול וויניק
ראָוז און גרשון דובאָוו
חברים לייב

נינא גאָלדסטיין
לואיס בעקער
סערא און פאול שטראָמוואַסער
פרידא און מאָריס מילמאַן
לינא מאגיד
פעני האָפקינס
יעטא און דזשעק קוואט
הערי קאָהען
לינאַ
בען
ליאָ סליווקאָ
ט. ענגעלמאַן
לואי ראָזענבוים
דזשייקאָב סימעק
סעם זוסמאַן
מ. ראָזענבלום
א. ב.
אסתר עפשטיין
גערטרוד רודאָמין
בעלא טענענבאַום
יאַנקל טענענבאַום
בערי גלייזער
נייטן געץ
מר. און מרס. ה. דעניעלס
מר. און מרס. ב. סילווערמאַן
מר. און מרס. מ. גאָלדשטיין
מר. און מרס. סאָסיס
ליזאַ פאָדאָלסקי
רוט עדעלמאַן
מר. און מרס. דזשעק שילער
מר. און מרס. דזש. פעלדבערג
מרס. ברעליא
פעני באַנעסטירעס
(פאַר פעני ריבאַק)

אין ליכטיקן אָנדענק

פון גבריאל לענסקי

בויער פון בריטאַן כאָר.

אין אָנדענק פון חנה דובאָוו

וועלכע האָט געזונגען 11 יאָר
אין אונדזערע כאָרן מיט
שייפערן און העלפמאַנען.

גרישאַ, די קינדער נייטן און העלען דובאָוו

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם מאַן

נעיטן באסין

וואָס איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון יעקב שייפער.

סיליע און די קינדער

צום אייביקן אָנדענק פון אונדזער לערער, דיריגענט און פירער

יעקב שייפער

מיר, זיינע זינגער, תלמידים האָבן פאַרבראַכט מיט אים לאַנגע יאָרן אין שטאָט און זומער אין קעמפּ ביז דעם לעצטן קאָנצערט.

ער וועט שטענדיק לעבן אין אונדזערע הערצער.

מערי און יאַנקל פרידמאַן

אידישער פילהאַרמאָנישער פאָלקס־כאָר, בראָנקס

איידא און סאָלאָמאָן גאָרדאָן
בעיטן גאָלד
מאַקס אייזענבערג
ה. ל. לעווין
ע. טשערנין
אייב גוטסטיין
סאָפי
באַזאַנאָף
נח ראַפּאָפּאָרט
איידאַ איליאָן
ר. פיליפּס
ריטאַ העריסאָן
דזשאָו ריים
רעי ריים
גיטא סאלענדשער
פרענק סאלענזשער
קלאַראַ ליפשיץ
וו. רעימאָנד
יעקב סילווער
ראָוז
סערע יאפע
בען יאפע

סעם דזשעיקאָבס
א. גראָסמאַן
מעקס סיגעל
זימבערג
ד. לעיבאָוויץ
מ. העריס
ה. סיגוניק
לינא דאַינאָוו
סילוויא
מ. גווירסט
דזש. ר. לעיזעראָוויטש
דאָראַ און יעקב פיש
דזשעק גאָלדבערג
ל. וויינער
ס. שמוקלער
מינאַ קוירן
פרענק סטיינבערג
בערטאַ סטיינבערג
אסתר גלאָק
בען און ראָוז פּאָדאָלסקי
מאָריס קיפּניס

אין אָנדענק פון מיין מאַן
א ל ע ק ס מ א ר ק ו ס
א י י ד א מ א ר ק ו ס

אידישער פאָלקס־כאָר, דזשאַמעיקאַ, נ. י.

דער איבערגעגעבענער פריינט פון אידישן מוזיק פאַרבאַנד

י. אַראָנסאָן

ערט דעם אָנדענק פון

יעקב שייפער

בעסי, וועלכע האָט יאָרן לאַנג געזונגען מיט שייפערן צוזאַמען מיט איר מאַן סעם ליפשיץ ערן דעם אָנדענק פון שייפערן.

קלוב פאַר ריטייערטע פון בראָנקס פּאַרק איסט

ווי אַזוי וואָלטן מיר, די מיטגלידער פונעם קלוב פאַר ריטייערטע פון בראָנקס פּאַרק איסט, שייפערס בני דור, זיך געקאָנט אידענטיפיצירן מיט דעם געניאַלן קאָמפּאָזיטאָר, די קרוין פון דער אידיש־פּראָלעטאַרישער מוזיק יקעב שייפער, ווען מיר זאָלן ניט פאַרמאָגן אַן אייגענעם כאָר פון שייפערס דור?



אינעם זכות פון אונדז, דער כאָר פון ריטייערטע, הערט זיך יעדע וואָך געזאַנג, האַרט לעבן צימער וואו עס שטייט שייפערס דעסק און זיין שטול.

שייפערס גייסט און זיינע וואונדערבאַרע אויסטייטשונגען פון די ווערק פון אונדזערע דיכטער, וואָס האָבן אונדז באַזונגען און געוועקט, באַווירקן אונדז ווי אַ שפּריי־רעגן וואָס פרישט אָפּ און באַלעבט געוויקסן וואָס גאַרן נאָך אים. זינגענדיק זיינע ווערק לעבט ער אין אונדזערע הערצער דערפאַר:

אַ לויב דעם שעפער יעקב שייפער
פאַר זיין מי און זיין טאַלאַנט
וואָס ער האָט דאָס אונדז געגעבן
מיט דער פולער האַנט.

•
•
•

בּעקי גוריאָן
דזשאָו פּעלדמאַן
י. שניידער
ב. זאַלצמאַן
מאיר גוירסט
היימאַן קרוגער
י. שעוועלאָוו
העריַ געטצאָוו
קלאַראַ און מעקס
דזש. פּ.
פרידא לוריע
דאָראַ בראַון
יואל זבליסקי
ריעבעקאַ סאפּראַן
בלומע פּיינסטיין
פּעני לוירנער
ע. קעוועלסאָן
פּ. שטשופּאַק
פּאול ליפּשיץ
לינא וואלדאָרסקי
ענע לאופּער
דזשעק מילער
בערטאַ האָרן
סעם זיידנבלאַט
סעם קוירשנצווייג
איידא גאָלער
ליא קאָזענסקי
לואיס ליפּקין
בערטאַ פּעלדמאַן
אַנאַ גאָלוב
ב. טאָביאַש



כאָר פון קלוב פאַר ריטאַיערטע פון בראַנקס פּאַרק איסט, 1961. לואיס סטילמאַן, דיריגענט

זיצנדיק: לייקע, שעוועלאָוו, סאָפּין, איידע, סטילמאַן־דיריגענט, ראָכל, דובינסקי, לערנער און בעקי.

שטייענדיק: פּאַרבער, בריסקי, פראַנקרייך, שניידער, שולמאַן, זשאַגני־טינסקי, סילווער, אָלענבערג, סטיין און ליפּקין.

עס פעלן אויפן בילד: קלאַראַ, מעקס, הענריעטאַ, טאָביאש, בי פעלדמאַן, עני גאָלוב, זיסעלמאַן, קעוועלסאָן, מר. און מרס. בראָנשטיין, ליליען גאָלד־בערג, קליין.

אידישער פאָלקס־כאָר פון פעטערסאָן, נ. דזש.

לואיס און יעטאַ געלער
איזידאָר געלער
מר. און מרס. ה. סטיין
סערא וואָלף
חנה ברענמאַן
יוסף רייזמאַן
לאַזאַר רייזמאַן
מר. גרין
ראָוז רייזען
אסתר שוואַרצבערג
אילאַי שוואַרצבערג
מר. און מרס. דעיוויד בערמאַן
פעני שאָטלאַנד
מר. און מרס. א. גאָלדבערג
מר. און מרס. ג. מילער
מאַקס קאראס
דזשעק און רוט ווערנער
נעיטן גודמאַן
דזשעק ליבערמאַן
בעל בערנסטיין
דזשאָו וואָלקאָוויטש
ליא סארווער
מאַרטאַ סארווער
מאָריס און כייקע עטקינס
דזשאָו יאַנאָווסקי
דזשאָו אוונער
לייבל און נעכאַמע ערליך
דעיוויד סעלאָף
שניידער
ראָוז סאָלאָמאַן

אין ליכטיקן אָנדענק פון

חנה טורגעלסקי

געווען איינע פון די ערשטע זינגער און ערשטער רעגיסטראר פון „פרייהייט" געזאַנג־פאַראיין", ניו־יאָרק.

געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס דעם 25טן יוני, 1950.

שוועסטער: טייבל און שרה; ברודער: איציק

אין ליכטיקן אָנדענק פון אונדזערע ליבע עלטערן

חייע און זישע וואָלקאָוויטש

זיינען געווען איבערגעבענע זינגער און טוער פון פעטערסאָנען פאָלקס־כאָר.

די קינדער: בעל, ראָוז, סאל, דזשאָו

אין אָנדענק פון פאַלגנדיקע זינגער פוןברידזשפאָרט, קאָנ.

דזשעיק פאַקס
משה לעפערט
סאָפי פראָמסאָן
משה שיפיאָר
ב. גליקמאַן
יאַנקל קאַטין
חיים פלאָטקין

דער אידישער כאָר פון האַרטפאָרד און ספרינגפילד

באַגריסט דעם מוזיק פאַרבאַנד צו דער געלעגנהייט פון פאַראייביקן יעקב שייפערס אָנדענק.

אברהם גארבוס, פאַרוואַלטער
סעם גאָלדמאַן, דיריגענט



אידישער פאָלקס-כאָר פון האַרטפאָרד, קאָנ. און ספרינגפילד, מאַס.
ס. גאָלדמאַן, דיריגענט

♦

פון רעכטס צו לינקס, זיצנדיק:

מרס. גרין, ר. באָביק, ר. סאָלטמאַן, מ. מאָיגער, ע. װענדאָרף, ל. אייבראַמס, סעמועל גאָלדמאַן־דיריגענט, א. פאָמעראַנץ, פ. איידליס, קעטאָן, קאהן, מ. דאַנציג.

שטייענדיק:

לענאָן, פרימאַק, טעמקין, ל. אייבראַמס, באָרדמאַן, ד. ריס, ה. ריס, מ. פעװזנער, סאָניאַ זאַריצקי, ע. סטאָן, ד. נאָװיק, ע. מעלניק, א. מאַרגאָ, ש. נאָװיק, ס. פויגעלמאַן י. לעװין, א. סטאון, ב. מעלניק, פ. דרעסמאַן, ל. סטאָון.

עס פעלן אויפן בילד:

ג. לעװין, רודנער, די חברים סאָסלאַנד, א. גארבוס, דאָראָטי ראַנער, פ. קראַנץ, ד. קאָזאַק, סעװיט, ב. האָפמאַן און מ. בלום.

♦

אידישער פאַרמער־כאָר, לעיקוואוד, נ. דזש.

משה ראוף, דיריגענט

טשאַרלס מעלצער, סעקרעטאַר



אידישער פארמער כאר, משה ראוף, דיריגענט, 1961

סאָפּראַנאָס

מיימי גינדאָף
באַסיע כאַנוקאָף
קיידי גאָלוב
שרה לעיבאָוויץ
רבקה כידעקל
מאַניאַ דובניק
שרה סוכמאַן
איידאַ פּאָדאָלסקי
מינע מעלצער
ראָוז פרידמאַן
בעלאַ קאָפּעלאָוויץ
סאָפיע לעווין
גערטרוד קראַוועט
ראָוז ראָזעצקי
אסתר ראָזען

אַלטאָס

ראָוז לעקער
ליזא האָכבערג
דיאַנאַ גאָלד
העלען קרעמער
איידאַ לוטשאַנסקי
לינא אָזעראָף
אייפּער
אַנאַ שוואַרץ
גאָלדע לעווין
ראָוז זיידמאַן
מרים קענטאָר
אַנאַ זעלניקי
רחל בירינבוים
אַנאַ גאַלסטוק
מאַשאַ ליפּ
בעטי וועגדאָרף
בעסי פּינק

טענאָרן	**באַסן**
הערמאַן עדעלסטיין	גרשון ווײַנסטיין
מאָריס דובניק	דוד בערגער
בנימין ליפּ	סעם בערנאַרד
נחום אכמאַן	אַלעקס לעקער
סעם לעווין	חיים גינדאָף
מאַקס סילווערט	סידני ליפּצין
סידניי לעווין	סעם קאָהען
משה מילענסקי	הערי קענטאָר

אין אָנדענק פון מיין מאַן

סעם פּאָדאָלסקי

איידא פּאָדאָלסקי און קינדער

צום אייביקן אָנדענק פון מיין זון

ישראליק כאַנוקאָוו

בעסי כאַנוקאָוו

ניו־דזשוירזי

מ. פרידמאַן
מאַניאַ בלום
ראָוז הילבערג
רעבעקאַ שאַפּיראָ
ראָוז עימס
דאָראַ דענטיס
פעלדמאַן
שיליט
מערי שילד
שוירלי באָלטאָן
טאָלטשין
ב. שאַפּיראָ
הערי לאָובעל
לעווין

ב. לעוויט
ב. געקער
מר. און מרס. קאַרלין
אַ פריינט
מר. און מרס. דעיוויס
מ. פרידמאַן
מאַניאַ בלום
ראָוז הילבערג
ראָוז עימס
אסתר שילעט
דאָראַ דענטיס

פּראָגרעסיווע גרופּע פון
אַטלאַנטיק סיטי.



אידישער פאָלקס-כאָר, שיקאַגע, 1961, פּיטער שער, דיריגענט

געבענטשט זאָלן זיין די מענטשן וואָס היטן מיט זאָרגפעליקייט די אידישע נגינה, דעם אוצר פון אידישן פאָלק.

צום אָנדענק פון אונדזער גרויסן קאָמפּאָזיטאָר יעקב שייפער

לייבל סטאָלאָוויטש

שיקאַגע

פֿאָלגנדע מיטגלידער און פֿריינט ערן דעם אָנדענק

סעם און ראָוז אגראנאָווסקי
שמחה בונים אימיאַניטאָוו
דזשוליוס און יעטאַ בערמאַן
דאָראַ בעקמאַן
דזשעק און אסתּר באָרנשטיין
נייטן און גאָלדע גאָלדפֿאַרב
ענאַ און גרישאַ בלום
חברים סעם גערבער
ראָוז און מאַלי וועלנאַק
עמילי און סעם וואולף
יצחק און שרה זיסמאַן
יוסף זאגאָרין
ראַלף און עטל לעוויט
ראָוז לעווין
לואיס און ראָיז לערנער
בן־ציון און אנא לעווקאָוויטש
ענא און איזידאָר מארקוס
אידאַ און סאל מארקוס
ענא און אַראָן מאלינסקי
חברים מעש
אסתּר און בען מילער
פֿרענק מילמאַן
פֿיל און נעטי פֿאקס
היימאַן און אסתּר סענטשורי
אברהם און דזשעני פֿימאָף
אסתּר און מעקס פֿרענד
איזידאָר פֿאָמעראַנץ
דזשוליוס און סאָפֿי פֿעק
סאל און רוט פֿריבעל
ענא קאָריטא
דזשאָו קאַפּלאַן
דזשעני קרעמער
איזידאָר און יהודית רוטענבערג
פּיטער שער
שמואל און איווע שער
הערי שלאָסבערג
היימי און גיטל שערמאַן
ג. — אַ פֿריינט

דער בויער פֿון שייפּערס כאָר אין שיקאַגע

מאָריס פֿליישמאַן

און זיין פֿרוי סאָניאַ

ערן דעם אָנדענק פֿון יעקב שייפּער.

כ. שאַטאָווסקי, געזונגען מיט יעקב שייפּערן

סערא און סעם אַראָנאָף

רחל, פֿון כאָר אין שיקאַגע

שיקאַגאָ

די קינדער פון טויבע מאַנוסאָוויטש ערן איר אָנדענק מיט גרויס ליבע און בענקשאַפט

אַלעקסאַנדער
מלכה ניומאַן
אננא שאפּיראָ
שושנה גארנער

אין ליכטיקן אָנדענק פון **אָשר מאָנוסאָוויטש**
דיריגענט פון פרייהייט געזאַנגס פאַראיין אין שיקאַגאָ און מילוואָקי.
באַליבטער דיריגענט פון קינדער־כאָר ביים אַרבעטער־רינג.
אָנגעזעענער מוזיקער, קולטור־טוער און לערער.
געבוירן אין קרעמענעץ 1890, געשטאָרבן אין שיקאַגאָ 1931.
מיט טיפער בענקשאַפט און ליבע, די פאַמיליע:

פרוי כיניע

זון אליעזר און זיין פאַמיליע

די שוועסטער און שוואָגערס:

מלכה און יאשא ניומאַן
אנא און מנחם שאַפּיראָ
שושנה און משה גארנער
ברודער — אַלעקסאַנדער
שוועגערין מלכה מאנוס און זון נחמיה



דר. משה מאנוס

אין אָנדענק פון אונדזער יעקב שייפער דערמאָנען מיר, ליבער מאַן און פאָטער, דיין נאָמען מיט פיל בענקשאַפט. מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דר. מאַנוס איז געווען זייער מוזיקאַליש געשולט און אָנגעפירט די טענאָר־סעקציע פון כאָר פאַר פיל יאָרן. ער איז ניט נאָר געווען אַ זינגער, נאָר אויך אַ פאַרוואַלטונג־מיטגליד און געהאָלפן בויען און פאַרשטאַרקן אונדזער אידישן פאָלקס־כאָר.

ערע זיין שיינעם אָנדענק.

מלכה מאַנוס און פאַמיליע

שיקאַגע

דער קאָונסיל פון די לייען־קרייזן ביים איקוף באַגריסן דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד פאַר פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער אומשטערבלעכן דיריגענט און אָרגאַניזאַטאָר **יעקב שייפער**

פאָלגנדע לייען־קרייזן באַגריסן:

שלום אַש
גינא מעדעם
משה כץ
צבי הירשקאָן
ז. וויינפער
כאַווער פאַווער
אברהם קאַפלאַן
מענדעלע־ברייניני
משה אָלגין

אין אָנדענק פון

פעני הייקין

איר ליבע אין דער אַרבעט פאַרן אידישן געזאַנג און קולטור איז אַ מאָנומענט וואָס זי האָט זיך אַליין געשטעלט.

דיין טאָכטער שאַרלאָט און משפחה

צו זיין אַ מיטגליד אין אידישן פאָלקס־כאָר, וואָס דער אומפאַרגעסלעכער יעקב שייפער האָט געגרינדעט און געווען דער גייסטיקער מוזיק־פירער, איז אַ פריווילעגירטע זכיה, אַ הערלעכע אחריות.

שרה און סאל הורוויץ

אין אָנדענק פון

נעטי סעיבין

זינגערין פון כאָר

בערל מיטעלמאַן — דער געטרייער כאָר־טוער אין שיקאַגע

די שטאָט שיקאַגע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ היפּשע צאָל פּריינט, גיט זינגער, וועלכע האָבן דעם שיקאַגער פרייהייט געזאַנג פאַראיין אונטער שייפערן און אויך נאָך אים געשטיצט און געטריי אָפּגעהיט.

זיי האָבן געזען אינעם כאָר אַן איינציקע קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט, וואָס דערהויבט די גייסטיקע ניוואָ פון די אידישע מאַסן און האָבן ד'ערפאַר מיט גרויס אייפער געהאָלפן דעם כאָרס אויפהאַלטונג.

בערל מיטלמאַן איז געווען איינער פון די דאָזיקע פריינט. אין שיקאַגע האָט מען געוואוסט, אַז מיטלמאַן איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן די באַוועגונג און טאַקע פונקט אַזוי מיט לייב און לעבן האָט בערל מיטלמאַן געהאָלפן דעם כאָר. כאָטש אַליין האָט מען מיטלמאַנען קיינמאָל ניט גע־הערט זינגען, האָט עס אָבער אויסגעזען ווי די פונקציעס פונעם כאָר איז ביי אים אַ פאָרזעצונג, אַן איבערוואַנדלונג פון זיינע פּאָליטישע טעטיקייטן, וועלכע האָבן אויסגעפילט זיין לעבן פון זיין פריסטער יוגנט.

און זיין חברטע פעני! פריידע האָט באַלויכטן איר פּנים קוקנדיק אויפן בילד פון קינדער־כאָר, ביים געזאַנגס־פאַראיין פון וועלכן עס האָבן אַרויס־געשיינט זייערע צוויי טעכטערלעך.

זאָלן די עטלעכע שורות זיין צום אָנדענק די צוויי כאָר־פריינט בערל און פעני מיטלמאַן.

צו דער 50־יאָריקער גאָלדענער חתונה פון וויליאַם און ראָוז וועלטמאַן

טייערע עלטערן:

צו אייער 50־יאָריקער גאָלדענער חתונה ווילן מיר אייך באַגריסן ניט בלויז דערפאַר וואָס איר זייט געווען ליבע און איבערגעגעבענע עלטערן צו אונדז קינדער, איידעמס און שנור און אייניקלעך, נאָר ווייל איר האָט אייער גאַנץ לעבן געווידמעט עס זאָל זיין אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פון מונטער געזאַנג, וואו די שייפער לידער זאָלן אָפּקלינגען און מונטערן אין קאַמף פאַר שלום, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דיסקרימינאַציע.

אָנהויבנדיק אַלס טשאַרטער מיטגליד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד שניידער יוניאָן האָט איר געהאָלפן בויען דעם אַרבעטער־רינג, דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, די „מאָרגן פרייהייט”, די כאָר־באַוועגונג, דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד און די שיקאַגער פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס.

מיר ווינטשן אייך פיל געזונט, נחת און פריילעכקייט.

אייערע קינדער און אייניקלעך.

איקוף לייען־קרייז פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ

משה צעלעמענסקי, על פּאַזאָ, טעקסאַס

ס. רעכטמאַן, אַלאַבאַמאַ

אין ליכטיקן אָנדענק פון
משה רעזניקאָוו
דעם אומדערמידלעכן קולטור־טוער און בויער פון כאַר
עטל און די קינדער

מיר פאַרצייכענען דעם ליבן אָנדענק פון אונדזער מוטער און באָבען
ח י ה ל ע ו ו י ן

שטיל און באַשיידן און מיט טיפן גלויבן אין מענטשלעכן יושר, האָט זי געטראָטן איז לעבנס וועג. איר ליבע אין אַרבעט פאַרן אידישן געזאַנג בפרט, און פאַר דער אידישער קולטור בכלל, איז אַ מאָנומענט וואָס זי האָט זיך אַליין געשטעלט.
די פאַמיליע פון חיה לעווין

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין ליבער פרוי
פרידא סעידאָוו
געשטאָרבן אויגוסט 4, 1961, אין עלטער פון 63 יאָר. איר אַקטיוויטעט אין אַלע פּראָגרעסיווע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן. ביי אַלע וואָס האָבן זי געליבט און רעספּעקטירט.
קאַרל סעידאָוו און פאַמיליע

אין ליכטיקן אָנדענק פון
פריינט גאָלדין
אַ יאָרן־לאַנגער מיטגליד פון אידישן מוזיק־פאַרבאַנד

אין ליכטיקן אָנדענק פון דעם וועטעראַן פון
דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און פריינט פון
יעקב שייפער
וויליאַם טערמאַן, זיין זון מענדל טערמאַן

דערינערונגען וועגן מילוואָקי כאָר

פון סעם בלייוואַס

